STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02024

# BRIV FUN TOYTN-HOYZ

Ethel Rosenberg

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

עטל און יוליוס ראָזענבערג

בריוו פון טויטן־הויז

עטל און יוליוס ראָזענבערג

# בריוו פון טויטן־הויז

פארלאג „יידיש בוך" ווארשע 1953

*ETHEL I JULIUSZ ROZENBERG*

*LISTY Z DOMU ŚMIERCI*

Redaktor: L. OLICKI

רעדאַקטאָר: ל. אָ ל י צ ק י

Przekład z francuskiego: L. BERGER i M. LITWIN

איבערגעזעצט פון פראַנצויזיש: ל. בערגער און מ. ליטווין

Okładkę projektował: I. REJZMAN

הילע געצייכנט: י. רייזמאַן

*Printed in Poland*

Wydawnictwo „Idisz Buch“ Warszawa 1953 r.

Nr zam. 965. Nakład 6.500 egz. Druk ukończono w listopadzie 1953 r.
Ark. druk. 13,25, ark. wydawn. 11. Papier druk. sat. VII kl 61 x 86, 70 g
Druk RSW „Prasa“, Warszawa, Tarczyńska 8. 4-B-55173



„איך וויל דערגיין צו די קוואַלן פון אייער מוט און שטאָלץ אַזוי, אַז איך זאָל קאָנען לערנען מיינע קינדער צו זיין אַזוי ווי איר, און צו געבן כבוד דעם לאַנד פון זייער גבֿורה“.

האָוואַרד פאַסט

# פאָרוואָרט

חדשים לאַנג האָבן מיליאָנען מענטשן פון אַלע עקן וועלט געוואָנדן די אויגן צו דער תפיסה פאַר די פאַרמשפּטע צום טויט אין סינג־סינג, און האָבן מיט אַגמט און שרעק נאָכגעפאָלגט דעם שווערלעכן גוראַנגל פון צוויי אומשולדיקע ייִדישע פּאָלקס־מענטשן, אויף וועלכע די אַמעריקאַנער הערשער האָבן אויסגעגאָסן זייער גאַנצע רשעות און חיהשקייט. פאַר דער וועלט האָט זיך אַנטפּלעקט פון איין זייט אומגעהויערע מענטשלעכע פאַרהאַרטנקייט, אכזריות, סאַדיזם, ווילדער האַס און פאַראַכטונג צו אַלץ, וואָס איז מענטשלעך און פון דער צווייטער זייט — אומגלייבלעכע מענטשלעכע דערהויבנקייט, גאַלקייט, ווירדע, אויסדויער און מסירת־נפשדיקייט. דעם 19־טן יוני 1953 אייגס אַזייגער ביינאַכט האָט דער אָטעם פון דער וועלט זיך אָפּגעשטעלט. ווען מ׳האָט עטלען און יוליוסן אַוועקגעזעצט אויף דער עלעקטרישער שטול האָבן מיליאָנען מענטשן איבער גאַנצן ערד־קיילעך געפילט, אַזוי ווי דער עלעקטרישער שטראָם וואָלט זיך דורכגעריסן דורך זייערע אייגענע לייבער.

מער ווי דריי יאָר האָבן די אַמעריקאַנער מכשפה־יעגער געפּייניקט די צוויי מערקווירדיקע פאָלקס־העלדן. 26 חדשים האָט מען זיי געהאַלטן אין די טויט־קאַמערן. מ׳האָט אָנגעוואָנדן לגבי זיי די גרויזאַמסטע מאָס־מיטלען, וואָס רעוואָלטירן דאָס מענטשלעכע געוויסן. — רעדט, זייט אייך מודה אין „פאַרברעכן“ און מיר שענקען אייך דאָס לעבן — האָבן די אַמעריקאַנער געסטאַפּאָווצעס געטענהט צו זיי. — גייט איין אויפן בלבול, רעדט, ווייזט אָן אויף אַנדערע, ווען ניט וועלן מיר אייך פאַרברענען אויף דער עלעקטרישער שטול — האָבן זיי געדראָט, די אינקוויזיטאָרן. מ׳האָט אויסגענוצט זייער גרויסע קעגנזייטיקע ליבע, דראָענדיק יוליוסן מיטן טויט פון זיין פאַרגעטערטער פרוי און דער צאַרטער,

נאָבעלער עטל מיטן טויט פון איר היים=געליבטן מאַן. מ'האָט אויסגענוצט זייער טיפן צער און בענקשאַפט צו זייערע קינדער. טאָג איין טאָג אויס, שעה נאָך שעה, מינוט נאָך מינוט האָט מען געלאָזט לויערן אויף זיי דעם שרעקלעכן טויט. מ'האָט זיי טויזנטער מאָל געבריינגט אויף דער עלעקטרישער שטול.

יוליוס און עטל האָבן נישט גערעדט, נישט געלאָזט זיך אויסנוצן פאַר די פינצטערע צילן פון זייערע אינקוויזיטאָרן. פון באַשולדיקטע זענען זיי באַשולדיקער געוואָרן און פון די טויט=קאַמערן האָבן זיי געשלײַדערט אין פּנים פון די אַמעריקאַנער הערשער זייער שקר, זייער שאַנדע מיט אַזאַ קראַפט, אַז די צוויי פּשוטע, ביז איצט אומבאַקאַנטע מענטשן זענען אויסגעוואַקסן צו לעגענדאַרע געשטאַלטן. זיי האָבן מיט זייער ביישפּיל מיט איין מאָל איבערגעוויגן די וואָגשאָל אויף דער זייט פון מענטשלעכקייט, אויף דער זייט פון שלום קעגן דער משא פון חיהשקייט און בלוטגיריקייט. זייערע נעמען זענען געוואָרן סימבאָלן מאַמעס רופן אָן נאָך זיי די ניי=געבוירענע קינדער. זייערע „בריוו פון טויטן=הויז“, וואָס מיר ברענגען דאָ פאַרן יידישן לייענער, לייענט מען מיט פּיעטעט אין אַלע שפּראַכן פון דער וועלט. זייער טיפער, אומדערשיטערטער גלויבן אין פאָלק, אינעם זיג פון דער גערעכטיקייט, וואָס זיי האָבן אויסגעדריקט אין די בריוו, וועט אין אַלע צייטן באַגייסטערן מענטשן צו גרויסע טאַטן.

* * *

ווער זענען זיי געווען די צוויי מאַרטירער=העלדן? פונוואַנען האָבן זיי געשעפּט זייער אויסדויער, דעם גיגאַנטישן כוח, וואָס האָט זיי דערהויבן צו אַזאַ הויכער מענטשלעכער מדרגה?

יוליוס און עטל ראָזענבערג זענען אַרויסגעוואַקסן פון דער יידישער פאָלקס=מאַסע, פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט, וואָס פון זייערע קאַמפס=טראַדיציעס האָבן זיי געשעפּט גייסטיקע יניקה. קינדער פון אָרעמע אימיגראַנטן פון מזרח=אייראָפּע, האָבן זיי פון די יינגסטע יאָרן אָן זיך צוגעקוקט צום עלנט, צו דער נויט פון דער יידישער אָרעמשאַפט פון ניו=יאָרקער קוואַרטאַל איסט=סאַיד, געפילט אויף דער אייגענער הויט די עוולות און די ברוטאַלקייט מצד אַן אומיושרדיקער וועלט. פון די פריעסטע יאָרן האָבן זיי זיך צוגעקוקט צום פאַרביטערטן קאַמף, וואָס עס מוז פירן אַן אַרבעטס=מענטש, כדי צו פאַרטיידיקן זיינע מענטשלעכע רעכט, זיין רעכט אויף לעבן. פון קינדהייט אָן האָבן זיי אַריינגעזאַפּט אין זיך דעם הייליקן פונק פון רעוואָלט קעגן געוואַלדטאַט און אונטערדריקונג פון איין מענטש דורכן צווייטן, דעם דראַנג צו יושר, צו גערעכטיקייט, צו מענטשן=באַפרייונג. דערצויגן אין אַ טראַדיציאָנעלער יידישער סביבה, האָבן זיי פון דער יידישער טראַדיציע זיך צוגעאייגנט דאָס

שענסטע און דאָס בעסטע; געבוירענע אין אַמעריקע, האָבן זיי זיך צוגעאייגנט דאָס גאָבלסטע, וואָס דאָס אַמעריקאַנער פֿאָלק האָט געשאַפֿן אין לויף פֿון זיין געשיכטע. „ס'איז זייער שווער פֿאַר נישט אינפֿאָרמירטע מענטשן — לייענען מיר אין אַ בריוו פֿון יוליוסן צו עטלען פֿון 10־טן אַפּריל 1951 — צו פֿאַרשטיין אונדזער דערציִונג, די טיפֿע ווערטן פֿון אונדזערע לעבנס, באַזירט אויף אַ רעאַלער פֿאַרשטעלונג פֿון אונדזער אַמעריקאַנער ירושה מיט דער ייִדישער ירושה, וועלכע באַדייטן פֿאַר אונדז פֿרייהייט, קולטור און מענטשלעכע ווירדע, האָבן געמאַכט פֿון אונדז דאָס, וואָס מיר זענען...“

יוליוס איז געבוירן געוואָרן אין 1918 אין ניו־יאָרק ביי רעליגיעז־געשטימטע אַרבעטער־עלטערן. זיין פֿאָטער, וועלכער איז געשטאָרבן מיט זיבן יאָר צוריק, איז געווען אַ שניידער־אַרבעטער און איז געצוווּנגען געווען צו פֿירן אַ שווערע מלחמה, כּדי מפֿרנס צו זיין זיינע פֿינף קינדער. אין זכּרון פֿון יוליוסן האָבן זיך איינגעקריצט די לאַנגע שטרייקן, אין וועלכע זיין פֿאָטער האָט אָנטייל גענומען, און בעת וועלכע אין שטוב האָט געהערשט דחקות און נויט. אַן אַקטיווער טוער אין דער פּראָפֿעסיאָנעלער באַוועגונג פֿון די באַקליידער־אַרבעטער איז זיין פֿאָטער מער ווי יעדער אַנדער אַרבעטער געווען אויסגעשטעלט אויף דער ווילדער ברוטאַלקייט פֿון די באָסן, וועלכע האָבן זיך לסוף אין אים נוקם געווען פֿאַר זיין איבערגעגעבנקייט צו דער אַרבעטער־זאַך און אַרויפֿגעשטעלט אים אויף אַ שוואַרצער ליסטע. עס זענען געקומען שווערע טעג, די נויט איז געוואָרן אַן אָפֿטערער גאַסט אין שטוב, די ראָזענבערגס האָבן אָבער געלעבט מיטן גלויבן אין אַ בעסערן מאָרגן. די משפּחה האָט ליב געהאַט מוזיק און אין שטוב פֿלעגט מען זינגען אַלטע ייִדישע ניגונים און פֿאַרשידענע אַרבעטער־לידער. מ'האָט געשטרעבט צו בילדונג און די עלטערן זענען דערנאָך שטאָלץ געווען מיט זייער ייִנגסטן זון יוליוסן, אין וועמען זיי האָבן געזען די פֿאַרווירקלעכונג פֿון זייערע אַספּיראַציעס.

יוליוס איז געווען אַ פֿעיִק און ערנסט ייִנגל. ער איז געווען אַ גוטער שילער. אין די באַדינגונגען, אין וועלכע זיין משפּחה האָט געלעבט, ווערט אַ קינד פֿרי רייף. צו פֿופֿצן יאָר האָט יוליוס שוין אַ סך פֿאַרשטאַנען. ער האָט אויך פֿאַרשטאַנען, אַז ער מוז פֿאַרדינען אויף זיין לעבן. נאָך דער שול לויפֿט ער שנעל אויף אַ האַלבן טאָג אַרבעט אַלס אָנגעשטעלטער אין אַ געשעפֿט. ער האָט אַ סך אָבסערווירט, נאָכגעטראַכט. אים האָט געפּייניקט די נעגער־פֿראַגע אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן און נאָך אַלס ייִנגל האָט ער באַשלאָסן צו קעמפֿן פֿאַר די מענטשלעכע רעכט פֿון די נעגער. יוליוס איז אַלט געווען פֿערצן יאָר, ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, און די ייִדן־פֿאַרפֿאָלגונגען אין דייטשלאַנד האָבן אָנגעצונדן אין זיין יונגן האַרץ אַ פֿלאַמיקן האַס צום פֿאַשיזם.

אין 1935, אין עלטער פֿון זיבעצן יאָר, איז יוליוס אָנגעקומען אין אַ ניו=יאָרקער הויך=שול. אַ יאָר שפּעטער האָט ער באַגעגנט עטל גרינגלאַס, אויך אַ געבוירענע אין ניו=יאָרק.

עטל איז געווען מיט צוויי יאָר עלטער פֿון יוליוסן. דאָס איז געווען אַן עמפּפֿינדלעך און פֿאַרחלומט מיידל, אַ באַגאַבטע נאַטור מיט טיפֿע נייגונגען צו מוזיק, צו דיכטונג. זי האָט געשריבן לידער, אָנטיילגענומען אין אַ דראַמאַטישן קרייז, שטודירט מוזיק און געזונגען אין אַ כאָר. זי האָט פֿאַרדינט אויף איר לעבן, אַרבעטנדיק אַלס מאַשינעסטקע. עטל איז באַליבט געווען פֿאַר איר מילדקייט, פֿאַר איר האַרציקער גוטסקייט.

צווישן דעם יונגן יוליוס און דער יונגער עטל האָט זיך פֿאַרבונדן יענע גרויסע און ריינע ליבע, וואָס ווערט צעמענטירט דורך הויכע און שיינע מענטשלעכע אידעאַלן. צוזאַמען האָבן די צוויי יוגנטלעכע געזוכט אַן ענטפֿער — ווי זיי שרייבן אין זייערע בריוו — אויף די סאָציאַלע פּראָבלעמען, וואָס האָבן זיי געמאַטערט. צוזאַמען האָבן זיי געטרוימט וועגן אַ וועלט פֿון יושר און שלום, וועגן אַ וועלט, אין וועלכער ס'וועט זיין פֿאַר אַלע גענוג ברויט, רויזן און פֿרייהייט. צוזאַמען האָבן זיי אין יענע יאָרן געוויטיקט צוליבן פֿאַרויסמאַרש פֿון פֿאַשיזם אין אייראָפּע. מיט אָנגסט האָבן זיי נאָכגעפֿאָלגט די קאַמפֿן אויף די שפּאַנישע שלאַכט=פֿעלדער און זיך באַטייליקט מיט וואָס זיי האָבן נאָר געקאָנט אין די קאַמפּאַניעס לטובֿת דער שפּאַנישער רעפּובליק. זיי האָבן אויך צוזאַמען געלייענט פּאָעזיע און געשמועסט איבער ליטעראַטור, מוזיק, פֿילאָזאָפֿיע און דערביי נאָכגעטראַכט, ווי אַזוי די מענטשהייט קאָן אויסמיידן אַ בלוט=באָד און ווי אַזוי צו באַפֿרייען די וועלט פֿון דער פּלאָג פֿון ראַסן=האַס.

ווען יוליוס האָט אין 1939 באַקומען זיין אינזשעניר=דיפּלאָם, האָבן זיי פֿאַרווירקלעכט זייער באַשלוס און חתונה געהאַט. די מאַטעריעלע באַדינגונגען האָבן זיי אָבער נישט דערלויבט צו פֿאַרלייגן די געצאַרטע פֿאַמיליען=נעסט. זיי זענען געווען געצווונגען צו וווינען ביי יוליוסעס מוטער. יוליוס האָט באַקומען בלויז אַ צייטווייליקע באַשעפֿטיקונג אין ניו=יאָרק, עטל, דאַקעגן, האָט אויך אַ שטיקל צייט נאָך זייער חתונה געמוזט פֿאַרלאָזן ניו=יאָרק און זיך אויפֿהאַלטן דערווייל אין וואַשינגטאָן, וווּ זי האָט באַקומען אַרבעט אַלס מאַשינעסטקע.

אינצווישנצייט איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט=מלחמה און יוליוס רייסט זיך מיט זיין גאַנץ וועזן צו קענען זיין נוצלעך, צו קענען ביישטייערן צו צעקלאַפּן די היטלעריסטישע קריגס=מאַשין. עס געלינגט אים צו באַקומען אַ פּאָסטן אַלס יינגערער אינזשעניר ביי מיליטערישע אַרבעטן. דער סטאַבילער פּאָסטן האָט דערמעגלעכט, אַז עטל זאָל זיך אומקערן קיין ניו=יאָרק. זיי דינגען דעמאָלט אַ באַשיידענע וווינונג אין דעם אָרעמען ניו=יאָרקער קוואַרטאַל קניקער=באָקער, וווּ זיי האָבן גליקלעך צוזאַמענגעלעבט די לעצטע 10 יאָר ביזן אַרעסט.

נישט לייכט איז זיי אָנגעקומען אויפצובויען זייער אייגענע היים. מען האָט געמוזט אריין אין חובות, אויסלייען א טייל מעבל ביי פריינד — וואָס דאָס רייסט אַרונטער דעם שקר פון דער באַשולדיקונג, אַז זיי האָבן ברייט געלעבט פון פאַנדן, וואָס זענען געקומען פאר זיי פון מאָסקווע. יוליוס האָט מיטן גאַנצן אימפעט זיך אָפּגעגעבן זיין באַשעפטיקונג אין פאַרבינדונגס-קאָרפּוס, ווו ער האָט קאָנטראָלירט פאַרשידענע פאַרבינדונגס-אַפּאַראַטן פאַרן פראָנט. ער, פונקט ווי עטל, האָט אין דייטשן פאַשיזם, אין היטלעריסטישן איבערפאַל אויף די אייראָפּעישע לענדער, געזען די גרעסטע סכנה פאר דער מענטשהייט. די ידיעות וועגן די מאַסן-שחיטות איבער ייִדן אין די אָקופּירטע לענדער האָבן אויפגערודערט זייער רו. זיי האָבן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם נאָכגעפאָלגט די זיגן פון די סאָוויעטישע אַרמייען, און וועלכע זיי האָבן געזען די באַפרייער פון די פעלקער פון דער פאַשיסטישער מגפה. זיי האָבן זייערע מיינונגען נישט פאַרבאַהאַלטן, זיי האָבן זיי הויך פּראָקלאַמירט, זיי האָבן ווי אַ סך אַנדערע ערליכע און אַנטיפאַשיסטישע אַמעריקאַנער בירגער געפאָדערט צו עפענען דעם צווייטן פראָנט אין מערב-אייראָפּע. יוליוס פלעגט אויפווייזן זיינע מיטאַרבעטער, אַז דער ראַטנ-פאַרבאַנד טראָגט אויס דעם גרעסטן לאַסט פון דער מלחמה. זיי האָבן פאַרגעסן זיך צו באַטייליקן אין די אַקציעס לטובת די שפּאַנישע פליטים, פלעגן מאַכן פאַר זיי געלט-זאַמלונגען און עטל האָט זיך באַזונדערס אינטערעסירט מיטן גורל פון זייערע קינדער. — דאָס אַלץ האָט מען זיי שפּעטער פאָרגעוואָרפן אויפן פּראָצעס...

אין 1944 איז ביי זיי געבוירן געוואָרן זייער עלטערער זון מיכאעל און די יונגע עלטערן זענען געווען אויסער זיך פון גליק. זיי האָבן נאָך מיט מער ענטוזיאַזם פאַרטיידיקט זייערע אידעאַלן, געשטרעבט, אַז זייערע קינדער און אַנדערע קינדער זאָלן נישט וויסן פון קיין מלחמה און נויט. אומזיסט אָבער האָבן די ראַזענבערגס דערפילט, אַז זיי מוזן פאר זייערע אידעאַלן טייער באַצאָלן. ביים סוף פון דער מלחמה, איז יוליוס אָפּגעזאָגט געוואָרן פון פּאָסטן. זיין באַציונג צום ראַטנפאַרבאַנד, צום צווייטן פראָנט, זיין אַקטיווע באַטייליקונג אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג און ענלעכע זייַנד האָבן אים שוין דעמאָלט געמאַכט פאר אן אומגעוואונטשענעם עלעמענט. ס'האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן פאר די ראַזענבערגס שווערע צייטן. ס'איז נישט לייכט געווען צו באַקומען אַ סטאַבילן פּאָסטן. און יוליוס האָט, אין 1946, פאַרלייגט צוזאַמען מיט דריי שותּפים אַ וואַרשטאַט פון עלעקטרישע אַפּאַראַטן. איינער פון די שותּפים איז געווען עטלס יינגסטער ברודער דוד גרינגלאַס, אַ פּוסטער יונגערמאַן, וועלכער פלעגט אויסלאַכן דעם אידעאַליזם פון זיין שוואָגער, אים פאָרוואַרפן זיין באַציונג צום ראַטנפאַרבאַנד. דער אידעאַל פון דוד גרינגלאַסן איז געווען צו מאַכן געלט. דאָס שותּפותדיקע געשעפט איז אָבער נישט געגאַנגען. דוד גרינגלאַס

האָט געוואָלט זיך ארויסציען פון שותפות, געפאָדערט אים אויסצוצאָלן א סומע, וואָס יוליוס איז ניט בכוח געווען צו געבן. ס'איז דערגאַנגען צו קריגערייען. די באַציִונגען צווישן די צוויי שותפים זענען געוואָרן אַלץ מער אָנגעשטרענגטע. עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז שפּעטער, אין פרילינג 1950, ווען יוליוס האָט ניט געהאַט אויסצוליייגן קיין 2000 דאָלאַר, וועלכע זיין שוואָגער האָט פון אים געפאָדערט, האָט דער לעצטער אים געדראָט, אַז ער וועט דאָס באַרויערן...

אין 1947 איז ביי די ראָזענבערגס געבוירן געוואָרן זייער יונגערער זון ראָבי און עטל האָט זיך פולשטענדיק געווידמעט דער דערציִונג פון זייערע צוויי קינדער. די מאַטעריעלע באַדינגונגען זענען ניט געווען קיין געהויבענע, דער קרייזיס האָט געדריקט אויף די קליינע אונטערנעמער. די משפּחה האָט אָבער געלעבט גליקלעך, אין האַרמאָניע און טיפער פאַרגעטערונג איינער צום אַנדערן. מיט ליב און לעבן האָבן זיי ליב געהאַט זייערע צוויי ייִנגלעך, געפרייט זיך מיט זייער יעדן פאָרשריט און דערפאַר איז זיי נאָך טייערער געוואָרן די זאַך פון שלום פאַר וועלכער זיי האָבן געקעמפט. אַזוי האָבן די ראָזענבערגס געלעבט ביז זומער 1950, שטיל, באַשיידן, געשעצט און געאַכטעט פון די שכנים ווי גוטע, ערלעכע מענטשן.

זייער ווייטערדיקע לעבנס-געשיכטע דאַרף מען זוכן שוין ניט אין די ניו-יאָרקער אָרעמע קוואַרטאַלן פון איסט-סאַיד, ניט אין קניקערבאָקער-קוואַרטאַל, נאָך אין דער שכנותדיקער געגנט, וווּ עס געפינט זיך דער וואָל-סטריט, און אין די מלוכה-געביידעס אין וואַשינגטאָן — אין דער פעדעראַלער אויספאָרשונגס-ביוראָ פ. ב. י.* אין די געהיימע קאַמערן פון אַמעריקאַנער קריגס-מיניסטעריום, אין יוסטיץ-מיניסטעריום, און אין „ווייסן הויז" גופא, וווּ ס'זענען טייוולאָניש געשפינט געוואָרן די פעדעם פון דער גרעסטער דראַמע פון אונדזער צייט. די ווייטערדיקע געשיכטע פון יוליוסן און עטלען, דאָס איז די פינצטערע געשיכטע פון הייַנטיקן אַמעריקע, די געשיכטע פון אונדזער צייט, דאָס איז דער גורלדיקער געראַנגל צווישן די כוחות פון שלום און מלחמה, צווישן דעמאָקראַטיע און פאַשיזם.

* * *

ס'איז געווען דאָס יאָר 1950. א מבול פון מלחמה-היסטעריע האָט פאַרפליצט די פאַראייניקטע שטאַטן פון איין עק לאַנד ביזן צווייטן. זייט 5 יאָר האָט מען געהאַט ארייַנגעקלאַפּט אין קאָפּ פון אמעריקאַנער בירגער, אַז דער ראַטנפאַרבאַנד גרייט זיך צו באַפאַלן די פאַראייניקטע שטאַטן. די פרעסע, דער

* פעדעראַלע אויספאָרשונגס-ביוראָ — אַמעריקאַנער געהיים-פּאָליציי.

ראַדיאָ, די טעלעוויזיע, פילמען און בראָשורן האָבן איצט מיט נאָך א גרעסערער פאַרביסנקייט פאַרשפּרייט דעם דאָזיקן ליגן. די פאַרפאָלגונגען קעגן די דעמאָקראַטישע טיילן פון אַמעריקאַנער פאָלק דערגרייכן זייער הויך=פונקט. דאָס איז דאָס יאָר פון די גרעסטע מאַסן=אַרעסטן, פון פּראָצעסן אָרגאַניזירט דורך דער פ.ב.י. דאָס יאָר פון פאַשיסטישע געזעצן, וועלכע האָבן אַוועקגענומען ביים אַמעריקאַנער פאָלק זיינע דעמאָקראַטישע פרייהייטן. עס ווילדעוועט דער טעראָר פון דער קאָמיסיע צו פאָרשן אַנטי=אַמעריקאַנער טעטיקייט און טויזנטער מלוכה=אָנגעשטעלטע פאַרלירן זייער באַשעפטיקונג. די פעדעראַלע אויספאָרשונגס=ביוראָ — די אַמעריקאַנער געסטאַפּאָ פאַרוואַרפט אירע נעצן אין אַלע ווינקעלעך פון אַמעריקאַנער לעבן. מען גרייט ווידער לעגאַלע לינטשן קעגן נעגערישן פאָלק, די זיבן אומשולדיקע נעגער=יונגלעך פון מאַרטינסוויל און ווילי מאַק גי וואַרטן אויפן טויט אין זייערע תפיסה=קאַמערן. ס'איז געווען דער פאָרשפּיל צו דער אַגרעסיע אין קאָרעע. דעם 25=טן יוני האָט דער געוועזענער פּרעזידענט טרומאַן אויפן באַפעל פון וואָל=סטריט געגעבן דעם צייכן צו באַפאַלן דאָס קאָרעישע פאָלק.

מ'האָט אָבער געדאַרפט א באַרעכטיקונג פאַר דער מלחמה אין קאָרעע, עפּעס א באַווייז, אַז די פאַראייניקטע שטאַטן זענען באמת באַדראָט דורכן ראַטנפאַרבאַנד. און ווי קען דאָס זיין, א בעסערער באַווייז ווי א שפּיאָנאַזש=אַפערע אין דינסט פון ראַטנפאַרבאַנד? אגב האָט די אַמעריקאַנער רעגירונג שוין פריער זיך געניטיקט אין א סאָוועטישן שפּיאָן און געזוכט אים מיט ליכט. אין סעפּטעמבער 1949 איז טרומאַן געצוווּנגען געווען מודה צו זיין, אַז דער ראַטנפאַרבאַנד פאַרמאָגט דעם סוד פון דער אַטאָמישער באָמבע. פאַר דער אַמעריקאַנער רעגירונג איז דאָס געווען א שווערע פיל אַראָפּצושלינגען. ביז דעמאָלט האָט מען דאָך טרומייטערט, אַז די סאָוועטישע וויסנשאַפט איז גאָרנישט ווערט, און אַז די פאַראייניקטע שטאַטן זענען דאָס איינציקע לאַנד, וואָס באַזיצט די אַטאָמישע באָמבע מיט וועלכער מ'האָט געפּאָכעט ביי יעדער געלעגנהייט. זייט דעם ווי די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט אין 1945 אויסגעמאָרדעט אין הירָאָשימאַ און נאַגאַסאַקי 70.000 נפשות האָט זי אַריינגעקלאַפּט אין מוח פון אַמעריקאַנער בירגער דעם מיטאָס פון דער אַטאָמישער באָמבע, מיט וועלכער ער וועט קאָנען איינגעמען די גאַנצע וועלט. און דאָ פּלוצלינג ווייזט זיך אַרויס, אַז מ'האָט אים אָפּגענאַרט. אין וואַשינגטאָן האָט געהערשט צערודערונג, מ'האָט געזוכט אַן אויסוועג. צו הילף האָט די אַמעריקאַנער רעגירונג גענומען איר געסטאַפּאָ — די פ.ב.י.

קורץ נאָכדעם האָט מען אין וואַשינגטאָן און אין ניו=יאָרק געלאָזט קלאַנגען, אַז שפּיאָנען האָבן אַרויסגעגאַנוועט דעם סוד פון דער אַטאָמישער באָמבע. און פאַר וועמען אויב נישט פאַרן ראַטנפאַרבאַנד? די פ.ב.י. האָט אָנגעהויבן זוכן אַן „אַטאָמישן שפּיאָן“. ס'איז אָבער נישט לייכט צו געפינען עפּעס, וואָס עקזיסטירט נישט.

ס'איז אַדורך דאָס יאָר 1949, און דער ווינטער און פֿרילינג 1950, און מ'האָט דעם „אַטאָמישן שפּיאָן" נישט געפֿונען. און אַט זענען מיר ווידער אין דער אָנגעגליטער מלחמה־אַטמאָספֿער. ס'איז חודש יוני 1950, אַ פֿינצטערע דאַטע אין דער היינטצייטיקער געשיכטע פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן. וואַשינגטאָן מוז האָבן אַ „אַטאָמישן שפּיאָן" און ווען ער איז נישטאָ מוז מען אים באַשאַפֿן.

דעם 15־טן יוני 1950 האָט די געהיים־פּאָליציי אין ניו־יאָרק אַרעסטירט דעם שוואָגער און געוועזענעם שותּף פֿון יוליוסן, דוד גרינגלאַס, וועלכער האָט בעת דער מלחמה געאַרבעט אַלס מעכאַניקער אין דער פֿאַבריק פֿון אַטאָמישן געווער אין לאָס אַלאַמאָס, אין שטאַט ניו־מעקסיקע. אויף דוד גרינגלאַסן האָט שוין פֿון לאַנג געציטערט די הויט צוליב גנבֿות, וועלכע זענען פֿאָרגעקומען אין דער פֿאַבריק אין לאָס אַלאַמאָס בעת ער האָט דאָרט געאַרבעט, און וועגן וועלכע די פּרעסע האָט אין זייער צייט געהאַט געשריבן. די לעצטע צייט האָט די פֿ.ב.י. זיך אָנגעהויבן מיט אים צו אינטערעסירן, אים אָפּשטאַטן וויזיטן. גלייך נאָך זיין אַרעסט האָט די אַמעריקאַנער פּרעסע אַנאָנסירט, אַז מען האָט אַנטדעקט אַ שפּיאָנאַזש־אַפֿערע, און גרינגלאַס איז פֿאַרשפּאַרט געוואָרן אין אַ תּפֿיסה פֿאַר שווערע פֿאַרברעכער. אין דער אַטמאָספֿער פֿון מלחמה־היסטעריע האָט אים געדראָט טויט־שטראָף. אין דעם גאַנצן ענין אָבער איז פֿון אָנהייב דער נאָמען פֿון די ראָזענבערגס אַפֿילו נישט דערמאָנט געוואָרן, ער איז אויפֿגעשוווּמען ערשט שפּעטער, נאָך לאַנגע באַראַטונגען.

גרינגלאַס ווערט אומאויפֿהערלעך באַזוכט דורך די אַגענטן פֿון פֿ.ב.י. זיי דערוויסן זיך פֿון אים, אַז ער האָט אַ שוועסטער און אַ שוואָגער, וועלכע סימפּאַטיזירן מיט די קאָמוניסטן, וועלכע נעמען אָנטייל אין קאָמוניסטישע אַקציעס. און נישט צופֿעליק איז דער פֿאַרטיידיקער פֿון גרינגלאַסן געווען דער טרויעריק־באַרימטער אַדוואָקאַט חושאָן ראָגע, דער באַקאַנטער רענעגאַט פֿון דער שלום־באַוועגונג און איצטיקער פֿאָרשטייער פֿון טיטאָ אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. ס'הייבן זיך אָן לאַנגע געשפּרעכן צווישן אים, גרינגלאַסן און זיין פֿרוי רות, ס'קומען פֿאָר קאָנפֿערענצן אין וועלכע ס'נעמען אויך אָנטייל פֿאָרשטייער פֿון יוסטיץ־מיניסטעריום און דער גענעראַל־פּראָקוראָר סעיפּל, וועלכער האָט פֿון אָנהייב געפֿאָדערט איבערצופֿירן גרינגלאַסן קיין לאָס אַלאַמאָס. נאָך די אַלע קאָנפֿערענצן הערט דער פּראָקוראָר אויף צו פֿאָדערן דאָס איבערפֿירן פֿון אַרעסטירטן.

עס ווערט געשלאָסן אַ טייוולאָנישער אָפּמאַך: גרינגלאַס שטעלט צו אינפֿאָרמאַציעס, אַז ער און זיין פֿרוי רות זענען אינסטרומענטן, בלינדע אויספֿירער פֿון אַ שפּיאָנאַזש־נעץ, אָנגעפֿירט דורך יוליוס ראָזענבערג לטובֿת דעם ראַטנפֿאַרבאַנד. דער מנוול גרינגלאַס, אַ צעטומלטער, אַ טויט־דערשראָקענער גייט איין אויסצוטראַכטן אַ בלבול אויף זיין אייגענער שוועסטער און שוואָגער אבי צו ראַטעווען זיין אייגענע הויט.

צי וואָס אָבער האָט מען געדאַרפֿט די ראָזענבערגס? צי איז גרינגלאַס אַליין נישט גענוג געווען? דער ענטפֿער איז אַ פּשוטער: גרינגלאַס איז אַ מענטש פֿון גאָר אַ קליינעם ווערט. ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין פֿאַרבינדונגען מיט די פּראָגרעסיווע קרייזן, מיט דער שלום־באַוועגונג, קעגן וועלכער ס'איז אויך געווענדט די מאָנסטרועזע מאַכינאַציע. דער גנב און מסור גרינגלאַס האָט העכסטנס געקאָנט דינען אַלס אַ וואַנדערלויבע. אַנדערש איז דאָס מיט די ראָזענבערגס. משפּטנדיק אַזעלכע פּראָגרעסיווע מענטשן האָט מען אויסגערעכנט אָנצוּוואַרפֿן אַ שרעק אויף יעדן לייענער פֿון דיילי־וואָרקער, אויף יעדן, וואָס איז אויף דער זייט פֿון די שלום־קעמפֿער. און די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט ענדלעך געקאָנט האָבן אַ פּראָצעס, וואָס איז איר נייטיק געווען.

* * *

ס'האָט זיך אָנגעהויבן די בלוטיקע דראַמע, וואָס האָט אויפֿגעדעקט אין זײַן גאַנצער העסלעכער נאַקעטקייט דעם פֿאַשיסטישן פּרצוף פֿון די הײַנטיקע הערשער פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן. דעם 17־טן יולי 1950 פֿאַרטאָג האָבן אַגענטן פֿון דער פֿ.ב.י. אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פֿון די ראָזענבערגס, מיטגענומען יוליוסן און פֿאַרמאַכט אים אין אַ ניו־יאָרקער תּפֿיסה. אין אַ קנאַפּן מאָנאַט שפּעטער האָבן זיי אַוועקגעריסן עטלען פֿון אירע קינדער און זי פֿאַרשפּאַרט אין אַ צווייטער תּפֿיסה. די ראָזענבערגס האָבן פֿון אָנהייב געגלייבט, אַז ס'איז אַ טעות, אַז ס'וועט אויפֿגעקלערט ווערן. זיי האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט אויפֿן פּראָצעס. זיי האָבן זיך אָבער שנעל איבערצייגט, אַז זיי זענען קרבנות פֿון אַ מאָנסטרועזער פּראָוואָקאַציע, אַזעלכע ווי די רײַכסטאַג־שׂרפֿה, וואָס היטלער און גערינג האָבן אינסצעניזירט.

אין מערץ 1951 האָט אין ניו־יאָרק, אין אַ פּאָגראָם־שטימונג, אין אַן אַטמאָספֿער פֿון אָנגעגליטער מלחמה־היסטעריע זיך אָנגעהויבן דער פּראָצעס פֿון די ראָזענבערגס. וואַשינגטאָן האָט געלאָזט אין גאַנג איר גאַנצן פּראָפּאַגאַנדע־אַפּאַראַט, כּדי אויפֿצוהייבן די עפֿנטלעכע מיינונג קעגן די צוויי אומשולדיקע קרבנות; די פּרעסע און דער ראַדיאָ האָבן טאָג איין טאָג אויס געטראָמייטערט וועגן די פֿאַרברעכנס פֿון די צוויי „אַטאָמישע שפּיאָנען“. אין אָפֿיציעלע דערקלערונגען און אין די לייט־אַרטיקלען פֿון די צײַטונגען האָט מען אָנגעוויזן, אַז אַ דאַנק זיי האָט איצט דער ראַטנפֿאַרבאַנד די אַטאָמישע באָמבע, וואָס באַדראָט דאָס לעבן פֿון יעדן אַמעריקאַנער בירגער. אויפֿגערייצטע באַנדעס פֿון גוט־געקליידעטע פֿאַרשוינען, האָבן זיך געלאָזט איבער די גאַסן פֿון ניו־יאָרק, וואַשינגטאָן און אַנדערע שטעט מיט אַן אַנטיסעמיטישער ריטשעריי, פֿאָדערנדיק טויט־שטראָף פֿאַר די ייִדישע „אַטאָמישע שפּיאָנען“; אין דער זעלבער צײַט האָט די מלחמה־

פּאַניק אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע לאַנד. אומעטום האָט מען אָרגאַניזירט פּרוון פון פּאַסיווער פאַרטיידיקונג. באַשרייבונגען אין צייטונגען, בראָשורן, צייכענונגען און בילדער האָבן פאָרגעשטעלט אין אַלע איינצלהייטן די גרויזאַמקייטן פון די אַטאָמישע פאַרניכטונגען. דאָקטוירים און קראַנקן-שוועסטער זענען געווען מאָביליזירט צו רעטונגס-אַקציעס. מיט דער געפאַר פון אַ סאָוויעטישן איבערפאַל האָט מען פאַרסמט אַפילו די קינדער אין די שולן, וועלכע זענען מיט שרעק געזעסן אויף די שול-בענק און אויפגעציטערט ביי יעדן דרויסנדיקן גערויש אין דער צייט ווען זייערע עלטערן האָבן איבערגעלעבט קאָשמאַרע נעכט...

אַזאַ אַטמאָספער האָט אויך געהערשט אויפן געריכט-זאַל, ווו אויף דער באַשולדיקונגס-באַנק זענען געזעסן יוליוס און עטל. מיטן זעלבן גייסט זענען אויך געווען אָנגעשטעקט די 12 געשווירענע ריכטער, די „פרייע אַמעריקאַנער בירגער“, וועלכע דער יודענראַטישער ריכטער אירווינג קויפמאַן האָט לאַנג פאַרן פּראָצעס צוגעקליבן און צוגעגרייט.

לויטן באַשולדיקונגס-אַקט האָט יוליוס ראָזענבערג, וועלכער זאָל האָבן געווען אין די יאָרן 1944—1950 דער פירער פון אַ שפּיאָנאַזש-נעץ, איבערגעגעבן דער סאָוויעטישער רעגירונג דעם מאָדעל פון דער אַטאָמישער באָמבע, וואָס דוד גרינגלאַס זאָל האָבן אויפגעצייכנט און באַשריבן אויף צוועלף זייטלעך פּאַפּיר, בעת ער האָט געאַרבעט אין דער אַטאָם-פאַבריק אין לאָס-אַלאַמאָס. ווי אַזוי האָט גרינגלאַס דאָס געמאַכט, ער, וועלכער האָט געאַרבעט אַלס פּשוטער מעכאַניקער און גאָרנישט געהאַט צו טאָן מיט דער וויסנשאַפטלעכער אָפּטיילונג? ס'איז דאָך באַקאַנט, אַז די פאָרשונגס-אָפּטיילונג איז הערמעטיש פאַרמאַכט, און ווי אַזוי האָט ער זיך דאָרט אַריינבאַקומען? ער האָט זיך באַקענט מיט דער קאָנסטרוקציע פון דער אַטאָם-באָמבע, האָט באַשטעטיקט דער אַמעריקאַנער וואַנדערליובע, אונטערהערנדיק די שמועסן פון זיינע שעפן... נאָכמער: 5 יאָר שפּעטער, ערב דעם פּראָצעס, האָט גרינגלאַס, וועלכער האָט נישט פאַרמאָגט די מינדעסטע נייטיקע קענטענישן פון מאַטעמאַטיק, פיזיק און כעמיע, ער, וואָס זיין טעמפּקייט איז נאָך באַקאַנט געווען אין דער שול, רעפּראָדוצירט פון זכרון דעם קווערשניט פון דער אַטאָמישער באָמבע און די באַשרייבונגען זאָל ער האָבן איבערגעגעבן יוליוסן. צווישן די עדות, וועלכע מען האָט מיט טאַראַראַם אָנגעזאָגט, אַז זיי וועלן אַרויסטרעטן אויפן פּראָצעס, איז אויך געווען דער באַקאַנטער אַמעריקאַנער פיזיקער פּראָפ. האַראָלד יורעי, וועלכער איז געווען איינער פון די אָנפירער פון די לאַבאָראַטאָריעס אין לאָס-אַלאַמאָס בעת מ'האָט דאָרט פּראָדוצירט די ערשטע אַטאָם-באָמבע. מ'האָט אָבער דעם געלערנטן נישט אַרויסגערופן צום פּראָצעס און ס'איז פאַרשטענדלעך פאַרוואָס: ער האָט געקאָנט לייכט צונישט מאַכן די גאַנצע באַשולדיקונג. פּראָפ. יורעי האָט דערנאָך אייניקע מאָל דערקלערט עפנטלעך, אַז ס'איז אוממעגלעך, ס'איז אַן אַבסורד צו גלייבן, אַז אַ מענטש מיט אַזאַ

בילדונג ווי גרינגלאַס פאַרמאָגט, זאָל קאָנען אויפן סמך פון אונטערגעהערטע שמועסן אויפצייכענען די סכעמע פון דער אַטאָמישער באָמבע און זי באַשרייבן אויף 12 זייטלעך פּאַפּיר אין דער צייט ווען די באַשרייבונג פון אַזאַ קאָנסטרוקציע פאָדערט אַ 80—90 גראָבע ביכער און איז פאַרשטענדלעך נאָר פאַר וויסנשאַפט=לער=ספּעציאַליסטן.

פון די אַנדערע 133 אַנאָנסירטע עדות האָט מען אַרויסגערופן בלויז 23, פון וועלכע בלויז 3 האָבן געקענט די ראָזענבערגס. מ'האָט אַרויסגערופן אַלס עדות אַזעלכע עקספּערטן ווי די פּאָליציי=אַגענטן עליזאַבעט בענטלי, וועלכע האָט זיך באַקאַנט געמאַכט מיט אירע אַנטיקאָמוניסטישע אַרויסטרעטונגען. בענטלי האָט זיך אַגב מודה געווען, אַז זי קען אינגאַנצן נישט די ראָזענבערגס, אָבער זי האָט פאַרזיכערט דעם געריכט, אַז יעדער קאָמוניסט איז אַ סאָוויעטישער שפּיאָן... אָט אויף אַזעלכע עדות און אויפן עדות=זאָגן פון גרינגלאַס און זיין פרוי רוט, וועלכע האָבן וואָרט ביי וואָרט ציטירט די לעקציע, וואָס מ'האָט זיי פריער אויסגעלערנט, האָט זיך געשטיצט דאָס געריכט. ווען דער מנוולדיקער מסור גרינגלאַס האָט זיך אין עפּעס פאַרפּלאָנטערט, איז אים גלייך צוהילף געקומען דער פאָרזיצער, דער „יידישער" ריכטער קויפמאַן, וועלכער האָט דעם גאַנצן פּראָצעס פאַרוואַנדלט אין אַן אַנטיקאָמוניסטישער און אַנטיסאָוויעטישער העצע. אירווינג קויפמאַן איז אין זיין ציניזם דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ביים אַרויסטראָגן דעם אורטייל האָט ער געמאַכט פאַראַנטוואָרטלעך די ראָזענבערגס פאַר דער מלחמה אין קאָרעע.

אויפן סמך פון אַבסורדאַלן באַשולדיקונגס=אַקט, וואָס מ'האָט פאַרן פּראָצעס דריי מאָל געענדערט ביז זיי האָבן אים צונויפגעשטיקעוועט, אויפן סמך פון די סתירותדיקע און ציניש „עדות"=דערקלערונגען האָט מען די ראָזענבערגס נישט געקאָנט פאַרמשפּטן נישט נאָר נישט צום טויט, נאָר אַפילו נישט צו דער לייבס=מער שטראָף. די בעסטע יוריסטן האָבן פעסטגעשטעלט, אַז אויפן סמך פון אַזעלכע זינלאָזע באַווייזן, וואָלט דער פּראָצעס געדאַרפט אַנולירט ווערן. די אַמעריקאַנער „יוסטיץ" האָט אָבער דאָס מאָל, פּונקט ווי מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק, בעתן סאַקאָ=וואַנזעטי=פּראָצעס, פּונקט ווי אין אַ סך אַנדערע פאַלן, — אויסגעפירט די פונקציע פון אַ גוטן אינסטרומענט פון די אַמעריקאַנער באַנקירן און אַנדערע געלט=מאַגנאַטן, פון זייערע מיניסטאָרן און גענעראַלן, און דעם 5=טן אַפּריל 1951 זענען די ראָזענבערגס, וועלכע האָבן פון אָנהייב אָן באַוויזן זייער אומשולד, פאַר=משפּט געוואָרן פאַרברענט צו ווערן אויף דער עלעקטרישער שטול. דאַקעגן דוד גרינגלאַס. וועלכער האָט זיך „מודה" געווען, אַז ער האָט „אַרויסגעגנבעט" דעם אַטאָמישן סוד, איז פון דעם טעראָראַם=פּראָצעס אינגאַנצן אַרויסגענומען געוואָרן. כדי ס'זאָל נישט צופיל אויפרייסן די אויגן, האָט מען אים ערשט שפּעטער פאַר=משפּט בלויז צו 15 יאָר תפיסה מיט דער פּערספּעקטיוו אים צו באַפרייען נאָך

5 יאָר, אויב ער וועט זיך „גוט אויפֿפירן“, — מסתּמא וועט מען אים איינגיכן באַפֿרייען, ער קען נאָך צונוצקומען. רוט גרינגלאַס, זיין פֿרוי, וועלכע האָט זיך „מודה“ געווען און אויסגעפֿירן די פֿאַרבינדונג צווישן די ראָזענבערגס און איר מאַן, ווען ער איז געווען אין לאָס־אַלאַמאָס, איז בכלל נישט אַרעסטירט געוואָרן. אָט די מנוולדיקע מוסרים, דוד און רוט גרינגלאַס, דאַרפֿן דאָס זיין אַ ביישפּיל פֿאַרן אַמעריקאַנער בירגער, אַזעלכער דאַרף זיין, הייסט עס, דער אַמעריקאַנער „לעבנס־סטיל“.

* * *

די בלוטיקע אינסצעניזאַציע איז געוואָרן גוט איינגערעזשיסירט, די ליגנערישע פּראָפּאַגאַנדע האָט אומאויפֿהערלעך געהעצט, דער פּראָוואָקאַטאָר גרינגלאַס און זיין פֿרוי רוט האָבן איינגעחזרט און דערנאָך רעציטירט זייערע ראָלן. די געשוואוירענע ריכטער האָבן געזאָגט „שולדיק“, ווי מען האָט פֿון זיי געפֿאָדערט. דער ריכטער קויפֿמאַן האָט זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט אויסצופֿירן דעם באַפֿעל פֿון וואָל־סטריט. אַלץ איז געווען גוט צוגעגרייט, נאָר איין זאַך האָבן זיי נישט פֿאָרויסגעזען: זיי האָבן נישט גערעכנט, אַז זיי זאָלן נישט קאָנען צעברעכן זייערע קרבנות, אַז אָט די צוויי באַשיידענע, שטילע מענטשן וועלן קאָנען שטעלן אַזאַ אומבויגזאַמען, ווירדיקן ווידערשטאַנד. די, וועלכע קויפֿן און פֿאַרקויפֿן אַלץ פֿאַר דאָלאַרן, האָבן זיך נישט געקאָנט פֿאָרשטעלן, אַז צוויי פּשוטע מענטשן וועלן נישט איינגיין צו פֿאַרלייקענען דעם אמת, צו פֿאַראַטן זייערע אידעאַלן, אַפֿילו נישט פֿאַר אַזאַ פּרייז ווי פֿאַרן שענקען זיי דאָס לעבן.

דער ציל פֿון די איניציאַטאָרן פֿון דעם בלוטיקן בלבול איז געווען אַ ווייטגייענדיקער: צווינגען די ראָזענבערגס זיך „מודה“ צו זיין, וואָס וואָלט זיי געהאָלפֿן נאָך צו פֿאַרשטאַרקן די קאַמפּאַניע קעגן ראַטנפֿאַרבאַנד, וואָס וואָלט זיי דערלויבט אָנצווייזן אויף יעדן שלום־קעמפֿער ווי אויף אַ שפּיאָן און צו צעברעכן די שלום־באַוועגונג. דעריבער האָבן זיי אַלץ געטאָן אַרויסצובאַקומען פֿון די ראָזענבערגס אַ הסכּמה צום בלבול. און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער גרויזאַמער מאַרטירער־וועג פֿון יוליוסן און עטלען. קורץ נאָכן אורטייל, נישט וואַרטנדיק אויפֿן באַשלוס פֿון אַפּעלאַציע־געריכט, האָט מען עטלען איבערגעפֿירט אין טויטן־הויז אין סינג־סינג. מ׳האָט זי פֿאַרשפּאַרט אין אַ קאַמער אין אַן אָפּטיילונג, וווּ זי איז געווען איינע אַליין. אויסער דער וועכטערין האָט זי דאָרט קיינעם נישט געקאָנט זען, נישט געקאָנט הערן קיין שום לעבעדיקן קלאַנג. אַליין מיט דער טויט־שטילקייט, מיט דער גרויזאַמער שטילקייט פֿון סינג־סינג־תּפֿיסה. אַלץ איז געווען אַזוי איינגעאָרדנט אַרום איר, אַז זי זאָל וואָס שנעלער פּסיכיש איינגעבראָכן ווערן. עטל האָט געשריבן פֿון איר טויטן־קאַמער, אַז דער מאָראַלישער דרוק, וואָס מען

איבט אויס אויף איר, איז גלייך צו די מאַרטער-אינסטרומענטן, וועלכע מען פלעגט אָנווענדן אין מיטלאַלטער. אין העלפט מאַי איז יוליוסן געלונגען איבערגעפירט צו ווערן אין טויטן-הויז אין סינג-סינג. ער האָט עס געפאָדערט, כדי צו קאָנען זיין נעענטער צו זיין פרוי. איצט זענען זיי געווען פאַרשפאַרט עטל אין איר טויטן-קאַמער פון איין זייט תפיסה און יוליוס אין אַ טויטן-קאַמער פון דער צווייטער זייט תפיסה, ווו ס'האָט זיך געפונען בלויז אַ פאָר מעטער פון אים די עלעקטרישע שטול. זיי האָבן געקענט זיך זען בלויז איין שעה אין דער וואָך. לעבן עטלס טיר פלעגט ווערן אַוועקגעשטעלט אַ שטייג אויף רעדער. אינמיטן שטייג איז פאַראַן אַ דיקע און געדיכטע דראָט-פאַרצוימונג און ביי יעדן עק פון שטייג איז פאַראַן אַ טיר. עטל פלעגט אַריינקומען פון איר קאַמער דורך איין עק פון דער שטייג און זיך אַוועקזעצן לעבן דער דראָט-פאַרצוימונג און יוליוס דורך דער צווייטער טיר. עס איז זייער שווער געווען צו זען איינער דעם אַנדערן, ס'איז נישט מעגלעך געווען די מינדסטע באַרירונג מיט דער האַנט, זיי האָבן בלויז געקענט רעדן און הערן איינער דעם צווייטן.

דער שאַנטאַזש מיט זייערע לעבנס האָט זיך אַלץ מער פאַרשטאַרקט. מען האָט זיי געגעבן אָנצוהערן: נישט וויכטיק צי איר זייט שולדיק צי נישט, באַשטעטיקט, אַז איר האָט געפירט שפּיאָנאַזש לטובת דעם ראַטנפאַרבאַנד און איר זייט געראַטעוועט, אויב נישט, וועט איר אומקומען אויף דער עלעקטרישער שטול. יוליוס און עטל האָבן מיט דער גרעסטער פאַראַכטונג אָפּגעוואָרפן אויסצוקויפן זייער לעבן פאַר אַזאַ פרייז. זיי האָבן געשריבן: „מיר ווילן נישט שטאַרבן, מיר זענען יונג און שטרעבן צו אַ לאַנג און פרוכטבאַר לעבן. אָבער אויב אָנשטאָט דעם טויט קאָנען מיר נאָר אויסקויפן אַן אויסגעקויפט לעבן פאַרן פרייז זיך אָפּצוזאָגן פון אונדזער מענטשלעכער ווירדע און פון קאַמף פאַר דעמאָקראַטיע און פאַר אונדזערע אידעאַלן, זעען מיר נישט פאַר זיך קיין שום צוקונפט און מיר וואָלטן דעמלט גאָרנישט געקאָנט איבערגעבן בירושה אונדזערע קינדער און די אַנדערע, וועלכע וועלן אונדז איבערלעבן. וואָס פאַראַ ווערט האָט אַ לעבן אָן דעם רעכט צו קאָנען ווירדיק לעבן? דער טויט גופא איז נישט שרעקלעכער ווי אַ סטעריל לעבן, אויסגעליידיקט פון געזעלשאַפטלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט און פון מוט צו פאַרטיידיקן די אייגענע איבערצייגונגען".

און אַ צווייט מאָל: „מיר ווילן, אַז איין זאַך זאָל קלאָר זיין: אָן אונטערשיד פון די קאָנסעקווענצן, וואָס דאָס קאָן אונדז ברענגען, זענען מיר דעצידירט צו דעמאַסקירן די פּאָליטישע פּראָוואָקאַציע, פון וועלכער מיר זענען קרבנות. די, וועלכע באַשולדיקן אונדז אין שפּיאָנאַזש, ווילן מיט אונדזער טויט אַ סוף מאַכן מיט די, וועלכע שטעלן זיך אַנטקעגן דער פּראָוואָקאַציע, וואָס איר ציל איז אַריינצוּוואַרפן די וועלט אין אַ מלחמה און אונדזער לאַנד אונטערצוּוואַרפן אַ פּאָליציייִשן רעזשים".

אומדערמידלעך, מיט א גיגאנטישער קראפט, מיט אזויפיל קלארזעעוודיקייט, מוט און אויסדויער, וואס האט ארויסגערופן די גרעסטע באוואונדערונג אין דער גאנצער וועלט, האבן יוליוס און עטל אין זייערע טויט-קאמערן געפירט די שלאכט, דעמאסקירט די פראוואקאציע, אומאויפהערלעך געבראכט באווייזן. דאס אפעלאציע-געריכט האט באשטעטיקט דעם טויט-אורטייל. אין זיין דעציזיע ווערט אונטערגעשטראכן, אז דער גורל פון די פארמשפטע איז אפהענגיק פון דעם, צי זיי וועלן זיך מודה זיין, צי ניש. די ראזענבערגס האבן זיך אבער קיין איין מינוט ניש געוואקלט. זיי האבן פארשטאנען, אז עס האנדלט זיך ניש נאר אין זייערע אייגענע לעבנס, אז פראקלאמירנדיק זייער אומשולד פארטיידיקן זיי די זאך פון שלום, פון דעמאקראטיע און פון פרייהייט. דער דאזיקער באוואוסטזיין האט זיי געגעבן כוח אויסצוהאלטן אלע פייגען, האט זיי באפליגלט מיט אזא קראפט, קעגן וועלכער עס זענען צעשמעטערט געווארן אלע פינצטערע מאנעוורן און שאנטאזשן פונעם שונא. מער ווי א יאר האבן זיי, פארשפארטע, פארפייניקטע אין זייערע קאמערן, איינזאמע, צעריסענע פון ווייטיק צוליבן גורל פון זייערע קינדער, אליין געפירט די שלאכט, ביי זייער זייט האבן זיי דעמלט נאר געהאט זייער איבערגעגעבענעם און מוטיקן אדוואקאט עמאנועל בלאך. ערשט אין אויגוסט 1951 האט די פראגרעסיווע פרעסע אין די פאראייניקטע שטאטן אנגעהויבן אויפצודעקן די מאכינאציע קעגן זיי.

ביסלעכווייז האט זיך די וועלט דערוווסט דעם אמת און אויפגעשוידערט געווארן פון דער גרויזאמער דראמע, וואס האט זיך אפגעשפילט אין אמעריקאנער טויטן-הויז סינג-סינג. מיטן ענין ראזענבערג האבן זיך פאראינטערעסירט די גרעסטע יוריסטן און וויסנשאפטלער פון דער וועלט. די בארימטסטע געלערנטע און זאך-קענער פון דער אטאמישער ענערגיע און צווישן זיי דער אויבן ציטירטער אמעריקאנער וויסנשאפטלער האראלד יורעי, פרידעריק זשאליא-קירי, פראפ. אלבערט איינשטיין און אנדערע האבן באוויזן די זינלאזיקייט פון גרינגלאזעס דערקלערונגען, אויף וועלכע ס'האט זיך געשטיצט דער אורטייל. די באדייטנדיקסטע יוריסטן פון אלע לענדער און צווישן זיי דער גרעסטער אויטאריטעט אין יורידישע ענינים, דער אדוואקאט פון ענגלישן קעניגלעכן הויז ד. נ. פראיט, וועלכער איז געוועזן פארזיצער פון דער ליגע צו רעפארמירן דעם שטראף-קאדעקס אין ענגלאנד און בשעתו געוועזן פארזיצער פון אינטערנאציאנאלן קאמיטעט פאר אויספארשן דעם ענין רייכסטאג-שרפה, האבן באוויזן פון יורידישן שטאנדפונקט די זינלאזיקייט פון דער באשולדיקונג. די אמעריקאנער „יוסטיץ“, די לינטש-יוסטיץ פון דער אמעריקאנער „דעמאקראטיע“ האט זיך ווייניק וואס דערמיט איבערגענומען און אין אקטאבער 1952 האט דאס העכסטע געריכט פון די פאראייניקטע שטאטן באשטעטיקט דעם טויט-אורטייל פון דער ערשטער אינסטאנץ און פון אפעלאציע-געריכט.

* * *

דער באַרבאַרישער אורטייל איבער די ראָזענבערגס האָט דערשיטערט דאָס געוויסן פֿון דער וועלט. אַ מעכטיקע כוואַליע פֿון פּראָטעסטן האָט אַרומגעכאַפּט דעם גאַנצן ערד־קײַלעך.

עס האָבן פּראָטעסטירט און געפֿאָדערט גערעכטיקייט פֿאַר די ראָזענבערגס מענטשן פֿון אַלע סאָציאַלע שיכטן, פֿון פֿאַרשידענע ריכטונגען אין פּאָליטישע אָנשויונגען. עס האָבן אויפֿגעהויבן זייער שטים גרויסע וועלט־באַרימטע געלערנטע און פּשוטע מענטשן, גלויביקע פֿון אַלע רעליגיעס, שרײַבער, מלוכה־מענער, גײַסטלעכע, הונדערטער מיליאָנען מענטשן פֿון אַלע ערד־טיילן. אַ גרויסער טייל פֿון דער בירגערלעכער פּרעסע האָט אין די מערב־אייראָפּעיִשע לענדער זיך אַרויסגעזאָגט פֿאַר אַ רעוויזיע פֿון פּראָצעס. עס זענען אַרויסגעטראָטן קעגן געריכטן גרויזאַמען מאָרד אַזעלכע מענטשן ווי די רעכטע פֿראַנצויזישע שרײַבער פֿראַנסואַ מאָריאַק, זשאָרזש דוהאַמעל, דער קאַרדינאַל זשערליע.

די קאַמפּאַניע צו ראַטעווען די ראָזענבערגס האָט דערגרייכט צו די ווײַטסטע, פֿאַרוואָרפֿנסטע ווינקלען פֿון דער וועלט. אומעטום, אין אַלע לענדער, אין אַלע שטעט זענען געשאַפֿן געוואָרן פֿאַרטיידיקונגס־קאָמיטעטן. אויף אומצאָליקע מיטינגען, גאַס־דעמאָנסטראַציעס האָבן מיליאָנען מענטשן אויף דער גאַנצער וועלט פּראָטעסטירט און געפֿאָדערט גערעכטיקייט פֿאַר די צוויי העלדישע שלום־קעמפֿער. צו די אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדעס און קאָנסולאַטן אין אַלע לענדער האָבן אומאויפֿהערלעך געשטראָמט דעלעגאַציעס, זיי זענען פֿאַרשאָטן געוואָרן מיט פּראָטעסט־בריוו. אין ווײַסן הויז אין וואַשינגטאָן, אין אַמעריקאַנער העכסטן געריכט זענען אָנגעקומען מיליאָנען בריוו און טעלעגראַמעס פֿון אַלע עקן וועלט. בלויז אין חודש יאַנואַר 1953 זענען אין „ווײַסן הויז“ אָנגעקומען איבער אַ מיליאָן בריוו און דעפּעשעס מיט דער פֿאָדערונג צו באַגנעדיקן די צוויי אומשולדיקע מענטשן. דער געוועזענער פּרעזידענט טרומאַן, אונטער וועמענס הערשאַפֿט די בלוטיקע דראַמע איז אינסצעניזירט געוואָרן, האָט אָבער פֿאַר זײַן פֿאַרלאָזן דאָס ווײַסע הויז נישט „באַוויזן“ צו באַטראַכטן די באַגנעדיקונגס־ווענדונג פֿון די ראָזענבערגס. דער נײַער הערשער פֿון ווײַסן הויז האָט דעם 11־טן פֿעברואַר צום ערשטן מאָל אָפּגעוואָרפֿן די באַגנעדיקונגס־ווענדונג. מיטן טעקסט פֿון דער ווענדונג, וועלכער האָט געפֿאָדערט מינימום צוויי שעה בלויז אים איבערצולייענען, האָט אײַזנהאַוער זיך באַקענט אין אַ האַלבער שעה. גלײַך נאָכדעם, ווי ער האָט געגעבן דעם באַפֿעל צו דערמאָרדן אַן אומשולדיקע מאַמע און טאַטע פֿון צוויי קליינע קינדער, איז דער אַמעריקאַנער פּרעזידענט אַראָפּגעגאַנגען שפּילן אין גאָלף. די היטלעריסטישע תּליינים, ווען זיי פֿלעגן אַוועקשיקן זייער קאָנטינגענט

אין די גאַז־קאַמערן פון אוישוויץ, מאַידאַנעק אָדער טרעבלינקע, פלעגן זיי אויך גיין זיך פאַרווײַלן.

די מעכטיקע פּראָטעסטן פון דער וועלט האָבן צײַטווײַליק פאַרהאַלטן די הענג פון תּלין. צוויי מאָל זענען די אַמעריקאַנער בלוטדורשטיקע הערשער געווען געצוווּנגען אָפּצולייגן דאָס אויספירן פון מאָרד.

די אַטאָמישע חיות האָבן אָבער נישט געטראַכט אַרויסצולאָזן דעם קרבן פון זייערע נעגל. כּדי צו שאַפן דעם אײַנדרוק, אַז אַלע יורידישע פּראָצעדורן זענען אויסגענוצט געוואָרן, האָט דאָס העכסטע אַמעריקאַנער געריכט ווידעראַמאָל גענומען זיך צו באַטראַכטן צי ס'איז פאַראַן אַ גרונט צו דערלאָזן צו אַ רעוויזיע פון פּראָצעס. אין דער זעלבער צײַט אָבער האָט דאָס יוסטיץ־מיניסטעריום אויסגעאיבט אַ כּסדרדיקן, אומדערהערטן דרוק אויפן העכסטן געריכט, ווו די רעגירונג האָט אַרײַנגעשיקט דרײַ פאָרשטייער פון יוסטיץ־מיניסטעריום צו היטן, אַז אין די ריכטער זאָל זיך חס־ושלום נישט דערוועקן דאָס מענטשלעכע געוויסן...

אין צווישנצײַט זענען אַנטדעקט געוואָרן נײַע באַווײַזן פון אומשולד, באַווײַזן, וואָס האָבן געוויזן דעם בלבול אין זײַן גאַנצער נאַקעטקייט. דער באַשולדיקונגס־אַקט האָט זיך געשטיצט אויף אַ דערקלערונג פון גנב גרינגלאַס, אַז יוליוס ראָזענבערג זאָל האָבן באַקומען פון דער סאָוויעטישער אַמבאַסאַדע אַ טיש מיט אַ טאָפּלטן צודעק, וואָס האָט אים געדינט צו מאַכן פאָטאָס פון די געהיימע אַטאָמישע פּלענער. ענדלעך איז דער טיש אָפּגעפונען געוואָרן און ס'איז באַשטעטיקט געוואָרן, אַז דאָס איז אַ געוויינלעכער טיש, וואָס די ראָזענבערגס האָבן געקויפט אין אַ מאַגאַזין „מעסים“ פאַר אומגעפער 21 דאָלאַר, אַזוי ווי זיי האָבן דאָס אָנגעגעבן אויפן פּראָצעס. און ענדלעך איז דער פאַרטיידיקונג געלונגען צו באַקומען אַ בריוו, געשריבן פון גרינגלאַסן, וועלכער דערציילט ציניש, אַז זײַנע דערקלערונגען זענען געווען דיקטירט דורך דער פ. ב. י. ס'האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן, אַז די אַנדערע עדות־דערקלערונגען זענען געווען ליגנערישע, און ס'האָט זיך געקאָנט אויסדרוקן, אַז אין אָנבליק פון אַזעלכע בולטע באַווײַזן פאַר דער גאַנצער וועלט וועלן די גאַנגסטער אין טאָגעס פון ריכטער און אין פראַקן פון מיניסטאָרן נישט וואַגן. זיי האָבן אָבער אַראָפּגעוואָרפן דעם שלייער. דעם 25־טן מאַי האָט דאָס אַמעריקאַנער העכסטע געריכט, אונטערן כּסדרדיקן אויפזיכט פון גאַנגסטערישן יוסטיץ־מיניסטער בראַונעל צום דריטן מאָל אָפּגעוואָרפן די ווענדונג צו רעווידירן דעם פּראָצעס, און דער יודענראַטישער ריכטער קויפמאַן האָט נאָכדעם מיט אַ סאַדיסטישער הנאה געקאָנט באַשטימען אויסצופירן דעם מאָרד איבער די ראָזענבערגס דעם 18־טן יוני, אין יאָרטאָג פון זייער חתונה.

די וועלט האָט אויפגעציטערט. אַ נײַער מעכטיקער פּראָטעסט־געשריי איז אויפגעשטיגן פון הונדערטער מיליאָנען הערצער. די געשיכטע קען נישט אַזאַ אויפברויז, אַזאַ שטורעם פון פּראָטעסטן, ווי ס'איז אויסגעבראָכן פאַר ראַטעווע

די ראָזענבערגס. אין די פֿאַבריקן פֿון פֿראַנקרייך, איטאַליע און אַנדערע לענדער האָבן די אַרבעטער איבערגעריסן פֿיל מאָל די אַרבעט, מאַניפֿעסטירט אויף די גאַסן, לערער אין די שולן האָבן די שילער דערציילט דעם מאַרטירער=וועג פֿון די צוויי גרויסע העלדן. ריזיקע מענטשן=מאַסן, מאַמעס מיט קינדער אויף די הענט, פּראָפֿעסאָרן און סטודענטן האָבן געשטראָמט צו די אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדעס. שול=קינדער האָבן געזאַמלט אויף די גאַסן אונטערשריפֿטן פֿאַר דער באַגנעדיקונג פֿון די פֿאַרמשפּטע, גלויביקע מענטשן האָבן תּפֿילה געטאָן פֿאַר זיי. מענטשן פֿון פֿאַרשידענע ריכטונגען האָבן זיך פֿאַראייניקט אין געמיינזאַמע פּראָטעסטן, גאַנצע פֿעלקער זענען אויפֿגעשטאַנען און געפֿאָדערט דאָס לעבן פֿאַר די ראָזענבערגס. און זאָל דאָ דערמאָנט ווערן די מעכטיקע פּראָטעסט=אַקציע פֿון גרויסן פֿראַנצויזישן פֿאָלק. די מויערן פֿון די פֿראַנצויזישע שטעט און שטעטלעך האָבן זיך באַדעקט מיט אויפֿשריפֿטן, מיט בילדער פֿון די צוויי מאַרטירער=העלדן, פֿאַר וועלכע עס ליגן איצט שטויסן בלומען. טאָג און נאַכט האָט פּאַריז געשטורעמט, מאַניפֿעסטירט זיין צאָרן און פּראָטעסט. דאָס גאַנצע פֿראַנצויזישע פֿאָלק מיט זיינע גרויסע געלערנטע, אַרטיסטן און גייסטלעכע האָט געקעמפֿט אומדערמידלעך פֿאַרן לעבן פֿון עטל און יוליוסן.

מיליאָנען הענט פֿון אַלע עקן וועלט האָבן זיך געצויגן קיין וואַשינגטאָן, געפֿאָדערט אין נאָמען פֿון גערעכטיקייט און מענטשלעכקייט, געוואָרנט, געבעטן נישט צו באַפֿלעקן דעם נאָמען פֿון אַמעריקע. דאָס געוויסן האָט זיך אָפּגערופֿן ביים ריכטער פֿון העכסטן געריכט, דוגלאַס. נאָכן דורכשטודירן במשך פֿון 12 שעה די מאַטעריאַלן האָט ער דעם 17=טן, לויט אַ לעגאַלער געריכטלעכער פּראָצעדור, פֿאַרהאַלטן די עקזעקוציע. דער טויט האָט זיך אויף אַ טריט צוריקגעצויגן. גלייך אָבער האָט אַ ווילדער שגעון אַרומגעכאַפּט די אַמעריקאַנער הערשער, זיי האָבן זיך צעוואָיעט ווי אַ סטאַיע בלוט=דורשטיקע הינט. אַלץ איז געשטעלט געוואָרן אויף די פֿיס. דער יוסטיץ=מיניסטער בראַונעל האָט אומלעגאַלערהייט צוריקגערופֿן פֿון די פֿעריען דאָס העכסטע געריכט, וואָס האָט דעם 19=טן מיט 5 שטימען פֿון 9 צונישט געמאַכט דעם באַשלוס פֿון ריכטער דוגלאַס.

קוים אַ האַלבע שעה נאָכן באַשלוס פֿון העכסטן געריכט האָט אייזענהאַוער צום צווייטן מאָל שוין אָפּגעוואָרפֿן די באַגנעדיקונגס=ווענדונג, נישט פֿאַרבאַהאַלטנדיק אַזוי אַרום, אַז ער האָט זי אַפֿילו נישט איבערגעלייענט.

אין זייערע טויט=קאַמערן אין סינג=סינג האָבן עטל און יוליוס געוואַרט רואיקע, באַהערשטע, שטאָלצע און ווירדיקע. זיי האָבן אויפֿגענומען די ידיעה וועגן זייער באַלדיקער עקזעקוציע מיט אַ רואיקייט, וואָס קומט נאָר פֿון אַ ריינעם געוויסן און פֿון אַ טיפֿן גלויבן אין דער גערעכטיקייט פֿון דער זאַך, פֿאַר וועלכער מען גיט אָפּ דאָס לעבן.

די פּאַרטיי־דיקער האָבן נאָך געמאַכט פּאַרצווייפלטע פּרוון, האָבן פּאָרגעלייגט נייע באַווייזן, געבעטן אָפּלייגן די עקזעקוציע כאָטש אויף עטלעכע שעה, כּדי צוצוגרייטן און צושטעלן נאָך אַנדערע באַווייזן פון אומשולד. פּראָפ. יורעי האָט זייט מערערע טעג געבעטן דעם אַמעריקאַנער פּרעזידענט און פריער דעם יוסטיץ־מיניסטער אים אויפצונעמען, כּדי אים צו באַווייזן די אומוואַרשיינלעכקייט פון דער באַשולדיקונג, דער מוטיקער אַדוואָקאַט בלאָך האָט ביז דער לעצטער מינוט געוואַרט פאַר דער טיר פון „ווייסן הויז“ אויפגענומען צו ווערן דורך אייזענהאַוער. אָבער אומעטום זענען די טירן פאַרקלאַפּט געווען. די־עמ־ט האָבן זיי אַן איבעריק מאָל געוויזן דער וועלט, אַז זיי האָבן נישט געדאַרפט קיין באַווייזן פון אומשולד פון די ראָזענבערגס, אַז וועגן זייער אומשולד האָבן זיי פון לאַנג גוט געוווּסט. זיי האָבן געדאַרפט, וואָס שנעלער שטעלן די דערשיטערטע וועלט פאַר אַ געשעענעם פאַקט. און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ ווילדע געיעג אויף צו צואײַלן דעם מאָרד. ס'איז נישט קיין צופאַל, וואָס מיט אַ פּאָר טעג פריער האָט לי סין־מאַן אַדורכגעפירט אַ פּראָוואָקאַציע אין די לאַגערן פון די קריגס־געפאַנגענע אין דרום־קאָרעע און פאַשיסטישע באַנדעס פון מערב־דייטשלאַנד האָבן געפּרוווט אַדורכפירן אַ פאַשיסטישן פּוטש אין מזרח־דייטשלאַנד. די דריי פּראָוואָקאַציעס האָבן געזאָלט צעשטערן די ערשטע געמיינזאַמע שריט, וואָס די פעלקער האָבן דעמלט געמאַכט צו פאַרהיטן דעם שלום, און זיי האָבן זיך געאײַלט.

דער ציניזם פון די מערדער האָט קיין גרענעץ נישט. צום ערשט איז די עקזעקוציע באַשטימט געוואָרן אויף 11 אַזייגער (4 אַזייגער פאַרטאָג לויט אונדזער צייט). ס'איז אָבער געווען ערב שבת און די אַמעריקאַנער היטלעריסטן קאָנען נישט דערלאָזן, אַז צוויי ייִדן זאָלן פאַרברענט ווערן אויפן עלעקטרישן שטול אום שבת. דער גאָטספאַרכטיקער פּרעזידענט אייזענהאַוער, דער מיניסטער בראַונעל און מאַק־קאַרטי רעספּעקטירן די רעליגיעזע געפילן פון זייערע קרבנות. האָבן זיי צוגעאײַלט דעם ראַסיסטישן מאָרד מיט עטלעכע שעה, כּדי אים אויסצופירן פאַר ליכט־בענטשן...

אין די לעצטע שעהן, ביז דער לעצטער מינוט האָבן די מערדער מיט ראַפינירטקייט, מיט אויסגערעכנטקייט זיך נאָך איזדיעקעוועט איבער די צוויי מאַרטירער־העלדן. אין זייערע פינצטערע מוחות איז נאָך געווען די אויסרעכענונג, אַז פּנים אל פּנים מיט דער עלעקטרישער שטול, וועלן זייערע קרבנות זיך אַ וואַקלטאָן, און מען האָט זיי געזאָגט: ס'איז נאָך נישט צו שפּעט, איר קאָנט נאָך ראַטעווען דאָס לעבן. די תפיסה סינג־סינג איז פאַרבונדן געוואָרן טעלעפאָניש מיטן ווייסן הויז אין וואַשינגטאָן. דאָרט האָבן געוואַרט אייזענהאַוער און זיין מיניסטער בראַונעל; דער בלוט־דורשטיקער הונט מאַק־קאַרטי האָט אָנגעשפּיצט די אויערן און מיט אַ סאַדיסטישער הנאה שוין געטראַכט וועגן נייע קרבנות, וואָס דאָס וועט אים דערמעגלעכן. דער פאַשיזם האָט אַ סך אַספּעקטן, זיין סאַדיזם, זיין

רשעות האָט פאַרשיידענע פאָרמען. פריער האָט מען אַריינגעפירט יוליוסן, כדי עטל זאָל נאָך איבערלעבן דעם מאַרטירער־טויט פון איר מאַן, אפשר וועט זי זיך נאָך באַטראַכטן. און זיי האָבן געוואַרט. ס׳וואָלט גענוג געווען איין וואַקל, איין וואָרט, איין שאָקל מיטן קאָפּ. אָבער ניין, זיי האָבן אַ טעות געהאַט. יוליוס און עטל זענען געגאַנגען צום מאַרטירער־טויט מיט געהויבענע קעפּ, שטאָלצע און ווירדיקע. זייערע געזיכטער זענען געווען רואיקע און זייערע מיילער פאַרשלאָסן און מיט זייער האַלטונג האָבן זיי אַזאַ הילכיקן פּאַטש געגעבן זייערע תּליינים, אַז זייער חרפּה וועט שוין קיינמאָל נישט פאַרשווינדן.

ס׳איז געווען 8 אַזייגער אָוונט אַמעריקאַנער צייט. אין מיליאָנען הערצער אויף דער גאַנצער וועלט האָט געברויזט דער צאָרן, מיליאָנען פויסטן האָבן זיך געבײַלט. אין תּפיסה סינג־סינג האָט אויפגעפלאַקערט דאָס פייער פון מאַידאַנעק, אוישוויץ און פון טרעבלינקע. די פייניקונג אויף דער עלעקטרישער שטול האָט געדויערט 2 מינוט מיט 45 סעקונדן פאַר יוליוסן און 4½ מינוט פאַר עטלען. מינוטן אייביקייטן. זייערע יונגע לייבער האָבן נישט געוואָלט שטאַרבן. עטל און יוליוס האָבן זיך געריסן צום לעבן. זיי האָבן אָבער גענומען אויף זיך דעם מאַרטירער־טויט פאַרן שלום פון דער וועלט, פאַר דער פאַרברידערונג צווישן פעלקער, פאַר פרייהייט און יושר.

* * *

„דאָס האָט דער נאַציזם דערמאָרדעט די ראָזענבערגס“ — האָט אויסגעשריגן דער אַדוואָקאַט בלאָך, ווען ער האָט זיך דערוווּסט וועגן דער עקזעקוציע. יאָ, דער נאַציזם, די זעלבע פאַשיסטיש־ראַסיסטישע האַנט, וואָס האָט פאַרגאַזט און געברענט אין די קרעמאַטאָריעס אין אוישוויץ, מאַידאַנעק טרעבלינקע און אין אַנדערע פאַרניכטונגס־ערטער אומגעזעצרע 6 מיליאָן מאַרטירער. „אומזיסט וועט איר ענטפערן, האָט אויף צו מאָרגנס נאָכן מאָרד געשריבן דער פראַנצויזישער שרייבער זשאַן פּאָל סאַרטר, אַז אָט דער איינציקער מאָרד איז נישט צו פאַרגלייכן מיט די היטלער־שחיטות. דער פאַשיזם ווערט דעפינירט נישט נאָך דורך דער צאָל קרבנות, נאָר אויך דורכן אופן ווי אַזוי מען מאָרדעט זיי“. און מען דאַרף צוגעבן, אַז ער ווערט אויך דעפינירט דורכן ציל, פאַר וועלכן ער מאָרדעט זיי. און דער ציל איז דער זעלביקער. פּונקט ווי היטלער האָבן זיי געדאַרפט האָבן אַ יידישן שעיר לעזאזל. פּונקט ווי בעת דער היטלער־הערשאַפט האָט מען געדאַרפט קאָנען אָנווייזן אויפן ייד דעם שפּיאָן, דעם שולדיקן אין קריג און קאָרעע און אין אַלדאָס בייז. מען האָט געדאַרפט רייצן די נידעריקסטע אינסטינקטן קעגן יידן, קעגן די נעגער און אַנדערע „נידעריקע ראַסן“, ווייל צעפלאַקערטע ראַסיסטישע שנאה איז אַ גינסטיקער באָדן פאַר מלחמה־פּראָפּאַגאַנדע.

פון סאַמע אָנהייב פון דער ראָזענבערג=אַפּערע איז קענטיק געווען דער ראַסיסטיש=אַנטיסעמיטישער כאַראַקטער אירער; ס׳איז קענטיק געווען, אַז דאָס איז אַ דרייפוס=אַפּערע אין אַן אַמעריקאַניש=פאַשיסטישער אויפלאַגע.

ניין, ס׳איז נישט קיין צופאַל, וואָס פאַר די „אַטאָם=שפּיאָנען" האָט מען אויסגעקליבן ייִדן. אויף די ווענט פון וואַשינגטאָן און באָסטאָן האָבן זיך דערנאָך באַוויזן קעגן די ראָזענבערגס — אַפּישן, וואָס זענען דורכגעזאַפּט מיט אַנטיסעמיטישן גיפט. פאַשיסטישע מנוולים זענען דערמוטיקט געוואָרן צו ריטשען אויף די גאַסן דאָס האָרסט=וועסעל=ליד. די אַזוי גערופענע „פאַנטאַגאַן=פאַטריאָטן" האָבן אַפילו פאַרפאַסט אַ נײַ אַמעריקאַניש האָרסט=וועסעל=ליד און זיך געלאָזט דערמיט איבער די גאַסן:

„די ראָזענבערגס מוזן ברענען און זיך בראָטן,
די ראָזענבערגס מוזן שטאַרבן"...

פונקט אַזוי ווי אין די ערשטע צײַטן אין היטלער=דײַטשלאַנד.

ס׳איז אויך נישט קיין צופאַל, וואָס ייִדן זענען אויסגעקליבן געוואָרן אַלס פּראָקוראָר און אַלס פאָרזיצער פון פּראָצעס. ס׳איז היטלערס פּאָליטיק פון די יודענראַטן. פונקט ווי היטלערן איז נייטיק געווען ייִדישע פּאָליצײַ און „יודענעלטעסטע" אין די געטאָס, ייִדישע קאַפּאָס אין די טויט=לאַגערן, אַזוי איז זיי איצט נייטיק געווען אַ ייִדישער פּראָקוראָר און אַ ייִדישער ריכטער, כדי ייִדן זאָלן געשיקט ווערן צום טויט דורך „אייגענע". זיי האָבן געוווּסט דערבײַ, אַז זיי קאָנען זיך פאַרלאָזן אויף זייערע „ווערטפאָלע" ייִדעלעך. דער פּראָקוראָר אירווינג סײַפּל איז איינער פון די גרעסטע קאָמוניסטן=פרעסער אין די פאַראייניקטע שטאַטן. ער האָט מיט אַזאַ געניטקייט אָנגעפירט מיט דער אַפּערע=ראָזענבערג, אַז גלײַך נאָכן פּראָצעס האָט ער באַקומען אַ העכערע ראַנג אַלס פּראָקוראָר פון העכסטן געריכט אין ניו=יאָרק מיט אַ יערלעכער פּענסיע פון 28 טויזנט דאָלאַר. דער ייִדישער ריכטער קויפמאַן, אַ צווייטער קאָמוניסטן=פרעסער, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן אַרויסצוטראָגן דעם אורטייל, האָט זיך בעתן פּראָצעס געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט צו באַווײַזן, אַז אויך אַ „ייִד" קאָן אַדורכפירן אַזאַ שטיקל אַרבעט. אגב איז דער ריכטער קויפמאַן אַ פרומער ייִד און האָט מתפּלל געווען, האָט ער דערציילט, איידער ער האָט אַרויסגעטראָגן דעם טויט=אורטייל.

דער ראַסיסטיש=אַנטיסעמיטישער כאַראַקטער פון דער ראָזענבערג=אַפּערע האָט אַזוי געשטאָכן די אויגן, אַז אַפילו די רעכטע פרעסע אין מערב=אייראָפּע — אויסער אין אַדענאַוערס דײַטשלאַנד און אין פראַנקאָס שפּאַניע — האָט דאָס נישט געקאָנט פאַרשווײַגן. — אַ נײַע דרייפוס=אַפּערע — האָבן אַ סך רעכטע צײַטונגען געטייטלט מיט די פינגער. מ׳האָט דעם טויט=אורטייל אָנגערופן ריטועל=מאָרד. אָט וואָס עס האָט געשריבן מיט אַ פּאָר טעג פאַר דער עקזעקוציע

די פראַנצויזישע רעכטע צייטונג „לע מאַטען“: „...אַ סאָציאַליסט וועט אפשר קענען בעסער רעגירן די איצטיקע לאַגע, ווען אַן אומרואיקע געמיינשאַפט (געמיינט די אָפיציעלע אַמעריקע) וועט זיך באַפרייען פון איר אַנגסט דורך אַ ר י ט ו ע ל ן מ אָ ר ד (אונטערגעשטראָכן — ל. ב.). מער ווי שטענדיק דערשיינען איצט די ראָזענבערגס, ווי קרבנות פון קאַלטן קריג, וועלכע דאַרפן אומקומען אויף דער עלעקטרישער שטול, כדי צו דינען אַלס ביישפּיל“.

דאָס, וואָס איז אַזוי קלאָר, אַזוי בולט, דאָס אַלץ, וואָס אַ גאַנצע וועלט האָט געזען און פאַרשטאַנען, האָבן נישט געוואָלט זען און נישט געוואָלט פאַרשטיין די, וועלכע פרעטענדירן צו זיין יידישע נאַציאָנאַלע פירער. זיי האָבן „נישט געזען“ קיין אַנטיסעמיטיזם און קיין ראַסיזם אין דער ראָזענבערג-אַפערע. זיי האָבן פאַרמאַכט די אויגן און פאַרשטאָפּט די אויערן נישט צו זען און נישט צו הערן דעם אַנטיסעמיטישן אינהאַלט פון דער גאַנצער פּראָוואָקאַציע און דעם נאַציסטישן ריח, וואָס האָט איר באַגלייט. בלינד און טויב זענען אויף דעם אַלעם געווען די יידישע „גייסטיקע“ פירער אין אַמעריקע. די יידישע רעאַקציע און איר פּרעסע האָבן זיך ממש געדראַפּעט אויף די גלייכע ווענט צו באַווייזן, אַז די ראָזענבערג-אַפערע האָט גאָרנישט צו טאָן מיט קיין אַנטיסעמיטיזם. און צו זייער גרויסער חרפּה האָבן זיי מיטגעמאַכט די ווילדע העצע קעגן די צוויי גרויסע יידישע מאַרטירער-העלדן. זיי האָבן געוואָיעט מיט די וועלף.

בעת די קאַמפּאַניע פאַר ראַטעווען די ראָזענבערגס האָט זיך אָנגעהויבן אין די פּאַראייניקטע שטאַטן צו אָרגאַניזירן, האָבן דער „אַמעריקאַנער יידישער קאָמיטעט“ און אַנדערע רעאַקציאָנערע יידישע אָרגאַניזאַציעס מיטגעמאַכט די פּאָגראָם-אַרויסטרעטונגען פון דעם פאַשיסטישן „אַמעריקאַנער לעגיאָן“ און די „מלחמה-וועטעראַנען“, וועלכע פלעגן נישט דערלאָזן צו רופן קיין פּראָטעסט-פאַרזאַמלונגען קעגן ראַסיטישן טויט-אורטייל. עס האָט מיטגעמאַכט די בלוטיקע שפּיל דער „יידישער וועלט-קאָנגרעס“, וועלכער האָט בעת דער גרויזאַמער דראַמע געטאַנצט אַ מה-יפית צום טאַקט פון מאַק-קאַרטיס פאַשיסטישן אָרקעסטער. ענדע פעברואַר ד. י. האָט דער ענגלישער לייבאָר-דעפּוטאַט סידני סילווערמאַן זיך געגרייט צו פאָרן קיין ניו-יאָרק, וווּ ער האָט געוואָלט אַרויסטרעטן אויף אַ מיטינג לטובת די צוויי אומשולדיקע פאַרמשפּטע. די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט דעמלט אויפן סמך פון מאַק-קאַרען-געזעץ אָפּגעזאָגט סילווערמאַנען די אַריינפאָר-וויזע. היות סילווערמאַן האָט אין זיינע פריערדיקע אַרויסטריטן דערמאָנט דעם יידישן וועלט-קאָנגרעס, פון וועלכן ער איז אַ מיטגליד, האָט זיך די דאָזיקע יידישע „רעפּרעזענטאַנץ“ דערשראָקן, מ׳זאָל איר חס-וחלילה נישט חושד זיין, אַז זי איז קעגן דעם דערמאָרדן די ראָזענבערגס און האָט גלייך דערנאָך פאַרעפנטלעכט פאָלגנדיקן קאָמוניקאַט: „כדי אויסצומיידן יעדע מיספאַרשטענדעניש, פּרעציזירט דער יידישער וועלט-קאָנגרעס, אַז ער האָט ק י י נ מ אָ ל נ י ש ט

אָנטייל גענומען אין דער קאַמפּאַניע פֿאַר באַגנעדיקן די ראָזענבערגס (אונטערגעשטראָכן — ל. ב.) און אַז סילווערמאַן האָט אין זײַן אייגענעם נאָמען באַשלאָסן צו פֿאָרן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן". דאָס איז געווען נאָכדעם, ווי די וועלט-פּראָטעסטן, אין וועלכע ס'איז אויך געווען די שטימען פֿון טויזנטער גײַסטלעכע פֿון אַלע רעליגיעס, פֿון ייִדישע רבנים פֿון אַלע לענדער, האָבן געהאַט אָפּגעהאַלטן די האַנט פֿון תּלין, וואָס האָט ווײַטער געהאָנגען איבער די צוויי ייִדישע מאַרטירער. דערמאָלט האָבן די נחום גאָלדמאַנס פֿאַרעפֿנטלעכט אַ דערקלערונג, וואָס איז אַ פּשוטע הסכּמה צום לינטש-מאָרד. דערמאָלט האָבן די, וועלכע האָבן אונדזערע פֿאַרטיליקטע טאַטעס און מאַמעס פֿאַרשאַכערט פֿאַר אַ טאָפּ לינזן צו אַרענאַווערן, געפֿונען אַ נײַע געלעגנהייט זיך אײַנצוקויפֿן אין חן בײַ די אַמעריקאַנער ראַסיסטן.

טאָג אײַן טאָג אויס האָבן די אַבראַמאָוויטשעס אין „פֿאָרווערטס" געהעצט קעגן די צוויי ייִדישע ערובניקעס, וועלכע האָבן אַרויסגערופֿן אַזויפֿיל באַוואונדערונג אין דער גאַנצער וועלט. אומאויפֿהערלעך האָבן זיי געזייעט האַס און שנאה צו די צוויי לויטערע קרישטאָל-ריינע ייִדישע פֿאָלקס-מענטשן, כּדי נישט צו דערלאָזן, אַז די ייִדישע מאַסן זאָלן זיך אײַנשטעלן פֿאַר זיי. „איבער אַזעלכע פֿאַרדאַמטע שפּיאָנען ווי די ראָזענבערגס ברענט איצט אין קאָרעע דאָס מלחמה-פֿײַער, זאָלן די ראָזענבערגס פֿאַרגעסן ווערן ווי מען פֿאַרגעסט אין אַ בייזן חלום" — האָט געוואַגט צו שרײַבן דער „פֿאָרווערטס", איבערחזרנדיק די ווערטער פֿון יודענראַטישן ריכטער קויפֿמאַן.

און אויף צו מאָרגנס נאָכן ראַסיסטישן מאָרד, ווען די גאַנצע וועלט איז געווען אײַנגעהילט אין טרויער און פֿאַשיסטן און אַנטיסעמיטן אין אַלע לענדער האָבן געיובלט, האָט זיך דער „פֿאָרווערטס" ווידער אָנגעשלאָסן אין זייער כאָר און ציניש געמיין אָפּגעלאַכט פֿון דער לוויה. עס האָבן געליבט אייזנהאַוערס „מוט" אַלע אַנטיסעמיטן, עס האָבן זיך געריבן די הענט די נאַציישע גענעראַלן, וועלכע אייזנהאַוער באַפֿרייט, עס איז צופֿרידן געווען דער פֿאַשיסטישער דיקטאַטאָר פֿראַנקאָ, וועלכער האָט געהאַלטן פֿאַר נייטיק צו דערקלערן דורך זײַן ראַדיאָ: „...אַז די ראָזענבערגס, נישט זייענדיק פֿולשטענדיק קיין אַמעריקאַנער, האָבן פֿאַרדינט צו ווערן באַשטראָפֿט", און ס'איז צוזאַמען מיט זיי צופֿרידן געווען דער „פֿאָרווערטס", וועלכער האָט דערמאָלט געשריבן: „אַלס בירגער פֿון אַ פֿרײַ לאַנד מוזן מיר, אַמעריקאַנער, געבן קרעדיט די ריכטער און רעגירונגס-באַאַמטע, אַז זיי זענען געווען ערלעך און געהאַנדלט לויט זייער געוויסן"...

די האַנט זאָגט זיך אָפּ צו שרײַבן אַזעלכע ווערטער, אָבער עס מוז פֿאַרצייכנט ווערן פֿאַר די, וועלכע ווייסן דאָס נישט, פֿאַר דער געשיכטע, אַז אויף דורות זאָל מען געדענקען דעם קין-צייכן, וואָס זיי האָבן אַרויפֿגעצויגן אויף זיך.

* * *

אין דעם ראַסיסטישן מאָרד זענען שולדיק נישט נאָר די, וועלכע האָבן אים פּראָוואָצירט און צוגעגרייט, נישט נאָר די, וועלכע האָבן געהעצט און די, וועלכע האָבן שטילערהייט זייער הסכּמה געגעבן צום לעגאַלן לינטש. עס זענען מיטשולדיק אויך די, וועלכע האָבן געשוויגן. ווען די גאַנצע וועלט האָט געברויזט פון צאָרן, ווען הונדערטער מיליאָנען פּשוטע מענטשן און די גרעסטע גייסטער פון אונדזער צייט זענען אויפגעשטאַנען אַרויסצורייסן דאָס לעבן פון די צוויי אומשולדיקע, ווען אין די פאַראייניקטע שטאַטן גופא האָבן טראָץ דעם טעראָר טויזנטער מוטיקע, מסירת־נפשדיקע מענטשן, נישט געדוט טאָג און נאַכט, איינשטעלנדיק זייער לעבן, האָבן אַזעלכע שרייבער ווי פאַלקנער, סטיינבעק, העמינגוועי, סינקלער לואיס און אַנדערע פּחדנותדיק געשוויגן. אין אָט דער טראַגישער צייט האָבן בלויז די פּראָגרעסיווע קינסטלער ווי פאַסט, מאַלץ, פּאָל ראָבסאָן און זייערע חברים געראַטעוועט דעם כּבוד פון אַמעריקע. און די יידישע שרייבער אין אַמעריקע? אויסער דער גרופּע פּראָגרעסיווע שרייבער, וועלכע האָבן מיט מסירת־נפש געקעמפט פאַרן לעבן פון די פאַרמשפּטע, טאָג און נאַכט דעפילירט פאַרן ווייסן הויז, האָבן די אַנדערע געשוויגן אָדער גאָר זיך אָנגעשלאָסן אין דער העץ־קאַמפּאַניע. אין בעסטן פאַל האָבן איינציקע פון זיי געהאַלטן, אַז מען דאַרף עטלען און יוליוסן באַגנעדיקן אויס רחמנות. צי האָבן זיי זיך אָבער געגעבן די מי איבערצולייענען די בריוו פון עטלען און יוליוסן? אַ שרייבער קאָן דאָך לייענען אין מענטשלעכן האַרץ, איז דאָך פעיִק אַריינצודרינגען אין מענטשנס נשמה און דערזען דעם אמת. און ווען מען לייענט די בריוו איז נישט מעגלעך נישט צו זען זייער אומשולד, די נאָבלקייט און די ערלעכקייט פון די צוויי פאַרפּייניקטע יידישע פאָלקס־העלדן.

און זאָל דאָ פאַרצייכנט ווערן, ווען מען דערמאָנט די אַלע, וועלכע האָבן געשוויגן, דאָס הכנעהדיקע און פאַרברעכערישע שווייגן פון דער ישראל־רעגירונג. אַ סך מאָל האָט די ישראל־רעגירונג און אירע מיניסטאָרן זיך געריסן צו „פאַרטיידיקן" די יידן אין די פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער און אין ראַטנפאַרבאַנד און זיי האָבן גאָרנישט מורא געהאַט זיך אַריינצומישן אין די אינערלעכע ענינים פון אָט די לענדער. זיי זוכן אַנטיסעמיטיזם ביי אונדז אין פאָלקס־דעמאָקראַטישן פּוילן און אין די אַנדערע פרייע לענדער. אונדזער פּוילישע פאָלקס־דעמאָקראַטישע רעגירונג, געטריי די פּרינציפּן פון מענטשן־פאַרברידערונג האָט זיך איינגעשטעלט פאַר די באַדראָטע צוויי יידן און אָנגעגעבאָטן פאַר זיי אַזיל; די ישראל־רעגירונג האָט זיך גלייכגילטיק צוגעקוקט ווי עס ווערט באַגאַנגען אַ ראַסיסטיש פאַרברעכן, ווי עס ווערן פאַרברענט אַ יידישער טאַטע און אַ יידישע מאַמע פון צוויי קליינע

קינדער, אין וועמענס אומשולד ס'איז געווען איבערצייגט א גאנצע וועלט. עס האָבן פּראָטעסטירט און געבעטן באַגנעדיקונג דער פּרעזידענט פון פראַנצויזישן פּאַרלאַמענט, צענדליקער דעפּוטאַטן פון ענגלישן פּאַרלאַמענט, די פּאַרלאַמענטן פון דרום=אַמעריקע, הויכע מלוכה=מענער פון פאַרשידענע לענדער און די מלוכה=פירער פון ישראל האָבן געשוויגן. אויף אַ כנסת=קאָמיסיע האָט אַפילו די מערהייט, אונטערן אויסרייד זיך „נישט צו מישן", נישט דערלאָזט אָפּצושטימען דעם פאָרשלאַג פון אַ גרופּע דעפּוטאַטן, אַז די כנסת זאָל פּראָטעסטירן קעגן ראַסיסטישן פאַרברעכן.

* * *

יוליוס און עטל זענען אומגעקומען אויפן עלעקטרישן שייטער=הויפן פאַר זייערע אידעאַלן, פּונקט אַזוי ווי עס פלעגן אומקומען אויף די מיטלאַלטערלעכע שייטער=הויפנס די, וועלכע האָבן געקעמפט פאַרן פרייען געדאַנק, פאַרן וויסנשאַפטלעכן פאָרשריט. זיי זענען אומגעקומען פאַר די זעלבע אידעאַלן פון אמת, פאַר וועלכע ס'איז מיט דריי און אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק אומגעקומען אויפן שייטער=הויפן פון דער אינקוויזיציע אין רוים דער דענקער דזשאָרדאַנאָ ברונאָ, פאַר וועלכע ס'זענען אומגעקומען דזשאָן בראַון, הירש לעקערט. די קעמפער פון וואַרשעווער געטאָ, פוטשיק און בעלאָיאַניס. זייערע בריוו פון טויטן=הויז, געשריבן מיט בלוט און ליבע, וועלן פּונקט ווי די ווערטער פון דזשאָרדאַנאָ ברונאָ, וועלכע ער האָט געשלײַדערט אין פּנים זײַנע אינקוויזיטאָרישע ריכטער, פּונקט ווי פוטשיקס „רעפּאָרטאַזש פון אונטער דער תליה", פאַרבלייבן אַן אייביקער דאָקומענט פון מענטשלעכער פרײַ און גבורה, פון מענטשלעכער דערהויבנקייט. פּונקט ווי יוליוס פוטשיק, וועלכער האָט פון אונטער דער תליה געשריבן: „מענטשן, כ'האָב אייך ליב, זייט פאָרזיכטיק", אַזוי האָט עטל אויס ליבשאַפט צו די מענטשן געוואָרנט אין אירע בריוו פון איר טויטן=קאַמער אירע אַמעריקאַנער מיטבירגער: „אָ, מײַנע ברידער און שוועסטער, ווי פיל פון אייך פאַרשטייען, וואָס פאַרא געפאַר עס הענגט איבער אייערע קעפּ"! און איידער זי איז אוועק מיט א געהויבענעם קאָפּ זיך אוועקזעצן אויף דער עלעקטרישער שטול, האָט עטל געוואָלט, אַז מען זאָל וויסן, אַז מיר זאָלן געדענקען, דאָס זיי זענען קרבנות פון אַמעריקאַנער פאַשיזם. די פעלקער וועלן עס געדענקען. זייער קרבן איז נישט קיין אומזיסטער, ער האָט אָנגעצונדן אין מיליאָנען הערצער אַ פלאַמיקן האַס צו די ראַסיסטישע לינטשער, צום פאַשיזם.

ל י ל י  ב ע ר ג ע ר

אויגוסט, 1953.

עטל ראָזענבערג

# אויב מיר וועלן שטאַרבן *

איר וועט וויסן, מיינע זין, איר וועט וויסן,
פאַרוואָס נישט־דערזונגען איז אונדזער ניגון,
דאָס בוך נישט־דערלייענט, די אַרבעט נישט־פאַרענדיקט
און אונטער אַ בערגל ערד מיר ליגן.

אָ, קלאָגט נישט מער, מיינע זין, נישט מער געקלאָגט,
עס פּלאַצן די בלבולים אין ליכט פון טאָג;
די גאַנצע וועלט וועט אונדזער וויי דערהערן
און דערזען אונדזערע טרערן.

שמייכלען וועט די ערד, מיינע זין, שמייכלען אין פרייד —
און איבערן פּלאַץ פון רו, דער סוף פון לייד,
וועט גרין זיין אויסגעשפּרייט, אַ גרינער חלום,
און שטראַלן וועט וועלט אין ברידערלעכקייט און שלום.

אַרבעט און בויט, מיינע זין, און בויט
אַ מאָנומענט צו ליבשאַפט און צו גליק דערהויבן,
צו ווירדע פון מענטש, און צו אונדזער העלן גלויבן
אין אייך, מיינע זין, אין אייך!

יידיש: בער גרין

* דאָס ליד האָט עטל ראָזענבערג אָנגעשריבן סוף מאַי 1953, אין טויטן־הויז, אין סינג־סינג.

עטל ראָזענבערג

# זיי וועלן אונדז באַפרייען!

וו עס טוט דאָס אויג אַ בליק,
שטאָל און ציגל אומעטום,
אויבן דראָען אונדז די וואָלקנס,
ווינטער־הימל נאַקעט־שטום.

ר ע פ ר י י ן :

מיר זענען צוויי קרבנות,
מיר זיצן דאָ פאַרמשפּט צום טויט.

טויט און שרעק אין יעדן ווינקל,
דאָך מיר ביידע האָבן מוט,
מוט, וואָס קומט פון האַרץ פון פאָלק,
וואָס קלאַפּט פאַר אונדז ווי אייגן בלוט.

ר ע פ ר י י ן :

מיר קומען אייך באַפרייען,
מיר מוזן אייך באַפרייען פון טויט.

אומעטום מאַרשירן מענטשן
מער און מער אויף אונדזער זייט,
די, וואָס גלויבן אין אונדזער אומשולד,
קעמפן פאַר גערעכטיקייט.

ר ע פ ר י י ן :

זיי קומען אונדז באַפרייען,
זיי וועלן אונדז באַפרייען פון טויט.

יידיש: מ ע ד י ש וו אַ ר ץ



## קאַפּיטל I

# „מיר טאָרן זיך נישט פאַרלירן"

[נאָכן אַרעסט פון יוליוס ראָזענבערג, איז אויף עטעל אַרויסגעפאַלן אָן אַ שיעור זאָרגן: זי האָט געדאַרפט פאַרזיכערן זיין פאַרטיידיקונג, זיך פאַרנעמען מיט זיין וואַרשטאַט, זאָרגן וועגן דער צוקונפט פון זייערע קינדער. די פעדעראַלע פּאָליציי האָט זי כסדר אויסגעפרעגט, איר נאָכגעשפּירט און אַרויסגערופן זי פאַרן ראַט פון די געשוווירענע ריכטער.

דעם 12־טן אויגוסט איז אויך עטל אַרעסטירט און פאַרמאַכט געוואָרן אין דער פרויען־תפיסה פון קרעניטש אַוועניו. פאַר איר מעגלעכער צייטווייליקער באַפרייאונג איז באַשטימט געוואָרן אַ קויציע פון הונדערט טויזנט דאָלאַר. יוליוס האָט זיך געפונען אין דער פעדעראַלער תפיסה פון וועסט סטריט. אויך זיין קויציע איז באַשטימט געוואָרן אויף דער ריזיקער סומע פון הונדערט טויזנט דאָלאַר, וואָס איז געווען ווייט אויסער די מעגלעכקייטן פון די ראָזענבערגס.]

25־טער יולי 1950.

טייערסטער יוליוס,*

מיין איצטיקער בריוו וועט זיין אַ קורצער, ווייל ס'איז שוין כמעט איינס אַזייגער נאָך האַלבער נאַכט; כ'בין ווייניק געשלאָפן און עס טוען מיר ווי די אויגן.

נאָר וואָס אויפגעהאָנגען די וועש, ווייל מאיק האָט נישט געקאָנט איינשלאָפן פאַר האַלב צוועלף. כ'האָב זייער אַ סך צו דערלעדיקן נאָך איידער איך וועל

---

* אין פאַרלויף פון דער גאַנצער קאָרעספּאָנדענץ זייערער האָט עטל זיך געוואַנדן צו איר מאַן מיטן צערטלעכן נאָמען יולי.

זיך זעען מיט דיר. דער בוכהאלטער קומט דאָנערשטיק. כ'האָב באקומען אָן א שיעור קוויטירונגען פון וועלכע צוויי זענען צו באצאָלן פארן טעלעפאָן. ווי לאנג קאָן מען ווארטן מיטן באצאָלן?

כ'האָב דיך ליב, מיין טייערע, פעלסט מיר שטארק און איך דערוואַרט מיט אומגעדולד דעם זונטיק, ווען איך וועל דיך קאָנען זעען — אין תפיסה. איך קאָן נאָך אַלץ אין דעם נישט גלייבן.

צערטלעכקייטן פון דיינע זין — זיי הערן נישט אויף צו בענקען נאָך דיר. מיין טייערע, אַלץ איז אזוי משונהדיק מאָדנע אָן דיר. א גוטע נאכט

עטל

29-טער יולי 1950.

טייערסטער יוליום,

ענדלעך הייגט פרי באקומען דיין בריוו. קודם כל צו די פראקטישע ענינים: דאָן און בראַנדסטריט זענען געקומען. ס'זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן בריוו צו זייערע אבאָנענטן, אז מען זאָל דיר אָפשניידן אלע צוגאָב-קרעדיטן. דער בוכ-האלטער וועט קומען די קומענדיקע וואָך. מאָרגן גאנץ פרי וועל איך זיין אין וואַרשטאַט, כ'וועל זיך באמיען ארויסצובאקומען פון פארשידענע קליענטן אביסל געלט.

כ'האָב פארזיכערט שארלי, אז אויב מיר באשליסן צו פארמאכן דעם וואַר-שטאַט, וועט מען אים צוזויסן געבן א לאנגע צייט פריער, כדי ער זאָל פלוצלינג נישט בלייבן אָן ארבעט.

אונדזער אָרעמער מאיק קאָן נישט פארשטיין, פארוואָס מען דערלויבט אים נישט דיך צו זעען, אָדער ווייניקסטנס צו רעדן מיט דיר דורכן טעלעפאָן. ער דערמאָנט מיך כסדר, אז איך זאָל דער עיקר נישט פארגעסן דיר צו זאָגן ווי ער בענקט נאָך דיר און ווי ליב ער האָט דיך. ראָבי האלט אויך אין איין נאָכפרעגן זיך אויף דיר, אזוי, אז איך קאָן קוים כסדר איינהאלטן מיינע טרערן.

כ'בעט דיך, טייערער, היט דיך אָפ און זיי זיכער, אז איך טו אלץ, וואָס איז נאָר מעגלעך, כדי צו באַרעכטיקן דיין צוטרוי, וואָס דו האָסט צו מיר. ווי שרעקלעך דו פעלסט מיר! ווי ליב איך האָב דיך! כ'וועל דיך זעען זונטיק.

עטל

12־טער אויגוסט 1950

טייערסטער יוליוס,

דו ווייסט שוין מסתמא, וואָס ס'איז מיט מיר געשען און פאַרוואָס איך שרייב דיר פון תפיסה. טייערער, איך וואָלט געוואָלט קענען דיר איבערגעבן אויף וויפיל איך בין רואיק און האַלט איין מיין קאַלטבלוטיקייט. ס'איז אָבער אַ פאַקט — הגם כ'האָב אויף קיין איין מינוט אפילו נישט באַקומען קיין נערוון־קריזיס, ווי דאָס האָבן געשריבן די צייטונגען — אַז כ'האָב פאַרגאָסן אַ סך טרערן, טרערן פון אַנגסט. כ'וועל דיך זונטיק נישט זען. מיין האַרץ רייסט זיך צו דיר מיט אַלע כוחות, צו דיר און צו די קינדער.

כ'האָב נישט באַוויזן צו דערלעדיקן פאַר זיי די מינדעסטע זאַך. כ'האָב געזאָלט אַליץ דערלעדיקן די וואָך, אַז אין פאַל אויב איך זאָל אַרעסטירט ווערן זאָלן די קינדער וואָס ווייניקער ליידן. איך בין זיך מודה, אַז זייער צוקונפט שטעלט זיך מיר פאַר שרעקלעך. איך וועל זיך אפשר באַרואיקן ווען איך וועל זען דעם אַדוואָקאַט בלאָך*. פאַרשטייט זיך, טייערער, אויב דו האָסט געוויסע פאַרשלאָגן, גיב זיי איבער אונדזער אַדוואָקאַט און שרייב מיר וועגן זיי.

מיין טייערער מאַן, ווי טייער עס זענען מיר געווען די לעצטע שעהן אויף וועלכע כ'האָב באַקומען אַ דערלויבעניש צו פאַרברענגען מיט דיר.

ס'איז איצט אַכט אָוונט און מיר זענען שוין פאַרמאַכט אויף ביינאַכט. עס האַלט מיר, אַז מיין פענצטער גייט אַרויס אויף דער גרענוויטש אַוועניו. איך זע פון דאַנען די פענצטער פון אַ גרויסער געביידע, וואָס געפינט זיך אויף דער צווייטער זייט גאַס.

עס זעט אויס, אַז כ'האָב דאָס רעכט דיר צו שרייבן נאָר איין מאָל אין מאָנאַט. היינט האָב איך גערעדט מיטן קאַפּיטאַן הובערד, וועלכער האָט מיר געזאָגט, אַז ער וועט אין באַטראַכט נעמען מיין ביטע אויף אָפטערע קאָרעספּאָנדענץ.

טייערער, יעדן אָוונט איידער איך שלאָף איין, רעד איך צו דיר און איך זיין, ווייל דו קאָנסט מיך נישט הערן. איך פאַרשטיי, אַז אויך דו ביסט באַהערשט פונעם זעלבן אַנגסט אין אָנבליק פונעם אומגליק, וואָס האָט אונדז געטראָפן. אָבער, טייערער, מיר טאָרן זיך נישט פאַרלירן און מיר טאָרן נישט פאַרלירן אונדזערע קינדער; מיר מוזן ביידע בלייבן דאָס, וואָס מיר זענען.

איך באַמי זיך צו טראַכטן וועגן אונדזער שיינעם לעבן, וואָס מיר האָבן געפירט אין פאַרלויף פון די לעצטע אַלע יאָרן און עס באַהערשט מיך אַ ברענענדיקער פאַרלאַנג זיך צוריקצוקערן צו אונדזער פאַמיליען־גליק.

---

* דעם אַדוואָקאַט עמאַנועל בלאָך האָט עטל אַנגאַזשירט פאַר דער פאַרטיידיקונג פון יוליוסן. (איבערז.)

מיין גאַנצע צערטלעכקייט און אַלע מיינע זיסע געדאַנקען פאַר דיר מיין טייערער, מיין פאַרגעטערטער. איך בעט דיך, שרייב מיר אַזוי שנעל ווי דו קאָנסט נאָר.

ע ט ל

20-טער אויגוסט 1950

מיין טייערער,

ס'איז איצט אַ פערטל נאָך 7 און איך בין אין תפיסה-הויף. כ'האָב זיך אויסגעבאָדן, כ'האָב אויסגעוואַשן מיין וועש און זי אויפגעהאָנגען צום טרוקענען. האַלב אַכט וועל איך אַריינגיין אין מיין „שטוב“ (אַזוי רופן די אַרעסטירטע זייערע תפיסה-קאַמערן) און אַכט אַזייגער וועט מען אונדז פאַרמאַכן אויף-ביינאַכט. ניין אַזייגער לעשט מען אויס דאָס ליכט און מאָרגן האַלב זיבן פרי שטייט מען אויף.

כ'האָב דערהאַלטן פון דיר צוויי בריוו. שרייב מיר צי דו דערהאַלטסט אויך מיינע בריוו. דאָס, וואָס דער קאַפּיטאַן הובערד האָט מיר געגעבן די דערלויבעניש צו שרייבן צו דיר יעדע וואָך איז נאָך נישט קיין פאַרזיכערונג, אַז מיינע בריוו דערגייען צו דיר אויף זיכער.

דיין צווייטער בריוו איז מיר אָנגעקומען אין אַ מאָמענט, ווען כ'האָב זיך צוממייסטן גענייטיקט אין אים. איך דאַרף דיר זאָגן, אַז אין אַלגעמיין נעם איך אויף די נייע סיטואַציע מיט רואיקייט. פאַראַן אָבער מאָמענטן, ווען כ'בין שרעקלעך דערדריקט און דערשלאָגן. שבת איז טאַקע געווען אַזאַ טאָג פון אומעט. זונטיק איז שוין געווען אַביסל בעסער. מיר האָבן אַ גרויסן טייל פון די פרימאָרגן-שעהן פאַרבראַכט אויף דער פּראָטעסטאַנטישער תפילה-צערעמאָניע און כ'האָב געהאַט אַ געלעגנהייט צו זינגען. ס'איז גענוג געווען אַ פּאָר טעג מ'זאָל זיך דערוויסן, אַז איך קען זינגען, און איצט בעט מען מיך יעדן אָוונט כ'זאָל זינגען. דאָ נישט לאַנג, אינדערפרי בעתן פרישטיק האָב איך געהאַט אַזאַ סורפּריז. כ'האָב פון דערווייטנס געהערט, ווי אַ גרופּע אַרעסטירטע, וועמענס קאַמערן עס געפינען זיך פון דער צווייטער זייט האָל, ווייט פון מיין קאַמער, האָבן אַרויסגעזאָגט גאָר אַ געהויבענע מיינונג וועגן מיין זינגען.

פרייטיק אָוונט בין איך בייגעווען די ייִדישע תפילה-צערעמאָניע, וואָס איז געווען זייער אַ קורצע. דער רב האָט וווּנדערבאַר שיין אָפּגעריכט די תפילות.

אין פאַרלויף פון דער וואָך האָט מען קיין איין מינוט נישט פאַר זיך. דאָ קומט אַן אינספּעקציע, דאָ דאַרף מען גיין באַזאָרגן די אַפּראָוויזאַציע, אַ שעה יעדן טאָג נאָך מיטאָג דאַרף מען זיין אויפן דאַך און נעכטן, ווען כ'בין אַראָפּגע-

גאנגען, האָט מען מיך גערופן אין דער סאָציאַלער אָפּטיילונג. כ'האָב דאָ געטראָגן פרוי פּ*... געבענטשט זאָל זי זיין! זי האָט מיר געזאָגט, אז א גוטע אסיסטענטין העלפט איצט מיין מוטער ביי די קינדער און אז מיכאעל איז געקומען צו איר. די פאַרגאַנגענע וואָך האָט זי אים מיטגענומען צו זיך מיט אן אויטאָ, נאָכדעם, ווי זי האָט אים געקויפט א סאנדוויטש.

כ'האָף, טייערער, אז היינט וועל איך קאָנען רעדן מיט דיר אין טריבונאל.

מיינע צערטלעכקייטן דיר.

עטל

29-טער אויגוסט 1950.

מיין טייערער יוליוס,

כאָטש כ'האָב געהאט א מעגלעכקייט אין דעם טאָג, ווען מיר זענען געגאנגען אין טריבונאל, צו זיין מיט דיר א פּאָר מינוט צוזאמען, האָט זיך מיר דאָך דערנאָך געדאכט, אז ס'איז מיר נאָך געבליבן א סך דיר צו זאָגן. וויל איך עס טאקע איצט טאָן. איך ווייס, אז איך וועל דיר קיינמאָל נישט קאָנען גענוג זאָגן, ווי פיל ליבע, וואָס פארא טיפע אכטונג איך פיל צו דיר און ווי שטאָלץ איך בין מיט דיר. איך בין אומאויפהערלעך באהערשט פון א געפיל פון צוטרוי און פרייד, פון אזא זיכערער וויזיע פונעם רייכן אינהאלט פון אונדזער לעבן, אז איך וועל אָפּטמאָל באפאלן פון אן אויסערגעוויינלעכן פארלאנג דיך צו זען, דיר עס צו זאָגן און דיך צו קושן פון מיין גאנצן הארץ.

טייערער, מיר דארפן פאַרזעצן ארויסצוברענגען אין אונדזערע בריוו אלץ, וואָס מיר פילן איינער צום צווייטן. ווי פיינלעך עס איז דאָך, וואָס מיר האָבן איצט נישט קיין אנדער מיטל זיך איבערצוגעבן אונדזערע געדאנקען. דער לעצטער מיטוואָך זעט מיר שוין אוים ווייט און איך וואַרט מיט אומגעדולד אויף אונדזער קומענדיקן צוזאמענטרעף.

מאָנטיק האָב איך געזען דעם אדוואָקאט בלאָך. דינסטיק זענען געקומען מיך זען דיין מוטער און דיין שוועסטער לענא. בלויז לענאן האָט מען דערלויבט זיך צו זען מיט מיר, אָבער ווארטנדיק אויף דער ווינדע האָב איך ביידע באגריסט דורכן פענצטער מיט דער האנט און דאָס האָט זיכער דערמוטיקט דיין מוטער און איר געגעבן די זיכערקייט, אז איך פיל מיך גוט און בין פריילעך. און ווירקלעך, מיין טייערער, אין גאנצן גענומען פיל איך זיך גוט און בין פריילעך און איך בעט דיך דו זאָלסט זיך נישט אָפּעסן דאָס הארץ ווען מיר

---

* געוועזענע אַסיסטענטין פון דער יידישער סאָציאַלער הילף.

אַגב=אורחא, האָט דער שפּיטאָל=דירעקטאָר די פאַרגאַנגענע וואָך מיך באַטראַכט און האָט איבערגעשיקט אַ באַריכט דעם הויפּט=דאָקטאָר (עטל האָט געליטן פון אַ קראַנקהייט אין חוט השדרה).

און איצט דערלויב מיר דיך צו באַגריסן „מיין אויבערהאַר און באַלעבאָס" פאַר דיינע אויפטועןנ אין שאַך. אָבער דיין פרוי איז אויך נישט קיין פוילענצער. כ'האָב געמאַכט פאַר פרוי פ. אַ וואונדערבאַרן גרינעם סוועטער — זאָלסט איר גאָרנישט זאָגן. איז וואָס זאָגסטו דערצו? מיינע צערטלעכקייטן

עטל

[נאָכדעם, ווי די קינדער פון די ראָזענבערגס זענען געווען אַ פּאָר טעג ביי עטלס מוטער, ביי טעסי גרינגלאַס, זענען מיכאָעל און ראָבי אָפּגעפירט געוואָרן אין אַ קינדער=אַזיל. עטל און יוליוס האָבן אין פאַרלויף פון אַ סך מאָנאַטן שווערלעך געליטן צוליב דעם, וואָס זייערע זינעלעך געפינען זיך אין די הענט פון פרעמדע מענטשן, בפרט, ווען זיי האָבן געוווסט, אַז אָט די מענטשן וועלן קיינמאָל נישט קאָנען געבן זייערע קינדער די זיכערקייט און די ליבע, אין וועלכע זיי האָבן זיך אַזוי שטאַרק געניטיקט אין יענע שווערע און קריטישע שעהן].

9=טער סעפּטעמבער 1950

טייערסטער יוליוס,

כ'האָב זיך דערוווסט, אַז נישט דאָ, אויף מיין זייט פאַרהאַלט מען מיינע בריוו. איך אויף דיין אָרט, וואָלט דאָרט, ביי דיר זיך נאָכגעפרעגט. איך פאַרשטיי נישט, פאַרוואָס איין בריוו אַ וואָך דאַרף אָנקומען מיט אַזאַ פאַרשפּעטיקונג.

צי האָט דער אַדוואָקאַט בלאָך דיר איבערגעגעבן מיין מיינונג וועגן דער דערציונג פון מיכאָעלן? דעם אמת געזאָגט, איז נאָך אַביסל צו פרי זיך צו פאַרנעמען דערמיט. מיר ווייסן דאָך נישט, וו די קינדער וועלן איינגעאָרדנט ווערן און אפשר וועט דאָרט גאָרנישט זיין אַזאַ שול, וואָס מיר וואָלטן געוואָלט פאַרמאַיכן.

אויך איך בין געווען הערשיטערט, רעוואָלטירט, צוליבן דרוק, וואָס מען איבט אויס אויף די קינדער און איך קאָן גאָרנישט דערוואַרטן, אַז די סיטואַציע זאָל זיך אַזוי שנעל ענדערן. איך האָב אויפגעשריבן אַ קליינעם באַריכט וועגן דעם, ווי אַזוי אונדזערע קינדער זענען צוגעווינט צו זיין טראַקטירט. כ'האָב זיך איבערצייגט, אַז דאָס אויספילן מיין צייט מיט אָט=די ענינים ברענגט מיר אַ שטאַרקע באַפרידיקונג. ווען איך שרייב וועגן די קינדער, ווערט מיין ברענענדי=

קער פארלאנג צו זיין מיט זיי, זיך צו פארנעמען מיט זיי, אביסל געשטילט. עס דערמוטיקט, ווען מען ווייסט, אז מען רעכנט זיך מיט אונדזערע מיינונגען.

וואלט כאטש דער באזוך פון די קינדער, וועגן וועלכן דו רעדסט אזוי ליכטיק — געקאנט אויך אזוי ליכטיק פארווירקלעכט ווערן. טו אלץ, וואס נאר אין דיינע מעגלעכקייטן, אז דאס זאל דערגרייכט ווערן.

טייערער, מ'וועט באלד אויסלעשן דאס ליכט און דעמלט וועל איך זיין אליין מיט דיר. יעדנפאלס שטעל איך מיר אזוי פאר. אך, ווי דו פעלסט מיר, ווי שטארק איך וואלט געוואלט זיין דארט, וווּ ס'איז מיין פלאץ, אין דיינע אָרעמס.

א גוטע נאכט, טייערער.

עטל

29־טער סעפטעמבער 1950

מיין טייערער,

אין אזא צייט, ווי דו זעסט, איז דורך מיין געבוירן־טאָג. טראָץ אלע שרעקלעכע זאָרגן, וואָס דערדריקן דיך, האָסטו דאָך געפונען א מיטל מיר צוצושיקן א קארטל און א טעלעגראמע. איך בין רייך מיט דיין כסדרדיקער ליבע, וואָס ווערט קיינמאָל נישט פארלייקנט. דאָס העלפט מיר אויסצוהאלטן די צעריסנקייט, די צעשיידונג מיט דיר און די קינדער. יעדן פרימאָרגן, איידער איך שטיי אויף, קעמף איך קעגן א געפיל פון האָפענונגסלאָזיקייט, קעגן א מעכטיקן פארלאנג אייך צו זען, קעגן אן אימפולסיוון שגעון צו שרייען, כדי אייך צו רופן, דיך און די קינדער. און דערנאָך דערמאָן איך מיך, צום ביישפיל, ווי אזוי דו האָסט אויסגעזען, ווי אזוי ס'האָט געקלונגען דיין שטים דעם פארגאנגענעם מאָנטיק אין טריבונאל. און עס באהערשט מיך דאן א טיפע באשיידנקייט, וועלכע פארמינערט נישט מיין אייגן־ליבע, נאָר פארקערט, זי האלט זי אונטער, פארשטארקט זי.

באקומען געכטן א בריוו פון די קינדער און א קארטל מיט זייער אונטערשריפט, וואָס ס'האָט מיר געבראכט מיין טייערער בערני. ווי פריידיק ס'איז צו זען מיכאָעלס נאָמען, אָנגעשריבן דורך אים גופא. מיינע צערטלעכקייטן,

עטל

[די ראָזענבערגס פלעגן זיך זען צו יענער צייט בלויז בעת זיי פלעגן געבראכט ווערן פון צייט צו צייט אין טריבונאל. צוממיינסטן פלעגן זיי דערוואַרטן דעם געמיינזאמען וועג אין תפיסה־וואָגן, ווייל אין זאל פון טריבונאל האָט אויף די צוזאמענטרעפן פון יוליוסן און עטלען געדריקט די שטרענגקייט פון אָרט.

־ער וועג פון טריבונאַל ביזן תפיסה־וואָגן פלעגט באַגלייט ווערן פון מאַגנע־ זיום־בליצן פון די פאָטאָגראַפן און פון נייגעריקע בליקן. זיי האָבן נאָך דערמיט נישט געוווסט, ווען ס׳וועט פאָרקומען זייער פּראָצעס. און אין פאַרלויף פון לאַנ־ גע וואָכן פון אנגסטיקער דערוואַרטונג האָבן יוליוס און עטל זיך אָנגעצייכנט אלס הייליקע אויפגאבע: נישט לאָזן זיך קיינמאָל און אין קיין שום פאַל באַהער־ שן פון שרעק, פאַרוואַנדלען די צערטלעכקייט פון זייער קעגנזייטיקער ליבע אי־ א שטאַלענער קראַפט].

5־טער אָקטאָבער 1950

וליוס טייערער,

זייט מיר האָבן זיך געכטן געזען גיי איך ארום ווי אין א נעפּל. ווען איך האָב זיך שוין אפילו צוריקגעפונען אין מיין תפיסה־קעמערל, און כ׳האָב צוריק ארויס־ געצויגן אויף זיך די געוויינלעכע שמאטעס, איז מיר נאָך אלץ שווער געווען צי גלייבן. אז איך בין שוין נישט מיט דיר. די קורצע מאָמענטן, וואָס מיר פארברענגען פון צייט צו צייט צוזאמען פארשארפן נאָר מיין דורשט נאָך דיר טייערער, צי ווייסטו ווי שטארק דו ביסט מיר איינגעבאקן אין הארץ?

דאָנערשטיק איז די מיס ב.*... געקומען מיך זען. זי האָט מיר דערציילט וועגן דער סאָציאַלער הילף און זי האָט מיך בארואיקט וועגן גורל פון די קינ־ דער. איך פיל זיך דעריבער ווייניקער דערדריקט. זי זעט די קינדער היינט און זי׳ וועט זיך באמיען דיך צו זען מאָנטיק.

פאר יעדעס מאָל ווען איך זע דיך, זעט מיר דאָס לעבן אויס ווייניקער האָ־ פענונגסלאָז. עס באקומט א נייעם זין. ווי פיינלעך עס זאָל דערנאָך נישט זיין די צעשיידונג, שעפּ איך אין אונדזערע באגעגענישן דעם כוח זיך אָנצוהאלטן אין לעבן, צו קעמפן מיט דער שווערער סיטואציע; זיי קרעפטיקן מיך און האלטן מיך אונטער.

דיין פרוי, וועלכע ליבט דיך.

עטל

---

* אסיסטענטין פון דער סאָציאַלער הילף.



יוליוס צווישן די אגענטן פון פ. ב. י.

25=טער אָקטאָבער 1950

מיין טייערער,

איך פיל מיך אזוי שולדיק, וואָס כ'האָב נעכטן ארויסגעוויזן אזוי פיל גע=
דירטקייט. זיי מיר מוחל, איך בעט דיך. ווען דער גורל פון אונדזערע קינדער איז
באדראָט פיל איך, אז עס קומט פאָר אין מיר א חורבן. גיב נאָר א טראכט,
עס וועט פרייטיק ווערן עלף וואָכן, ווי כ'האָב נישט געזען די קינדער. אומגלויב=
לעך, אומפאַרשטענדלעך, עס קאָן צערייסן דאָס האַרץ. וואָס פאַר אַ שלעכטס
האָבן מיר געטאָן צו פארדינען אויף אזא גזר. מיר האָבן דאָך שטענדיק געפירט
אַן ערלעך, ארבעטזאם לעבן.

עטל

28=טער אָקטאָבער

כ'האָב זיך היינט אויפגעכאפט האלב פינף פארטאָג און דערהערט ווי כמעט
הינטער מיין אויער רודערט ארום א מייזל. עס איז געווען גאָר נאָענט פון מיר.
נאָך עטלעכע קלעפ אין בעט איז דאָס מייזל אנטלאָפן אין קאָרידאָר, וו עס
האָט געהאלטן פאר נייטיק הויך צו פראָטעסטירן. אָבער אומזיסט, קיינער פון די
אנדערע ארעסטירטע האָט נישט ארויסגעוויזן קיין ספּעציעלן חשק עס איינצו=
לאָדן. שאָדן האָט עס דאָך אָפּגעטאָן. טראָץ אלע באמיונגען האָב איך שוין צו=
ריק איינשלאָפן נישט געקאָנט.

געוויינלעך געלינגט מיר צו באקעמפן זיך, אז דער געדאנק וועגן די
קינדער און וועגן אונדזער צעשטערטער פאמיליע=נעסט זאָל נישט נעמען איבער
מיר די אויבערהאנט. היינט אָבער האָב איך פארשפּילט די שלאכט. נאָכן פרי=
שטיק האָב איך פארשטעקט דאָס פּנים אין דער צייטונג; אין קאָפּ האָט אָנגע=
הויבן רוישן א שרעקלעכער ווייטיק. כ'האָב געפרוווט מיט אלע כוחות זיך בא=
פרייען פון עם ווייטיק. אויפן דאך האָב איך מיט צוויי מיידלעך געשפּילט איינע
פון מיינע זעלטענע פארטיעס פּילקע. אומזיסט אָבער. שוין לאנג האָב איך נישט
געקאָנט איינשטילן מיין געוויין. כ'האָב געהאט דעם איינדרוק, אז דער קאָפּ וועט
מיר אויפפּלאצן. מיין בעסטע פריינדין, וועלכער איך האָב אינדערפרי געטאָן די
זעלבע טובה, האָט מיך געפלעגט מיט קאלטע קאָמפּרעסן. גלייכצייטיק האָט זי
מיר שטרענג באפוילן אויפצוהערן צו וויינען. פארשטייט זיך, אָנשטאָט צו פאר=
בעסערן די לאגע האָט זי דערמיט נאָך פארערגערט. ווי דו זעסט, איז דאָס גע=
ווען איינער פון די זיסע טעג אין תפיסה.

מיין פריינדין האָט מיר נאָר וואָס אויסגעוואַשן דעם קאָפּ און די הויט פון קאָפּ טוט מיר וויי. דאָך פיל איך מיך אויפגעפרישט און בין גרייט זיך איינצושפאנען אין מיין קאָרעספּאָנדענץ.

צי ווייסטו, ווי שטאַרק דו ביסט מיר טייער? אָ, איך בעט דיך, טייערע, זיי שטאַרק פאַר מיר אויך! איך נייטיק זיך, אַז דו זאָלסט זיין שטאַרק פאַר מיר.

מיינע צערטלעכקייטן.

עטל

14־טער נאָוועמבער 1950

טייערע,

מיין בריוו צו דיר האָט די וואָך שטאַרק פאַרשפּעטיקט. ווען אונדזער פרייטיקדיקע זעונג ווערט פאַרענדיקט, פאַרמאַכן זיך איבער מיר די מויערן און איך האָב דעם איינדרוק, אַז איך ווער איינגעשלונגען דורכן וויק־ענד.

היינט האָב איך זיך פלייסיק אָנגעטאָן אין דערוואַרטונג צו גיין אין טריבונאַל. כ׳האָב זיך אוועקגעזעצט און געוואַרט, אַז דער סעקרעטאַר זאָל קומען מיר צווויסן געבן. ערשט האַלב עלף האָט מען מיר מודיע געווען, אַז מען רופט מיך נישט. איז צוריק אויסגעטאָן די קליידער, צוריק זיי אויפגעהאָנגען, און דיין פרוי, נאָך דער שרעקלעכער אַנטוישונג, אַן אומצופרידענע און בייזע, האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ צווייטן קאַמער. כ׳האָב זיך אויסגעבייזערט און באַשלאָסן צו „נעניסן" פון איבעריקן טאָג.

נאָך מיטאָג איז אונדזער אַטלעט־סטאַר, וועלכער דראַפּעט זיך ביזן סופית פון דער תפיסה, אַרויף אויפן דאַך און האָט אָנגעצייכנט דריי פונקטן צו בעיסבאָל. ווי וואונדערבאַר האָס איז צו קלאַפּן מיט אַ פילקע, צו לויפן אונטער די צערטלעכקייטן פון ווינט און זון. איך קוק אויף די באַלעבאַטע געזיכטער און דערפיל אַ גרויסע פרייד. גלייכצייטיק אָבער פאַרקלעמט מיר דאָס האַרץ. ווי גוט, ווי אָנגענעם עס איז, ווען מען דערפילט אַ וואַרעם געפיל פון פשוטער, געמיינזאַמער פרייד. ווי משוגהדיק עס איז אָבער, וואָס מען דאַרף זיך טיילן מיט אַזאַ פרייד אין דער דאָזיקער געביידע אַרומגערינגלט מיט מויערן און קראַטעס.

איך דאַרף זאָגן און איבערחזרן, אַז די איינציקע גוטע זייט פון אָט דעם אָרט איז דער פאַקט, וואָס דאָ געפינען זיך באמת גוטע מענטשן.

טייערע, לאָמיר זיך שוין אומקערן אַ היים. איך פעלט מיר אַזוי שרעקלעך, דו און די קינדער! וואָס זאָל איך טאָן? הריק מיך פעסט צו צו זיך היינטיקן אָוונט. כ׳בין אַזוי איינזאַם. אַ סך, אַ סך קושן.

עטל

## קאַפּיטל II

# „אַ געווויסן טאָג וועט די וועלט פאַרשטיין אונדזער קאַמף"...

[יוליוס און עטל ראָזענבערג האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט אויפן פּראָצעס. זייער בריוו־אויסטויש פון די מאָנאַטן ערב דעם פּראָצעס איז צו אונדז נישט דערגאַנגען. זיכער איז אָבער, אַז זיי האָבן פּונקט ווי פריער אויך שפּעטער נישט אויפגעהערט צו טראַכטן איינער וועגן אַנדערן, און וועגן זייערע קינדער. זיי האָבן געהאָפט אויף אַ פּראָצעס באַזירט אויף יושר, וועלכער וועט זיי באַפרייען. די געשעענישן, וואָס זענען אָבער פאָרגעקומען אין דער וועלט, דאָס, וואָס איז פאָרגעקומען אין לאַנד מחוץ זייערע תפיסה־קאַמערן, האָבן צונישט געמאַכט די האָפענונגען פון די ראָזענבערגס. די פאַראייניקטע שטאַטן זענען דעמאָלט פאַרפלייצט געוואָרן פון מלחמה־היסטעריע. די דערקלערונגען פון מלוכה־מענער, די אַרטיקלען אין די צייטונגען, די גאַנצע אַמעריקאַנער פּראָפּאַגאַנדע האָט געצילט אַריינצוקלאַפּן אין די מוחות פון די אַמעריקאַנער בירגער, אַז די „אַטאָמישע שפּיאָנען" זענען די איינציקע שולדיקע פאַר דעם צעפלאַקערטן מלחמה־פייער אין קאָרעע. אָבער אַפילו אין די באַדינגונגען איז דער טויט־אורטייל, וואָס איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן דעם 6־טן אַפּריל 1951, געווען אומדערוואַרטעט פאַר אַ סך מענטשן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. זיי האָבן אָבער געשוויגן. יוליוס און עטל זענען דעמאָלט געווען זיכער, אַז די דאָזיקע מיליאָנען מענטשן וואָלטן אויפגעהויבן זייער שטים, ווען זיי וואָלטן געוווסט דעם אמת...].

10־טער אַפּריל 1951.

עטל, מיין ליבסטע,

דו ביסט באמת אַ פרוי מיט אַ גרויסן כאַראַקטער, ווירדיק און וווּנדערבאַר. כ'האָב טרערן אין די אויגן, ווען כ'שרייב און אויסדריקן מיינע געפילן אויפן פּאַפּיר. כ'קאָן בלויז זאָגן, אַז ס'האָט געלוינט צו לעבן, ווייל דו ביסט געווען ביי מיין

זיים. כ'בין פּעסט איבערצייגט, אז מיר זענען געוואָרן בעסערע מענטשן, ווייל מיר האָבן מוטיק דורכגעהאַלטן אזא שרעקלעך-פאַרמאַטערנדיקן פּראָצעס און באַרבאַרישן אורטייל, און דאָס אַלץ, ווייל מיר זענען אומשולדיק.

ס'איז זייער שווער פאַר נישט-אינפאָרמירטע מענטשן, אָדער פאַר אַזעלכע, וואָס פאַרמאָגן נישט קיין מאָראַל, צו פאַרשטיין אונדזער כוח. אונדזער רעדציונג, די טיפע ווערטן פון אונדזערע לעבנס, באַזירט אויף אַ רעאַלער פאַרשמעלצונג פון אונדזער אַמעריקאַנער ירושה מיט אונדזער יידישער ירושה, וועלכע באַדייטן פאַר אונדז פרייהייט, קולטור און מענטשלעכע ווירדע, האָבן געמאַכט פון אונדז דאָס, וואָס מיר זענען. דער גאַנצער שמוץ, די שקרים און די רכילות פון אָט דער גראָטעסקער מאַכינאַציע וועלן אונדז נישט אַנטמוטיקן. פאַרקערט. זיי וועלן אונדז סטימולירן ביזן טאָג, ווען אונדזער רעכט וועט ווערן פולשטענדיק אָנערקענט.

מיר האָבן נישט געשטרעבט צו דעם. מיר האָבן בלויז געוואָלט מען זאָל אונדז לאָזן לעבן רואיק. אָבער מיר זענען קרבנות פון א מאַכינאַציע — און ביז צו די סאַמע לעצטע לעבנס-כוחות, וואָס בלייבן אין אונדזערע גופים, וועלן מיר קעמפן, ביז מיר וועלן זיין פריי.

כ'טראַכט שטענדיק וועגן דיר. כ'בין דורשטיק נאָך דיר. כ'וויל זיין מיט דיר. דאָס איז אַזוי שרעקלעך, אַזאַ פּייניקונג, וועלכע מען קאָן נאָר דערקלערן דערמיט, וואָס איך ליב דיך מיט יעדן הויך פון מיין נשמה. כ'קאָן נאָר כסדר און כסדר ווידער איבערחזרן, אז דאָס טראַכטן וועגן דיר, וועגן גאַנצן גליק, וועלכן דו האָסט מיר געגעבן אַלס מיין פרוי, איז מיר ווי א באַלוינונג פאַר אָט דער גאַנצער פּיין. מיין ליבסטע, כ'קאָן זיך נישט דערווייטערן פון דיר; דו ביסט מיר אַזוי טייער. אויב דו קאָנסט אין מיר געפינען כאָטש א טייל פון אָט דעם גייסטיקן אָנשפּאַר, וועלכן איך האָב אין דיר, בין איך זיכער, אַז דו וועסט האָבן דעם כוח אַריבערצוטראָגן אונדזער אומגליק.

כ'האָב באַקומען א וואונדערבאַרן בריוו פון מיכאָעל. ער האָט מיך זייער טיף גערירט. כ'האָב תיכף אָפּגעשריבן און אים פאַרזיכערט אויפסניי אין אונדזער ליבע און געענטפערט אויף זיינע פראַגן, צופּאַסנדיק זיך צו זיין פאַרשטאַנד. כ'האָב אים געזאָגט, אַז מיר זענען דערקלערט געוואָרן פאַר שולדיק און האָב אים באַשריבן די פּראָצעדור פון אַפּעלאַציע. כ'האָב אים פאַרזיכערט, אַז סוף כל סוף וועט זיך אַלץ גוט ענדיקן. כ'האָב אים געזאָגט, ווי שטאַרק ער פעלט אונדז און, אַז מיר מאַכן אַלע מעגלעכע אָנשטרענגונגען, כדי צו באַקומען פון טריבונאַל די דערלויבעניש צו זען אונדזערע קינדער. כ'גלייב, אַז מיכאָעל וועט זיין פעיק דאָס צו פאַרשטיין.

כ'האָב אים נישט געזאָגט, וואָס פאַר אַן אורטייל עס איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן. כ'האָב אים געזאָגט, אַז מיר וועלן וועגן דעם מיט אים רעדן, ווען מיר

זעלן אים זען. דאָס אַלץ דערשיינט אַזוי אומוואַרשיינלעך — אָפּגעשיידט צו זיין
פון אונדזערע קינדער — אָבער די שטאָלענע קראַטעס זענען ביז גאָר רעאַל.
איך עס, איך שלאָף, איך לייען, איך שפּאַציר אַרום אין מיין קאַמער פיר טריט
אַרויס און פיר טריט צוריק. איך טראַכט וועגן דיר און די קינדער.

מיין פאַמיליע איז הונדערט פּראָצענט מיט אונדז און דאָס דערמוטיקט
מיך. כ'ווייס, אַז מיט דער צייט וועלן די מענטשן אַלץ מער און מער זיך איינ=
שטעלן פאַר אונדז און העלפן אונדז צו באַפרייען זיך פון אָט דעם קאָשמאַר.
איך קוש דיך צערטלעך. גלייב אין מיין ליבע. דיין מאַן

יוליוס

[די עקזעקוציע פון די ראָזענבערגס, וועלכע איז באַשטימט געוואָרן אויפן
21=טן מאַי, איז אויטאָמאַטיש פאַרהאַלטן געוואָרן נאָכדעם, ווי זייער אַדוואָקאַט
האָט אַריינגעטראָגן אַן אַפּעלאַציע אין די העכערע יוסטיץ=אָרגאַנען. ניט געק
קוקט אויף דעם איז עטל גלייך איבערגעפירט געוואָרן אין דער תפיסה פאַר די
פאַרמשפטע צום טויט, סינג=סינג אין אָסינינג, וואָס געפינט זיך אין אַ פאַר=
שטאָט פון ניו=יאָרק, ווו זי איז געווען די איינציקע צום טויט פאַרמשפּטע פרוי.]

17=טער אַפּריל 1951

מיין פאַרגעטערטער, טייערער מאַן,

ס'איז מיר אַזוי שווער דיר צו שרייבן ווי נאָך קיינמאָל ניט. מיין מוח
רוקט זיך מיר, איז פולשטענדיק באַטויבט אונטער דער לאַסט פון מיליאַרדן
איינדרוקן, וועלכע האָבן זיך דאָרט איינגעקריצט פון מינוט צו מינוט, פון שעה
צו שעה, זינט דעם מאָמענט, ווען מען האָט מיך אַריבערגעפירט אין דער קאַמער
פון די פאַרמשפּטע צום טויט. כ'פיל אַן אומבאַצווינגלעכן פאַרלאַנג צו טיילן מיט
דיר אַלץ, וואָס באַשווערט מיין גייסט און מיין האַרץ און צו פאַרניכטן אַזוי אַרום
די ביטערע פיזישע רעאַליטעט פון אונדזער צעשיידונג.

ווי דו ווייסט, מיין היים=געליבטער, בין איך שוין אויפן וועג צום ווייטערדיקן
עטאַפּ פון אונדזער היסטאָרישער רייזע.

שוין דערשיינען די צייכנס פון מיין וואַקסנדיקן רייפער=ווערן. די בילדער זע=
נען שוין אויסגעשטעלט צווישן די קראַטעס פון מיין גרויסער קאַמער. די פרעכ-
טיקע אילוסטרירטע קאַרטלעך, וועלכע כ'האָב געזאַמלט אין דער תפיסה (ווי
אויך דיין שיינע געבורטסטאָג=מתנה) זענען אויסגעשטעלט אויף דער פּאָליצע
איבער מיין טיש, כדי צו אַנטציקן דאָס אויג און צו באַלעבן דעם גייסט. די ביל=
דער פון די קינדער זענען אויפגעקלעפּט אויף אַ שטיק קאַרטאָן, וואָס דינט איינ=

צייטיק אלם רעמל און זיי שיקן מיר א ליבן שמייכל, יעדעם מאָל, ווען איך קוק
אויף זיי. ס'וועט מיר געלינגען צו געפינען אין זיך גופא דעם מוט, דעם צוטרוי,
די אנטשלאָסנקייט, וואָס כ'וועל דאַרפן, כדי אויסצוהאלטן ביזן סוף פון אָט די
טעג, פון אָט די נעכט מיט זייער תהומותדיקער אימה, מיט די יללות, וואָס איך
טאָר נישט אויסשרייען, מיט די צאַפּלדיקע באַגערן, וואָס איך מוז דערשטיקן אין
זיך. יוליוס, מיין טייערער, ווי וואַרט איך אויף דעם סוף פון דער רייזע און אויף
דעם טריומפאַלן צוריקקער צו אונדזער לעבן, וואָס איז שיין. כ'ליב דיך,
מיין טייערער.

עטל

18=טער אַפּריל 1951

טייערסטע עטל,

היינט נאָכמיטאָג האָב איך באַקומען דיינע וווּנדערבאַרע בריוו פון אָסינינג.
אַפן געזאָגט, האָב איך געוואַרט מיט אומגעדולד אויף נייעס פון דיר. ווען מאַנ=
קומט צו מיר דערציילט ער מיר אַלץ, וואָס ער ווייסט, ער שילדערט מיר, ווי
אַזוי איר לעבט און ווי אַזוי סינג=סינג ווירקט אויף אַזאַ עמפּינדלעכן און צאַרט=
מענטש ווי דו. מיין ליבסטע, דאָס אַריבערפירן דיך קיין סינג=סינג איז א גרוי=
זאַמע און בייזע טאַט. מיר ווייסן אָבער, אַז דעם יוסטיץ=דעפּאַרטאַמענט* וועט
נישט געלינגען זיין קאַמפּאַניע, וואָס באַשטייט אינעם אויסאיבן אויף אונדז אַזאַ
פיזישן און מאָראַלישן דרוק, אַז מיר זאָלן זיך לאָזן אויסנוצן ווי פיגורקעס
אויפן פּאָליטישן שאַכברעט.

טראָץ דעם עמאָציאָנעלן שאָק און טראָץ דיין ערשט געפיל פון זיין צעשמעט=
טערט דורך דער שווערער אַטמאָספער, ווייזט דיין בריוו א בפירושע קלאָרקייט
און א גרויסע אַנטשלאָסנקייט. ס'איז מערקווירדיק, וואָס דו האָסט גלייך אָנגע=
הויבן זיך צו אָרגאַניזירן. דיין ליידנשאַפט פאַר דער פּערפעקציע אין יעדן פּרט
וועט דיר דערביי א סך העלפן.

איצט, ווען דו האָסט זיך פיזיש איינגעאָרדנט אויף וויפל דאָס איז בכלל
מעגלעך, ראַט איך דיר, דו זאָלסט דורכפירן די גענויע צייט=איינטיילונג: לייע=
נען, שרייבן און וועלכן נישט איז שטודיום, מוזיק אָדער אן אַנדערע זאַך. דאָס
איז דער איינציקער מיטל גובר צו זיין דעם שווערן נסיון און איינצייטיק אויפ=
צוהאַלטן דאָס אייגענע גלייכגעוויכט.

אויב אונדזערע אַדוואָקאַטן וועט נישט געלינגען צו לאָזן צוריקברענגען דיך

---

* יוסטיץ-מיניסטעריום פון די פאַראייניקטע שטאַטן (איבערז.)

אין דער פרויען-תפיסה אויף דער 10-טער גאַס, וועל איך איבערדרייען הימל און ערד, מען זאָל מיך שוין שיקן קיין סינג-סינג, כדי צו זיין נאָענטער צו דיר. כ'בעט זיך ביי דיר דו זאָלסט נישט פרוון צו ענדערן מיין מיינונג. ווייל ס'איז דאָס ריכטיקע, וואָס איך דאַרף טאָן.

שוין דיין בריוו אליין באווייזט בפירוש, אז דו ביסט א גרויסאַרטיקער מענטש, אז דו האָסט דעם גייסטיקן מוט און די אַנטשלאָסנקייט, כדי ארויסצוגיין פון אָט דעם גיהנום מיט אן אויפגעהויבענעם קאָפּ. פרוי מיינע, כ'בין לעבן דיר באַשיידן און שטאָלץ און דערמוטיקט.

ס'איז אוממעגלעך צו באהאלטן פאר דער עפנטלעכקייט דעם אמת און די פאקטן וועגן אונדזער ענין. פריער אָדער שפּעטער וועט מען וויסן דעם אמת. א סך מענטשן האָבן שוין אויסגעדריקט אונדזערע אַדוואָקאַטן און מיין פאמיליע דעם וואונטש אונדז צו העלפן. האָב מוט און זיי וויסן, אז מיר זענען נישט אליין.

דער מאָנסטרועזער אורטייל, וואָס האָט צעוואָרשט געפּלעפט די מענטשן, וועט ארויסרופן מיט דער צייט א לאַווינע פון פּראָטעסטן און אָט דאָס — צוזאמען מיט אונדזער קאמף פאר די טריבונאלן — וועט אונדז צוריקגעבן די פרייהייט.

מיין ליבסטע, איך זוך נישט צו פארמינערן אלע שווועריקייטן, וואָס דו האָסט באַצוואונגען. גלייב מיר: כ'האָב א פולשטענדיקע פאַרשטעלונג פון די קאָשמאַרן, פון דיין פּיין, פון דיינע ליידן. כ'וויל דיך באַשיצן, זיין מיט דיר און דיך האלטן אין מיינע אָרעמס. אָבער איך בין זיכער אין דיר, און די דאָזיקע זיכערקייט איז די גאַראַנטיע, אז ס'וועט קומען דער טאָג, ווען מיר וועלן זיך אומקערן צו אונדזער לעבן, וואָס איז געווען אַזוי שיין, און צו אונדזער וואונדערבארער פאמיליע.

אין צוויי טעג ארום איז פסח, דער יום-טוב, וואָס דערמאָנט, ווי אונדזער פאָלק האָט געזוכט די פרייהייט. אָט די דאָזיקע קולטורעלע ירושה האָט פאר אונדז א נאָך גרעסערע באַדייטונג, פאר אונדז וואָס ווערן דורך די היינטיקע פרעה'ס געהאלטן געפאַנגען, ווייט איינער פון אַנדערן און פון אונדזערע קינדער.

באמי זיך נישט צופיל זיך אָפּצועסן דאָס האַרץ וועגן אונדזערע קינדער. אלץ, וואָס איז נאָר מעגלעך, איז געמאַכט געוואָרן, ס'זאָל זיי גאָרנישט פעלן.

עטל, דו ביסט מיין פרוי און קיין זאַך אויף דער וועלט קאָן דאָס נישט ענדערן. תמיד דיינער,

יוליוס

[דעם 19-טן אַפּריל 1951, האָט דער אַדוואָקאַט עמאַנועל ה. בלאָך איבערגעגעבן דעם געריכט א ווענדונג, אין וועלכער ער האָט פּראָטעסטירט קעגן דעם

איבערפירן עטלעך אין דער תפיסה פאַר פאַרמשפּטע צום טויט. צו דער ווענ-דונג איז בייגעלייגט געוואָרן עטלם פאָלגנדיקע באַשרייבונג פון אירע ליידן:

,,פון לאַנג שוין איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אז דער מאָראַלישער און פי-זישער דרוק, וואָס מען איבט היינט אויס מיט ברוטאַלקייט און ראַפינירטקייט אויפן מענטש, איז גלייך צו דער באַרבאַריי פון די אַמאָליקע טאָרטור-אינסטרו-מענטן, ווי דאָס ראָד, דער שטריק און דער טאָרטורן-טיש. ס'איז פאַר מיר אַן אמתער גיהנום דאָס זיין אוועקגעריסן פון דער וואַרעמקייט, פון דער ליבע, פון דער איבערגעגעבנקייט און פון דער שוץ פון מיין מאַן, און אים מאַטערט אין דער זעלבער מאָס דער געדאַנק, אַז איך בין אַריינגעשליידערט אין דאָזיקן שרעק-לעכן אָרט. דאָס געפינען זיך אין קאַמער, וואָס גרענעצט כמעט מיטן אָרט פון די עקזעקוציעס, איז אַן אמתע פיזישע פייניקונג.

איך בין דאָ פאַרמאַכט צווישן די גראָע ווענט פון דער תפיסה, ווי אין אַ קבר. איך בין איינע אַליין אין דער גאַנצער תפיסה-אָפּטיילונג. אויסער דער וועכ-טערין זע איך נישט פון פרי ביז נאַכט און פון נאַכט ביז פרי קיין שום מענטש-לעכע וועזן. דאָס איינציקע, וואָס איך קאָן דאָ טאָן, איז זיצן און וואַרטן אין איינ-געמויערטע צווישן דער פיינלעכער שטילקייט פון מיין ענגער קאַמער. דער איינ-ציקער צייט-פאַרטרייב, וואָס מ'האָט מיר דאָ דערלויבט איז אַרומצושפּאַנען אויף אַ ברעקל ערד, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט אַזעלכע הויכע מויערן, אַז איך קאָן קוים זען אַ שטיקל הימל. צייטנווייז זע איך הורכשוועבן אַן אַוויאָן. צייטנווייז — אַ פּאָר פייגעלעך; צייטנווייז דערגייט צו מיר אַ ווייטער גערויש פון אַ באַן. אויסער די זעלטענע אָפּקלאַנגען פון דער אויסערלעכער וועלט, בין איך אַרומגערינגלט פון אַ טויטער שטילקייט.

צווינגען אַ מענטשלעך וועזן, וואָס איז פול מיט לעבן, צו פאַרוואַנדלען זיך אין אַ חיה אין אַ שטייג, איז דאָס זעלבע, ווי אים אונטערוואַרפן פיזישע פייני-קונגען".

צום דאָזיקן דאָקומענט איז געווען בייגעלייגט אַ באַשטעטיקונג פון באַוווס-טן אַמעריקאַנער פּסיכיאַטער, ד"ר פרעדעריק ווערטהאַם, וועלכער האָט געוואָרנט דאָס געריכט, אַז אַ לענגערער אויפהאַלט אין דער קאַמער פאַר פאַרמשפּטע צום טויט קאָן דערפירן צו אַ פולשטענדיקער נערוועזער דערשעפּונג אין וואַ-שיינלעך צו דעם, אַז זי זאָל אַראָפּ פון זינען].

19טער אפּריל 1951

מײַן טײַערע עטל,

א גוט מאָרגן דיר. ס'איז פרייטיק א פערטל 9 אין דער פרי. אן ערך 2 שעה נאָך דעם, ווי די הילכער האָבן פאַנאַנדערגעטראָגן די באַטויבנדיקע קלינגערייַ צום אויפוועקן. זאָל איך דיר באַשרייבן מײַן תפיסה-קאַמער?

זי איז דרײַ טריט די ברייט, פיר טריט די לענג און זיבן פוס די הייך. דער באַלקן איז א געפלעכט פון שטאָלענע דראָטן. אן עלעקטריש לעמפּל שטרענגט זיך אומזיסט אָן אַדורכצודרינגען מיט זײַן נעבעכדיקן ליכט דורכן שטויב, וועלכער האָט זיך אָנגעזאַמלט אויפן גלאָז. וואָס איז באַדעקט מיט א דראָט-געפלעכט. דעריבער הערשט אין דער קאַמער א טרויעריקע, קאַלטע אַטמאָספער. מײַנע אויגן פאַרטראָגן בײַ אַזא ליכט נישט מער ווי איין שעה לייענען אָן איבעררײַס. די צוויי זײַטנווענט זענען פון פעסטע שטאָלענע פּלאַטעס, א דריטע וואַנט איז פון א דראָט-געפלעכט, וואָס באַדעקט די שטאָלענע קראַטעס, און די פערטע, פאָרנט, באַשטייט ווידער פון שטאָלענע קראַטעס, צען צענטימעטער איינע פון דער אַנדערער און דורכגעקרייצט אַלע פינפאונצוואַנציק צענטימעטער מיט פלאַכע אײַזערנע שטאַנגען. וואָס זאָגסטו דערצו? כ'קאָן אַדורכשטעקן דורך די קראַטעס מײַן אָרעם ביז צום עלנבויגן. אויף אַזא אופן באַמי איך זיך צו טרעפן, וואָס עס קומט פאָר אין קאָרידאָר.

אין דער קאַמער גופא זענען פאַראַן צוויי בעטן, צוגעשמידט צו דער וואַנט איינס איבער דעם אַנדערן. אויף דעם אויבערשטן בעט האַלט איך מײַנע ביכער, מײַן ביסל פּראָוויאַנט און מײַנע פּערזענלעכע זאַכן. אויף דעם אונטערשטן ליגט דער מאַטראַץ, די קאָלדרעס, דאָס קישן און די לײַלעכער, א האַרט, אומבאַקוועם בעט. פונדעסטוועגן האָב איך זיך צוגעוווינט צו שלאָפן די נײַטיקע צײַט, הגם קיין מאָל נישט אָן איבעררײַס.

פונקט פאַר מײַן קאַמער איז דאָ א רוים פון 30 פוס די לענג און 20 די ברייט. ווײַטער גייט דורך דער צענטראַלער קאָרידאָר פון תפיסה. דאָס איז דאָס סאַמע באַלעבאַטע אָרט. ווי דו זעסט, בין איך כסדר באַוואַכט, און מײַן שטיין איז אויך אויסגעשטעלט אויף די בליקן פון די אַנדערע אַרעסטאַנטן.

הגם די אַרעסטאַנטן טאָרן נישט צוגיין צו מיר, זאָגן זיי מיר כמעט אַלע א גוטן מאָרגן, פאָכן מיט די הענט און שמייכלען ליבלעך צו מיר. נאָך מער דריקן זיי מיר אויס זייער סימפּאַטיע און זייער דערמוטיקונג מיט זייערע בליקן. אויף א סך אופנים, אָפענע צי באַהאַלטענע, דריקן זיי אויס זייערע פרײַנדלעכע געפילן לגבי מיר. זיי רעספּעקטירן אונדז פאַר דעם, וואָס מיר זענען. זיי באַוווּנדערן אונדזער מוט און ווינטשן אונדז, מיר זאָלן האָבן מזל.

כ'בין זיכער, אַז דו האָסט געמאַכט די זעלבע דערפאַרונג מיט דײַנע מיטגעפאַנגענע. און פאַרגעס נישט, אַז זיי טוען דאָס נישט קענענדיק די פאַקטן וועגן

אונדזער ענין. וואָס זשע וועט ערשט זיין און וויפל מענטשן וועלן אונדז אונטערשטיצן, ווען די אמתע פאקטן, וואָס באווייזן אונדזער אומשולד, וועלן ווערן באקאנט און די פּאָליטישע מאכינאציע וועט זיך אויפדעקן אין איר גאנצער נאקעטקייט! ווען די עפנטלעכקייט וועט זיין איבערצייגט אין אונדזער אומשולד און וועט אויסדריקן איר איבערצייגונג אין א קאָנקרעטער פאָרם, דעמלט, מיין ליבסטע, וועט אונדזער ענדגילטיקער זיג זיין פארזיכערט.

זיי האָבן אונדז פארשפארט אין א שטייג, אָבער אונדזערע הערצער און אונדזער גייסט קאָנען קיינמאָל נישט, סיידן אין טויט, ווערן געפּענטעט. מיר וועלן פאָרזעצן דעם קאמף, אזוי ווי מיר האָבן עס פריער געטאָן, פארן שלום, פאר דער פרייהייט און דער אמתער גערעכטיקייט.

לאָמיר פאָרזעצן דעם פּראָגראם פון מיין טאָג (אָט אזוי ווי עלעאָנאָרע רוזוועלט, אָבער אביסל אנדערש). דריי פערטל אכט ברענגט מען מיר אויף א באוועגלעך טישל מיין פרישטיק. 10 אזייגער — די צייטונג — „ניו=יאָרק טיימס“. 11 אזייגער — לאנטש. איך עס ווייניק, אָבער גענוג, כדי צו בלייבן ביי די כוחות. אחוץ דעם, האָט דיין מאן זיך גענומען צו ציגארעטן גאָר אויף א ווילדן אופן. שטעל זיך פאָר, מער ווי א פעקל א טאָג. כ'האָב זיך איינגעאיבט צו וואָרפן מיט אן אויסערגעוויינלעכער פּרעציזקייט די שטיקלעך אויסגעברענטע פּאפּיראָסן אין וואש=בעקן. נאָכן עסן — 2 שעה אָפּרו, 1 שעה לייענען; דערנאָך ווידער ארומשפּרייזן איבער דער קאמער. מען וואָלט געקאָנט מיינען, איך טרעניר זיך אויף ווערן א וואכפּאָסטן. 4 אזייגער — מיטאָג. דערנאָך ווידער א שעה לייענען.

דער וועכטער האָט דערלויבט אן ארעסטאנט, וואָס דארף באלד באפרייט ווערן, אריינצוקומען אין מיין קאמער, רעדן מיט מיר און שפּילן מיט מיר אין קאָרטן און שאך צוויי שעה א טאָג, פון האלב זיבן ביז האלב ניין. פון 9 אזייגער אָן שפּרייז איך ארום בערך א שעה און זינג, מייסטנס פאָלקס=לידער, ארבעטער=לידער, מעלאָדיעס פון אָפּערעטעס און סימפאָניעס. ווי דעם כאָר פון בעטהאָווענס 9=טער סימפאָניע און קינדער=לידער פון די פּליטן, וואָס זענען מיר פארבליבן אין זכרון. כ'מוז דיר זאָגן, אז כ'פיל זיך זייער גוט און שטארק, ווען איך זינג.

דעם רעשט פון אָוונט לייען איך ביז איך שלאָף איין. איך לייען איצט „דעם אוצר פון יידישן פאָלקלאָר“ פון נאטאן אסובעל. אָ, כ'האָב שיעור נישט פארגעסן מיין פארוויילונג יעדן אָוונט — די יאגד. איך הרגע אוים די טאראקאנעס.

געכטן נאָכמיטאָג האָט מאני* מיר געלייענט, ווי דו האָסט אים דאָס געבע=

---

* דער אדוואָקאט ע. ה. בלאָך (רעד).

טן, דעם בריוו, וואָס דו האָסט אים צוגעשיקט. מיין ליבסטע, דו ביסט א וווּנדערבאַרע פֿרוי און איך פֿאַרגעטער דיך. איך מאַך מיר אויך זאָרגן וועגן די קינדער און טראַכט וועגן זייער באַזוך, אָבער כ'בין זיכער, אַז ווען דער באַזוך וועט פֿאָרקומען, וועלן מיר ביידע זיך אַרויסווייזן אויף דער געהעריקער הויך פֿון דער סיטואַציע און אויסמיידן יעדן עמאָציאָנעלן שאָק.

עטל, ס'איז עפּעס דאָ א זאַך, וואָס פֿאַרבינדט מיך אזוי שטאַרק מיט מאַני. ער איז באמת אַן אויסערגעוויינלעכער מענטש, באַשיידן, אינטעליגענט, א טיפֿער דענקער. כ'קאָן רעזומירן מיינע געפֿילן צו אים נאָר אין יידיש: איך שעפּ נחת און קוועל פֿון אים.* וואָס שייך אַלעקסאַנדער בלאָך, פֿאַרער איך אים ווי א פֿאָטער.**

היינט אָוונט איז פּסח. בעתן סדר, ווען כ'וועל זינגען די טראַדיציאָנעלע געזאַנגען, וואָס פֿאַרהערלעכן די באַפֿרייונג פֿון אונדזער פֿאָלק פֿון אונטער דער קנעכטשאַפֿט, וועל איך טראַכטן וועגן דיר, האַרץ מיינס, און וועגן אונדזער באַפֿרייונג פֿון טויט און פֿון תּפֿיסה און וועגן א בעסערן לעבן.

בלייב וואָס דו ביסט. ווייל איך ליב דיך אָט אזוי, ווי דו ביסט.

י ו ל י ו ס

## 24-טער אַפּריל 1951

האַלאָ, אוצר מיינער,

היינט אָוונט ברענגען די ראַדיאָ-הילכערס אַן אודיציע פֿון באָב האָופּ*** מיר איז שווער זיך צו קאָנצענטרירן, אָבער כ'בין איינגעזעקשנט און לאָז נישט דורך די געלעגנהייט. כ'האָב געהערט רעדן וועגן דיר אויף גאָר א דערהויבענעם אופֿן. כ'האָב געלייענט דיינע צוויי בריוו, וואָס דו האָסט געשיקט צו לענאַ (יוליוסעס שוועסטער) און מאַני האָט מיר דערציילט אַלע איינצלהייטן פֿון זיין לעצטן וויזיט ביי דיר. דאָס הייסט, דו ביסט צוריק געוואָרן דאָס, וואָס דו ביסט אַמאָל געווען: פֿול מיט פֿלאַם און מוט.

טייערע, כ'בין אַביסל איפּערזיכטיק. אַלע זענען אַנטציקט מיט דיר. פֿאַר מיין משפּחה ביסטו אַ קוואַל פֿון מוט. ווי איך וואָלט זיך געוואָלט אָנשפּאַרן אויף דיין אַקסל. אויך איך נייטיק זיך אין אַביסל טרייסט. כאָטש א קליין ביסל צערטלעכקייט און ליבע! איך נייטיק מיך אזוי שטאַרק אין דעם.

גענוג אָבער וועגן דעם. אונדזער גורל אַלס אַרעסטירטע איז זיך צו פֿאַר-

---

* יידיש אין טעקסט.

** אַלעקסאַנדער בלאָך, דער פֿאָטער פֿון עמאַנועל בלאָך האָט צוזאַמען מיט זיין זון פֿאַרטיידיקט די ראָזענבערגס. (איבערז.)

*** באָב האָופּ — באַקאַנטער אַמעריקאַנער קאָמיקער. (איבערז.)

וואנדלען אין מעכאניזמען, אָן שום באַרערפעניש. מ'זאָגט, אַז דער היינטיקער תפיסה־רעזשים ווירקט רעהאַביליטירנדיק און קאָנסטרוקטיוו. איך דערלויב זיך צו זאָגן, אַז איך וואָלט וועגן דעם געקאָנט אָנשרייבן אַ גאַנץ ווערק.

25־טער אַפּריל

כ'האָב געלייענט דיין בריוו פאַר מיין שאַך־קעגנער. נאָכן איבערלייענען האָט ער זיך אָפּגערופן: „אַ וואונדערבאַרער בריוו! זי איז אַ סך שטאַרקער ווי דו".

דעם פאַרגאַנגענעם מאָנטיק האָט מען מיר ענדלעך דערלויבט צו בלייבן אַ האַלבע שעה אויף דער לופט, הגם איך בין געווען אַליין, באַגלייט נאָר פונעם וועכטער, איז דאָס דאָך געווען אַ גרויס פאַרגעניגן. איך מאַך איצט באַמיונגען, מע זאָל מיר דאָס דערלויבן רעגלמעסיק.

איך לייען איצט „וויסנשאַפט און פּאָליטיק אין דער אַלטער וועלט" פון בענדזשאַמין פאַרינגטאָן*. ער באַווייזט אויפן סמך פון דאָקומענטן ווי אַזוי די העכערע קלאַסן, די נאָבעלע און העכערע גייסטלעכע פלעגן דורכן אָנווארפן דעם פאָלק אָבערגלויבעניש שטערן דעם וויסנשאַפטלעכן פּראָגרעס. זיי פלעגן עס טאָן מיטן ציל איינצוהאַלטן דעם „סטאַטוס קוואָ" פון זייערע קלאַסן־פּריווילעגיעס. דאָס פאַרשפּרייטן צווישן די פאָלקס־מאַסן וויסנשאַפטלעכע באַגריפן איז דורך זיי געווען באַטראַכט ווי אַ פאַרברעכן, אַ הערעזיע.

דער דאָזיקער צוגאַנג ווערט נאָך היינט אָנגעווענדן, אַזוי ווי אין אונדזער פאַל, ווען די רעגירונג באַמיט זיך אָפּצונאַרן דאָס פאָלק מיטן מיטאָס פון אַטאָמישן געהיימעניש און אַזוי אַרום שטערן, אַז דער וויסנשאַפטלעכער פּראָגרעס זאָל זיך פאַרשפּרייטן צווישן פאָלק.

קיין שום זאַך אין דער וועלט קאָן דיך נישט פאַרטרעטן פאַר מיר.

די שווידערלעכע ווירקלעכקייט איז אַזעלכע, אַז אונדזער ענין ווערט אויסגענוצט, כדי צו פאַראַליזירן יעדן פרייען געדאַנק פון פּראָגרעס און צו דערשטיקן די קריטיק קעגן די, וועלכע שטויסן צו אַן אַטאָמישער מלחמה. אונדזער פּערזענלעכער קאַמף איז דעריבער געבונדן מיט דער אַלגעמיינער באַוועגונג פאַר שלום. מיר זעען דאָס באַשיינפּערלעך און אין אַ געוויסן טאָג וועלן אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן אַלע דאָס פאַרשטיין.

---

* בענדזשאַמין פאַרינגטאָן איז שפּעטער געווען איינער פון די פיל טויזנטער, וועלכער האָט זיך פּערזענלעך געווענדן צום אַמעריקאַנער פּרעזידענט, באַשווערנדיק אים, ער זאָל באַגנעדיקן די ראָזענבערגס. ער האָט געשריבן פון ענגלאַנד, אַז דער טויט־אורטייל וועט שאַפן אַן „אומגעוויינטלעכן פּרעצעדענס" און „וועט פאַרמינערן די מיינונג, וועלכע מיר האָבן וועגן דער אַמעריקאַנער יוסטיץ".

מיכאעל האָט מיט זיין אייגנאַרטיקער האַנטשריפט צוגעשריבן עטלעכע ווערטער צו עטלם (וליוסעם שוועסטער) א בריוו, וואָס זי האָט מיר געשיקט. ס'איז א טייער ייִנגל. די קינדער אַנטוויקלען זיך גוט, דאַרפסט זיך נישט אָפּעסן די גאַל. ווי שטאַרק איך בענק נאָך זיי! שווער דיך איצט צו פאַרלאָזן, אָבער איך מוז גיין שלאָפן. מיין גאָט, ווי אומעטיק ס'איז אָן דיר. מיין גאַנצע צערט-לעכקייט דיר.

יוליוס

2-טער מאַי 1951

טייערסטע עטל,

פאַראַן דריי גרויסע טרייב-קרעפטן אין מיין איצטיקן לעבן: קודם כל און אין דער ערשטער ריי דיינע בריוו, די באַראַטונגען מיט מאַני און די באַזוכן פון מיין משפּחה. דיינע בריוו זענען געוואָרן אן אינטעגראַלער טייל פון מיין איך.

מיין משפּחה וואַרט מיט אומגעדולד אויף א דערלויבעניש דיך צו קומען זען. מיר דאַרפן זיך ווידער שלאָגן, כדי צו באַקומען דאָס רעכט דערויף, א רעכט אַזאַ פּשוטע, עהרלעכע און מענטשלעכע. מיין גאַנצע צערטלעכקייט.

יוליוס

29-טער מאַי 1951

עטל,

ס'האָט מיר געגעבן א שרעקלעכן קלאַפּ, ווען כ'האָב דורכגעלייענט, אַז מען האָט עקזעקוטירט מאַק-גי. מיין האַרץ איז טרויעריק און מיינע אויגן זענען פול מיט טרערן. מיר דוכט זיך, אַז די פעדעראַלע טריבונאַלן האָבן איבערגענומען די מיטלאַלטערלעכע פּראַקטיק פון די רעאַקציאָנערן פון די דרום-שטאַטן, דעם לעגאַלן לינטש פון נעגער און אַז זיי פּראָבירן איצט, ווי אין אונדזער פאַל, אָנ-ווענדן דעם דאָזיקן מעטאָד לגבי די פּאָליטישע אַרעסטירטע. מען דאַרף זיין ענטשפּערן ענערגיש באַווייזנדיק מיט פאַקטן דעם אמתן זין דערפון.

כ'בין איבערצייגט, אַז אין אַלע מער גרעסערע צאָל מענטשן וועלן נעמען פאַרשטיין אונדזער קאַמף און וועלן זיך אָנשליסן אין אים, כדי עס זאָל טריומ-פירן אַזאַ גערעכטע זאַך.

דו פעלסט מיר, עטל, איך ליב דיך.

יוליוס

## קאַפּיטל III

# „מאַנאַטאָנע טעג און נעכט אָן פרייד״...

[אלע באַמיונגען, אַז עטל ראָזענבערג זאָל נישט בלייבן אין תפיסה פאַר פאַרמשפּטע צום טויט האָבן זיך אָנגעטראָפן אין אַן אייזערנער וואַנט. עטל האָט דערמאָנט אין אָנהויב מאַי, 1951, פּראָטעסטירנדיק קעגן באַרבאַרישן מאַסמיטל, געמאַכט פאָלגנדיקע דעקלאַראַציע פאַר דער פּרעסע:

„אויב דאָס איז אַ מאַסמיטל, וואָס דאַרף מיך צעברעכן, מעגן די מאַכטאָרגאַנען דערוואַרטן אַ גרויסע אַנטוישונג. איך האָב זיי מער גאָרנישט צו דערציילן אויסער דעם, וואָס איך האָב שוין איבערגעגעבן דורך דער פאַרמיטלונג פון מיין אַדוואָקאַט. מיין מאַן און איך האָבן פון אָנהייב אָן דערקלערט, אַז מיר זענען אומשולדיק און מיר דערקלערן ווייטער דאָס זעלבע. מיר זענען קרבנות פון אַן אינסצעניזירטער פּאָליטישער מאַכינאַציע פון ערגסטן מין, וואָס אַמעריקע האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען. מיר וועלן זיך באַמיען מיט אונדזערע אייגענע מיטלען צו באַווייזן אונדזער אומשולד. מיר בעטן אָבער דאָס אַמעריקאַנער פאָלק צו פאַרשטיין די פּאָליטישע באַדייטונג פון אונדזער זאַך און צו קומען אונדז צו הילף“.

נאָך אַ סך באַמיונגען איז יוליוסן דערלויבט געוואָרן איבערגעפירט צו ווערן אין דער תפיסה פון סינג-סינג, וווּ ס'האָט זיך געפונען זיין פרוי. די נאַכט פון 16-טן מאַי זענען זיי צום ערשטן מאָל זייט מערער אַ יאָר געשלאָפן אונטער איין דאַך, אָפּגעטיילט איינער פון אַנדערן מיט טאָגנע בעטאָן און שטאָל. בלויז אַ פּאָר מעטער פון זיי האָט זיך געפונען די עלעקטרישע שטול.

זייער ערשטע באַגעגעניש איז פאָרגעקומען בעת אַ צוזאַמענטרעף מיט זייער אַדוואָקאַט.]

19=טער מאי 1951

מיין היים=געליבטער

ווי טרויעריק בין איך געווען דיך צו פארלאָזן און מיט וואָס פאר א ווידערזעלן בין איך צוריקגעגאנגען אין מיין תפיסה=קאמער! זי האָט געוואַרט אויף מיר א שטומע, אן אומברחמנותדיקע, א גלייכגילטיקע, ווי זי וואָלט זיך געמאכט נישט ווייסנדיק, אז איר באוווינערין איז ארויס, זייענדיק זיכער, אזוי זיכער, אז זי וועט צוריקקומען.

לויטן קאלענדאר זענען בלויז דריי טעג פארביי זינט כ'האָב געזען אָט דעם אזוי לאנג געליבטן מענטש, אזא מאָדנע קרובהשן, אזא מאָדנע פרעמדן, ביי וועמענס זייט כ'האָב גערוט אזוי פיל נעכט — און מיר דאכט זיך, אז יאָרהונדערטער זענען זינט דעמלט פארביי און, אז כ'האָב נאָר געחלומט, אז מיר האָבן זיך באגעגנט. כ'זע דיין בלייכן, איינגעפאלענעם פנים, דיינע אויגן מיטן בעטנדיקן בליק, דיין יונגן, הארן קערפער און די סימנים פון דיינע ליידן. מיין ליבער מאן, וואָס פאר א תענוג און וואָס פאר א גיהנום עס איז דיך מקבל פנים צו זיין אין סינג=סינג, וואָס קאָן דיר בלויז אָנבאָטן מאָנאָטאָנע טעג און פריידלאָזע נעכט — אן אומענדלעכן באגער און אן אומענדלעכן אָפזאָג. און דאָך אָט דאָ, פארשמידט אין די ציגל, צעמענט און שטאָל, וועט אונדזער ליבע לאָזן ארויסשפּראָצן פעסטע וואָרצלען און צארטע בליונגען. אויך פון דאנען וועלן מיר שטעלן אונדזערע שונאים אונדזער ווידערשטאנד און פירן די שלאכט...

ס'איז פארשטענדלעך, אז דו האָסט נישט געקאָנט פריי אויסדריקן אלע געדאנקען, אלע געפילן, וואָס האָבן געשפּארט אין דיר. איך האָב עס אויך נישט געקאָנט. האָסטו דען דערוואַרט, אז ס'וועט זיין לייכט צו עפענען אונדזערע הערצער איינער פארן אנדערן אין די דאָזיקע באדינגונגען? כ'מוז זיך אָבער מודה זיין, אז כ'האָב דערוואַרט אן אומגעהויערע דערלייכטערונג, און ווען זי איז נישט געקומען, איז מיר געבליבן עפּעס א מאָדנע געפיל, אז עפּעס=וואָס פעלט. כ'בין געווען פונקט ווי דו דערדריקט פונעם געפיל, אז מען האָט מיר אוועקגענומען דאָס, וואָס איז מיר געקומען. ביז צום דערהאלטן דיין בריוו האָב איך אפילו נישט געקאָנט אָנהייבן זיך אויסצודריקן אויפן פּאפּיר. דיין פרוי, וואָס פילט זיך זייער איינזאם.

עטל

20־טער מאי 1951

טייערסטער יוליוס,

אין אָנגענעמער רעגן איז היינט געפאַלן א גאַנצן נאָכמיטאָג. כ'האָב זיך
אוועקגעזעצט אויף מיין שטול פאַרן אריינגאַנג פון הויף און אריינגעשמעקט די
ריחות פון בלומען, וועלכע וואַקסן ערגעץ ווייט פון ראַנען און וועלכע איך קאָן
נישט זען. כ'האָב אָבסערווירט די פייגעלעך, וועלכע האָבן אָן ענטוזיאַזם געקליבן
די ברויט־קרישקעס, וואָס כ'האָב זיי צוגעוואָרפן. פון צייט צו צייט הערט אויף
צו רעגענען און דעמאָלט מאַך איך א פּאָר אומעטיקע טריט, כדי צו באַטראַכטן
די גראָזן, וואָס שלאָגן זיך דורך א וועג צווישן צעמענט
צווישן דער ציגלנער וואַנט און דעם שטיינערנעם באָדן וואַקסן קלייניקע,
איינגעדרייטע גרעזעלעך און זעען אויס ווי באַדעקט מיט גרינע לאָקן. אין
דער גאַנצער לענג פון א צווייטער וואַנט שפּרייטן זיך אויס די בלעטער פון א
פּיאָלעטער, ווילדער פלאַנץ, דורך וועלכער מען זעט קוים אַרויס צוויי קנאָספּן.
כ'האָב אויסגעקליבן פאַר א שפּאַלט, וועלכער געפינט זיך אין צעמענט, אָנגעפילט
אים מיט א ביסל שווער דערקאָכטער ערד. די ערד האָב איך צונויפגעקליבן פו־
נעם מעך, פון די קליינע פּליושענע קעמפּקעלעך, וואָס קלאַמערן זיך אין די קאַל־
טע און פייכטע טיילן פון הויף, וווּ די זון דערגייט קיינמאָל נישט. אין דעם מיט
ערד אָנגעפילטן שפּאַלט האָב איך פאַרפלאַנצט א קערנדל פון אן עפּל און גע־
דולדיק עס בסדר באַגאָסן. איצט שפּראָצט דאָס קערנדל מוטיק.
מיין גאַנצע צערטלעכקייט דיר, טייערער.
עטל

21־טער מאי 1951

עטל טייערע,

דאָס, וואָס דו האָסט מיר געשריבן דריקט וווּנדערבאַר אויס אונדזער טיפן
עלנט און גלייכצייטיק — די קעגנזייטיקע פאַרשטענדעניש און טיפע ליבע. אונ־
דזער דערדריקנדיקע איינזאַמקייט טאָר נישט גורם זיין, אַז עס זאָלן איבערגעשני־
טן ווערן די שטאַרקע פעדעם, וואָס בינדן אונדז מיט דער אויסערלעכער וועלט.
פאַרמאַכט דאָ, מוזן מיר בסדר פּראָטעסטירן, פּראָקלאַמירן אונדזער אומשולד
און זיך פאַרטיידיקן אומאויפהערלעך. ס'איז די זאַך פון אַמעריקאַנער פאָלק אָפּ־
צוהאַלטן די האַנט פון תלין. דאָס שווערסטע פאַר מיר איז דאָס, וואָס אויך דו,
מיין האַרץ, געפינסט זיך אין דעם דאָזיקן גיהנום. בלויז דיין וווּנדערבאַרע האַל־
טונג האָט נישט דערלאָזט, אַז איך זאָל צעבראָכן ווערן.

באַרואיק זיך נישט וועגן מיין אויסזען, ווייל איך פיל מיך געזונט און קאָן מיך צוהיטן. זונטיק איבערפרי האָב איך געהערט, ווי דו האָסט זיך געוואָנדן צום וועכטער, ער זאָל דיר ברענגען אויף מיטאָג קעז מיט שמאַנט. כ'בין געווען אויסערגעוויינלעך גערירט, ווען כ'האָב דערהערט דיין שטים. כ'בין געזעסן אויף די טרעפלעך אין הויף און מיר דאַכט זיך, אַז די טיר פון דיין קאָרידאָר איז געווען האַלב געעפנט.

טייערע, זיי וואָלטן אונדז געדאַרפט דערלויבן דאָ צו זיין צוזאַמען. דעם אמת געזאָגט אָבער וואָלט מיך קיין שום זאַך נישט באַפרידיקט אויסער אונדזער פולשטענדיקע באַפרייונג.

דערוואַרטנדיק אונדזער קומענדיקע זעונג, קוש איך דיך.

יוליוס

24-טער מאַי 1951

מיין ליבסטע,

פאַמעלעך באַרואיקן זיך מיינע נערוון און כ'פאַס זיך צו צו דער מאָנאָטאָנער רוטין, וואָס איז די קאַנווע פון מיין איצטיקן לעבן. איך לעב אויף אין מיין זכרון די געשעענישן פון אונדזער לעבן נישט ווייל כ'וויל לעבן אין עבר, נאָר ווייל כ'וויל פון אים שעפּן אַ צוגאָבלעכן כּוח, וועלכער וועט מיך שטיצן אין אָט דער עקזיסטענץ.

אַ זון פון טראַדיציאָנעלע יידישע עלטערן, אויפגעוואַקסן אין די עלנט-קוואַרטאַלן פון איסט-סאַיד, זענען מיינע קינדער-יאָרן פיל מיט די קאַמפן, וואָס מיינע עלטערן האָבן געפירט, כּדי צו דערנערן און צו קליידן פינף קינדער. איך דערמאָן זיך, ווען מיין פאָטער, אַ שניידער-אַרבעטער, האָט זיך באַטייליקט אין אַ לאַנגן שטרייק, ווייל מען האָט שטאַרק עקספּלאָאַטירט די אַרבעטער אין די שאַפּן. אַזוי ווי מיין טאַטע איז געווען פאַבריקס-דעלעגירטער און אַ טוער פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, האָט מען אים אַרויסגעשטעלט אויף אַ שוואַרצער ליסטע און יעדער ביסן ברויט איז אים ביטער אָנגעקומען.

דער כּסדרדיקער קאַמף קעגן די שטשורעס און די וואַנצן איז נאָך ביז היינט לעבעדיק אין מיין זכרון. אין דער יידישער שיל האָב איך געהאַלטן די אַרויסלאָז-רעדע. כ'בין געווען אַ גוטער שילער. איבעריקנס האָב איך אויף אַ גאַנץ נאַטירלעכן אופן מיר צוגעאייגנט די קולטור פון מיין פאָלק, זיין קאַמף פאַר באַפרייען זיך פון דער קנעכטשאַפט אין מצרים. כ'האָב געפונען די זעלבע גרויסע טראַדיציעס אין דער געשיכטע פון אַמעריקע. אַלס אַמעריקאַנער ייד, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין אַזאַ סביבה, איז געווען פאַר מיר נאַטירלעך צו

זיין אויפֿן וועג, וואָס איז אָנגעצייכנט געוואָרן דורך מיין גייסטיקער ירושה און צו באַמיען זיך פֿאַרבעסערן דעם גורל פֿון פֿאָלקס־מענטש.

כ'האָב געפֿונען אין דיר א וווּנדערבאַרן מענטש מיט א טיפֿער פֿאַרשטענדעניש. דו ביסט געווען באַשטימט פֿאַר מיר. צוזאַמען איז אונדזער צוקונפֿט געווען קלאָר און אונדזער לעבן האָט געהאַט זיין פֿולן אינהאַלט.

ביז מאָרגן. כ'שיק דיר מיין גאַנצע ליבע, האַרץ מיינס.

י ו ל י ו ס

25־טער מאי 1951

עטל מיין טייערע,

אָ, ווי גוט ס'איז מיר געווען, ווען כ'האָב דיך געזען היינט נאָכמיטאָג. טייערע, כ'בין געשטאַנען אזוי רעזערווירט און געקוקט אויף דיר דורך דער פֿאַרצוימונג און די גאַנצע צייט האָב איך געוואָלט דיך נעמען אין מיינע אָרעמס, קושן דיך אומאויפֿהערלעך און זאָגן דיר מער ווי מיט ווערטער, ווי שטאַרק איך האָב דיך ליב. טייערע, איך האָף, אַז מ'וועט אונדז דערלויבן זיך צו זען רעגלמעסיק. אפֿילו ווען מיר זעען זיך דורך אזעלכע באַגרענעצונגען ציט עס מיך ארויס פֿונעם חושך. ווי שטאַרק עס ווילט זיך מיר זאָגן, אַז די דאָזיקע צייט וועט שנעל אַדורך און מיר וועלן קאָנען א געווייסן טאָג זיך אומקערן צו אונדזער פֿריידיק און גליקלעך פֿאַמיליע־לעבן. לאָמיר פֿאָרזעצן צו שטיין אויף דער הויך פֿון אונדזער דעוויז: „מוט און גלויבן אין דער צוקונפֿט“.

27־טער מאי

נעכטן איז מיר ענדלעך אָנגעקומען פֿון וועסט־סטריט מיין פּעקל מיט בריוו און פֿאָטאָגראַפֿיעס. כ'האָב זיי באַטראַכט און שנעל געפֿונען א שטיקל טאָוול, צו וועלכן כ'האָב צוגעפּעסטיקט די זעקס פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון אונדזערע קינדער. איינער פֿון די וועכטער האָט אויסגעשניטן אין די ווינקלען פֿון טאָוול שפּאַלטן אזוי, אַז כ'האָב געקאָנט גאָר שיין אויסשטעלן די פֿאָטאָגראַפֿיעס. איצט שמייכלען די קינדער צו מיר פֿון איבער מיינע ביכער און מיינע טואַלעט־זאַכן. וואָס פֿאַרא ביטערן גורל זיי האָבן איצט: דעזאָריענטירט דורך די געשעענישן, אָן טאַטע־מאַמע נאָענט לעבן זיך, וואָס זאָלן זיי באַשענקען מיט זייער ליבע און זיי באַשיצן. מיר מוזן זיין שטאַרק, טייערע, כדי מיר זאָלן קאָנען צוריק פֿאַרנעמען אונדזער אָרט פֿון א פֿאָטער און א מוטער.

דורך די הונדערט פוס=טריט פון מאטעריע און רוים, וועלכע טיילן אונדז אָפּ, שיק איך דיר מיין גאנצע ליבע.

יוליוס

27=טער מאי 1951

מיין טייערער יוליוס,

איך באוואונדער דיין בריוו. צי קאָנען מיר דען פארגעסן דעם אומרו און דעם קאמף, די פרייד און די שיינקייט פון די ערשטע יאָרן, ווען דו האָסט גענומען ארויסווייזן מיר דיין צונייגונג. צוזאמען האָבן מיר געזוכט אן ענטפער אויף אָט די אלע כלומרשט נישט לעזבארע רעטענישן, וועלכע עס רוקט ארויס א פאר=פלאָנטערטע און הארצלאָזע געזעלשאפט. אָט די ענטפערס האָבן אויסגעהאַלטן די פּראָבע פון דער צייט און פון די ענדערונגען און זענען געבליבן גילטיק פאר אַלע די, וואָס האָבן נישט קיין מורא צו עפענען די אויגן און צו בליקן וויט, ווי מיר האָבן עס געטאָן. דערפאר אָט, וואָס מיר האָבן נישט געוואקלט זיך צו פּראָ=קלאמירן די האָזיקע ענטפערס, זענען מיר איצט דאָ אין די מויערן פון סינג=סינג.

און דווקא צוליב אָט די ענטפערס, אין די אינטערעסן פון דער אמעריקא=נער דעמאָקראטיע, פון דער גערעכטיקייט און ברידערלעכקייט, צוליב די אינ=טערעסן פון שלום, פון ברויט, פון רויזן און פון קינדערשן לאכן, וועלן מיר אויך ווייטער בלייבן דאָ, ווירדיקע און שטאָלצע — אין טיפן באוווסטזיין פון אונ=דזער אומשולד פאר גאָט און פאר מענטשן, — ביז דער אמת וועט ווערן פּראָ=קלאמירט אונטערן שאַל פון טראָמפייטן פאר דער גאנצער מענטשהייט.

ס'איז אמאָל געווען א חכם, — כ'געדענק נישט זיין נאָמען. — וואָס האָט אויסגעדריקט זיין התפעלות איבער דער „נישט צעשטערבארקייט פון דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט". מיין ליבער, מיר וועלן באווייזן, אז ער איז גע=ווען גערעכט. אפשר וועלן דעמלט אנדערע מענטשן אויך גלייבן אין זייער נישט=צעשטערבארקייט און וועלן קומען צו פארטיידיקן אונדז און זיך גופא. דיין פרוי

עטל.

[איין מאָל אין דער וואָך ווערט אין דער תפיסה פון סינג=סינג איינגעאָר=דנט פאר די פארמשפטע צום טויט א רעליגיעזע צערעמאָניע. דאָס תפיסה=גע=זעץ פאָדערט, אז די מענער און די פרויען זאָלן אָנטייל נעמען אין דער צערע=

מאָגיע באַזונדער. עטל איז געווען די איינציקע פֿרוי אין איר אָפּטיילונג פֿאַר פֿאַרמשפּטע צום טויט, און דעריבער האָט די תּפֿיסה־אַדמיניסטראַציע אָוועקגעשטעלט אַ ווענטל אין ווינקל פֿון צערעמאָניע־זאַל און פֿון דאַנען האָט זיך עטל שטום פֿאַראייניקט מיטן געזאַנג פֿון די מענער, וועלכע האָבן זי נישט געקאָנט זען. פֿון דאַנען פֿלעגט זי אויך אָנטייל נעמען אין די קורצע דיסקוסיעס מיטן רב. פֿאַר עטלען און יוליוסן איז דאָס געווען אַ נייע געלעגנהייט צו האָבן אַ קאָנטאַקט צווישן זיך.]

29־טער מאי 1951

מיין ליבסטער,

צי ווײסטו נישט פֿאַרגעסן, מיין טייערער, מיר צו שיקן אין דיין קומענדיקן בריוו דאָס ליד, וואָס מיכאַעל האָט פֿאַרפֿאַסט צו דיין געבוירן־טאָג? כ׳בין קיינמאָל נישט געווען אַזוי גערירט דורך אַ וועלכער נישט־איז זאַך.

וואָס פֿאַראַ טרייסט איז צו הערן דיין שטים בעתן דאַווענען. דיין אינטערוועניץ אין דער אַלגעמיינער דיסקוסיע נאָך דער דרשה איז זיכער געווען ריכטיק. ביסטו מסכּים מיט מיינע באַאָבאַכטונגען? כ׳האַלט, אַז דער ראַבינער איז אַן אינטעליגענטער, אויפֿריכטיקער און אָנשטענדיקער יונגערמאַן. ווי האָבן רעאַגירט די אַנדערע? כ׳האָב געפֿילט זייער סימפּאַטיע לגבי אים און אַגב אויך לגבי מיר. היינט האָב איך געפֿילט אָט די סימפּאַטיע מצד זיי אויך לגבי דיר. מיר דוכט זיך, אַז דו, מיין טייערער, ביסט איצט געוויס אַן אמתער זייל פֿון דער געזעלשאַפֿט „ס.ס.“ (די קאַמערן פֿון די פֿאַרמשפּטע).

כ׳קאָן נישט אויפֿהערן צו טראַכטן וועגן די אַרטיקלען אין די צייטונגען און וועגן זייער אופֿן פֿון אינסינואַירן, אַז מיר ווילן נישט האָבן קיין באַזוכן פֿון אונדזערע קרובים און, אַז די באַזוכן אינטערעסירן אונדז נישט. כ׳האָב בלויז פֿאַראַכטונג פֿאַר אַזעלכע זאַכן.

ליבסטער, דאָס איז אַ פֿייניקונג צו זיין אָן דיר.

מיין גאַנצע ליבע פֿאַר דיר.

עטל

1951 31=טער מאי

טייערע פרוי מיינע,

דאָס געבורטסטאָג=קאַרטל, וואָס מיכאעל האָט מיר געשיקט שטעלט פאָר א זעגל=שיף אויף אן אָזיערע און אונטער דעם האָט ער צוגעגעבן מיט זיין האַנט:

„פרייליך בלאָזט א לוסטיקער ווינט,
פרייליך פליען אוועק מיינע ווערטער.
מיכאעל"

טייערע, אָט איז דאָס ווערק פון אונדזער זון — אכט יאָר.

מ'האָט מיר אָפּגעזאָגט אומצוקערן די ביכער, וואָס מ'האָט מיר געשיקט, ווען איך בין געווען אין דער פעדעראַלער תפיסה. כ'האָב אָבער באַקומען פון מאַני „דעם אויפשטייג פון דער אמעריקאַנער ציוויליזאַציע" פון שאַרל און מאַרי בערד און „יו קען'ט גאָו האָום אַגען"* פון טאָמאַס וואָלף. איצט האָב איך אויף דערווייל גענוג צום לייענען.

די יידישע רעליגיעזע צערעמאָניע איז געווען איינדרוקספול. פאַרשטייט זיך, אז דו, ליכט פון מיין לעבן, האָסט דערצו בייגעטראָגן. די מעגער רעדן פון דיר מיט גרויס דרך ארץ, ווייזן ארויס א סך רעספּעקט פאַר דיר. דו מאַכסט אויף זיי אן איינדרוק ווי א פּערזאָן, וואָס ווייסט ווי אזוי זיך צו האַלטן. נישט איך זאָג דאָס, איך חזר בלויז איבער דאָס, וואָס מען זאָגט.

לענא האָט מיר געשריבן און דערציילט, ווי אזוי זיי האָבן פאַררכט דיין אַלטע פרעס=ברעט, אויסגעוואַשן מיינע העמדער און סקאַרפּעטן און געבראַכט אין אָרדענונג אַלע מיינע קליידער. דו זעסט, זיי גרייטן אַלץ צו צו אונדזער צוריקקומען.

אן אָפּגעשניטענער פון דער וועלט, ווען איך לייען אין די צייטונגען די ליגנס אויף אונדזער חשבון, ווען איך טראַכט, אז מיין פרוי און איך זענען פאַר=משפּט צו אן אומפאַרמיידלעכן טויט, מוז איך אָנשטרענגען אַלע מיינע כוחות, מיין גאַנצן מוח, כדי איך זאָל קאָנען אויסהאַלטן. ווען איך זע דיך אָבער, ווען איך הער דיין שטים, ווען איך דערהאַלט דיינע בריוו, זעט מיר אוים לייכט איבערצוטראָגן אַלע שווירעריגקייטן.

מיר האָבן נישט קיין מורא, ווייל די גערעכטיקייט איז אויף אונדזער זייט. טראָץ דעם לאַנגן און דערשעפּנדיקן וועג, איז אַלץ שוין פאַראַן פאַר אונדזער נצחון.

כ'שיק דיר אַלע מיינע צערטלעכקייטן.

יוליום

---

* איך קאָנט נישט גיין צוריק אהיים (איבערז.)

6=טער יוני 1951

טייערער,

מער ווי אַלע מאָל אייל איך מיר דאָס מאָל דיך צו זען דעם קומענדיקן פרייטיק. כ׳האָב היינט באַקומען אין א בריוו פון מיין ברודער בערגי צוויי וונדערבארע, אויף שנעל געמאכטע פאָטאָגראַפיעס פון די קינדער, וואָס איך וויל דיר דורכויס ווייזן. זייערע שטריכן זענען אזוי מאָדנע רייף געוואָרן. עס פאַרקלעמט דאָס האַרץ, זעענדיק, אז זיי וואַקסן אָן אונדז. א שרעקלעכער געדאנק פייניקט מיך אומאויפהערלעך, דער געדאַנק, אז אפשר וועלן מיר שוין קיינמאָל מיט זיי נישט זיין. דאָס האַרץ ווערט פאַרגליווערט.

כ׳האָב מורא אז איך בין נישט ספּעציעל פרייַלעך היינט. ווען עס זאָלט באָמש נישט אונטערקומען קיין שטערונגען אין די פּלענער, וואָס מיר מאַכן פאַר אונדזערע קינדער, וואָלט איך ווייניקסטנס געקאָנט האָבן א רואיקן קאָפּ.

דיין פרוי, וואָס ליבט דיך,

עטל

12=טער יוני 1951

האלאָ, טייערע,

כ׳האָב געהערט דיין זיסע שטים היינט ביים אָפּריכטן די תפילה און כ׳האָב באַקומען דיין וואונדערבארן בריוו. מיר זענען מענטשן, וועלכע פירן זיך אין לעבן לויט זייערע איבערצייגונגען. לויט די ווערטער פון רב קומט עס אויס אַזוי: „טראַקטיר די אַנדערע אַזוי ווי דו וואָלסט געוואָלט זיי זאָלן דיך טראַקטירן“. אַזאַ לאָזונג קאָן מען אויסטייטשן אויף פאַרשידענע אופנים. פאַר מיר איז דאָס נישט קיין טרוקענע טעאָריע, נאָר א לעבעדיקע פּראַקטישע פילאָזאָפיע, וועלכע אויב מען פאַרווירקלעכט זי, שאַפט מען אן אמתע מענטשלעכע ברידערלעכקייט.

ס׳איז צו באַוואונדערן ווי ווייט די יידישע תפילות קאָנען וועקן גייסטיקע דערמוטיקונג, ספּעציעל ביי אונדז ארעסטירטע. די אידעען, וואָס ווערן פּראָפּאַגירט אין די דרשות, זענען דאָך איינגעשטעלט די זיילן, אויף וועלכע עס דאַרפן זיך אָנשפּאַרן דאָס אמעריקאַנער לעבן און די מאָדערנע דעמאָקראַטישע פּרינציפּן. בעת דער רעליגיעזער צערעמאָניע האָב איך געטראַכט וועגן די לעצטע באַשלוסן פון העכסטן געריכט (יוליוס מיינט דאָ דאָס איינפירן דאָס שמיט=געזעץ). וואָס פאַר א קלאַפּ דאָס איז פאַר די דעמאָקראַטישע פרייהייטן, פאַר קאָנסטיטוציאָנעלע און פּאָליטישע און מאַקע דורכויס אויך פאַר די רעליגיעזע.

די בילדער פון אונדזערע ביידע יינגלעך פארלאָזן מיך נישט אויף קיין רגע. ווען מען איז בארויבט פון דער פאמיליע און פון דער פרייהייט איז גלייך ווי מען וואָלט געווען לעבעדיקערהייט טויט. אין אָנבליק פון דאָזיקן דרוק איז אונדזער וויכטיקסטע אויפגאבע איצט צו דערהאלטן אונדזער גלייכגעוויכט.

זיי זיכער, מיין טייערע, אז ווען איך לייג מיך שלאָפן ביסטו אין מיינע אָרעמס און דעמאָלט זענען מער נישטאָ, נישט קיין קראטעס און נישט קיין קאָשמארן. די ערשטע זון=שטראלן וועקן מיך אָבער ברוטאל אויף און דערמאָנען מיך אין דער אויפגעצווונגענער צעשיידונג מיט דעם טייערסטן פון מיין לעבן.

מיינע צערטלעכקייטן.

יוליוס

13=טער יוני 1951

עטל טייערע,

מאָמענטנווייז האָב איך חשק צו זינגען, עפעס אויפצוטאָן. איך רעכן אויס דיינע מעלות און איך דערפיל אן אָנגענעמע ווארעמקייט. וואָס שווערער עס זענען לגבי אונדז די עוולות און אונדזער ווייטיק, אלץ גלאָררייכער וועט זיין אונדזער ענדגילטיקע פאראייניקונג.

א קורצער איבערזיכט פון אונדזער אפעלאציע צום אפעלאציע=געריכט האָט מיך ווידער דערמוטיקט. אויב מיר וועלן פעיק זיין אויסצוהאלטן דעם שרעקלעכן נסיון און דערצו נאָך אויסצונוצן ווי געהעריק די צייט, וועט מען דעמאָלט האָבן דערפילט דעם מאקסימום, וואָס מען קאָן דערפילן אין אזעלכע באדינגונגען. ווען איך קוק אויף די בילדער פון אונדזערע קינדער, רעד איך צו זיי און זאָג זיי, אז ווען איר וועט קאָנען פארשטיין, וועט איר זיין שטאָלץ פון אייערע עלטערן. איר וועט קאָנען הויך האלטן דעם קאָפ.

אונדזער מוט איז נישט געבראָכן און אונדזער האָפענונג, וואָס מיר לייגן אויף דער אפעלאציע, שפארט זיך אָן אויף א סאָלידער באזע. לויטן געזעץ מוזן מיר געווינען. פארגעטערטע פרוי מיינע, די שלאכט איז א שווערע, אָבער די באלוינונג איז א גרויסע. האלט הויך דעם קאָפ! דיין מאן

יוליוס.

17־טער יוני 1951

טייערע,

פרייטיק! ווי וווּנדערבאַר ס'איז געווען! וואָס פאַרא גליק ס'איז דיך צו זען און דיך צו הערן, צו הערן דיינע קלוגע ווערטער און צו זען דיינע אויגן. וואָס פאַרא פרייד עס גיט דיין לעבהאַפטער שכל, וואָס איז שטענדיק א דורכדרינגלעכער, א מיט־באַטראַכטער, גענוי אין יעדן אַנאַליז און פּינקטלעך אין אייגנצלהייטן נישט אײַלנדיק זיך קיינמאָל צו לייכטע באַשלוסן. איז דאָס מעגלעך, אַז אונטער דעם אַלעמען זאָל זיך פאַרבאַהאַלטן אַזוי פיל פּיין און אַזעלכע אומענדלעכע טאָרטורן?

ווי שטאַרק כ'האָב געוואָלט זיין מיט דיר, ווען מיין שוועסטער האָט דיר געבראַכט אַזעלכע גוטע נייעס פון די קינדער. כ'האָב געהערט דיין פרייד־געשריי און פאַר מיינע אויערן איז דאָס געווען אַן אמתע מוזיק. מיר האָבן אַריינגעשפרייט אין א נייער פאַזע און איך בין איבערצייגט, אַז דער ווייטיק פון דיין האַרץ וועט איצט געמילדערט ווערן. מיין מאַמע האָט געמאַכט אָן א שיעור באַמיונגען דיך צו זען און דיר צו זאָגן, וואָס זי וועט אַלץ טאָן, כדי צו געבן אונדזערע קינדער די ליבשאַפט, די באַקוועמלעכקייטן, די פאַרשטענדעניש, אין וועלכע זיי נייטיקן זיך. זי ווינטשט אונדז און איז מתפּלל פאַר אונדז אומאויפהערלעך, אַז מיר זאָלן אייגיכן צוריקקומען. זי קושט דיך האַרציק.

היינט איז דער יום־טוב פון די פאָטערס. מיטוואָך וועל איך מיטנעמען מיט זיך, דיר צו ווייזן, די קאַרטלעך, וואָס כ'האָב דערהאַלטן. מאָרגן וועט זיין דער צוועלפטער יאָרטאָג פון אונדזער חתונה! ווי בולט איך דערמאָן מיך יענעם פרעכטיקן יוני־זונטיק! טראָץ דעם סקאַנדאַליעזן אַרעסט און דעם אומגלויבלעכן אורטייל, קאָנען מיר פונדעסטוועגן זאָגן, אַז אונדזער לעבן איז געווען פרוכטבאַר.

דו, מיין טייערע, דו האַלסט דעם שליסל, וועלכער האָט אונדז געעפנט א טיר צו אונדזער אַנטוויקלונג און צו אונדזער פאַרויסגאַנג. זיי ווייטער אונדזער אָנשפּאַר. אין אונדזער היינטיקן יום־טובדיקן טאָג שיק איך דיר, מיין פרוי, מיין פריינד און באַגלייטערין אין אומגליק, מיין גאַנצע ליבע.

י ו ל י ו ס

18=טער יוני 1951

טייערער,

איך פיר מיך היינט אויף, ווי א נארישע עגאָיסטקע, אָנשטאָט דיר צו שרייבן באַגים איך מיך מיט טרערן און קלאָג איבער מיין אייגענעם גורל. ווי שווער ס'איז צו לייענען דיינע ווערטער און צו וויסן, אז היינט איז דעם צוועלפטן יאָרטאָג פון אונדזער חתונה, געפין איך נישט מיט וואָס דיך צו טרייסטן. אין אָנבליק פון אונדזער צעשיידונג... און דאָך האָב איך דיך קיינמאָל נישט אזוי ליב געהאַט ווי היינט.

אומגלויבלעך, אז צוועלף יאָר נאָך א געמיינזאַמען, ערלעכן, אַרבעטזאַמען און ריינעם צוזאַמענלעבן זאָל איך דאַרפן שימלען אין א קאַמער פון סינג=סינג, וואַרטנדיק, אז מען זאָל מיך לעגאַל דערמאָרדן, אז איך זאָל דאַרפן פייערן אין אַנגסט דאָס, וואָס וואָלט געווען א פריידיקער אָנדענק=יום=טוב פון צוויי אומפאַרגעסלעכע טעג. אומגלויבלעך, אז אויך דו זאָלסט דאַרפן אויפנעמען די וואונטשן אלס מאַן און פאָטער אין א צווייטער קאַמער, ווו דו דערוואַרטסט דעם זעלבן גורל!

זיי געבענטשט פאַר דיין אומבויגזאַמען מוט, וואָס דו ווייזט אַרויס און וואָס גיט מיר נייע כוחות און דערמוטיקט מיך.

איך האָב דיך ליב מיט אַלע פיבערן פון מיין נשמה און איך שטרענג האָפענונגסלאָז אָן מיין גאַנצן ווילן צו קענען דיר ווירדיק זיין. תמיד דיינע און אויף אייביק.

עטל

20=טער יוני 1951

עטל טייערע,

ווען דו וועסט באַקומען די דאָזיקע פּאָר ווערטער, וועט דער פרילינג שוין זיין אָפיציעל פאַרענדיקט. נישט בלויז דאָס האַרץ פון יונגע מענטשן שטרעבט אין פרילינג צו ליבע. וואָס שייך אָט דעם אַלטן פאַרהייראַטן מאַן, האָט דער פרילינג בייגעטראָגן צו צעפלאַקערן נאָך מער זיין ליידנשאַפט. וואָס פאַר א וואונדערבאַרע זומערס האָבן מיר פאַרבראַכט צוזאַמען! ספרינג=גלען 1939. דערמאָנסט זיך די פאָטאָגראַפיעס פון אונדזער חתונה=רייזע? אין א סך הינזיכטן ביסטו היינט נאָך שענער און ליבנסווירדיקער ווי דעמאָלט. טראָץ דעם, וואָס דו ביסט באַגראָבן אין אָט דעם קבר, איז גאָרנישט פאַרמינערט געוואָרן פון דיין גלאַנץ. מיין טייערע, זינט כ'האָב דיך היינט פרי געזען, פיל איך זיך געשטאַרקט. אָ, וויפל קאָסטבאַרע זאַכן דו האָסט מיר געגעבן, וואָס פאַרא אינטעליגענץ און דיין אופן פון דערציִען אונדזערע קינדער...

אין געוויסע מאָמענטן פֿיל איך זיך גענוג מעכטיק, כדי ארונטערצורייסן פֿון אונדזערע לעבנס אָט די מאַוומדיקע מאַסקע. אָבער איך מאַך זיך נישט קיין אילוזיעס. כ'ווייס, אַז מיר דאַרפֿן זיין שטאַרק ווי שטאָל, כדי צו שטעלן אַ ווי-דערשטאַנד אָט דער עקזיסטענץ — אַן אויסגעליידיקטע פֿון אַלע שיינקייטן און פֿון דער פֿרייהייט פֿון ציוויליזירטן לעבן. שלאָגן זיך קעגן ווינטמילן, דרשענען אין אַ מדבר — ניין, נישט דאָס האָבן מיר צו טאָן. דער אמת און די גערעכטי-קייט זענען פּונקט אַזוי מעכטיק ווי דער דונער. פֿריער צי שפּעטער וועט מען זיך דערוויסן דעם אמת, אַז מיר זענען פֿולשטענדיק אומשולדיק, קרבנות פֿון אָט דער צוגעגרייטער אכזריותדיקער פּאָליטישער מאַכינאַציע מיין גאַנצע צערטלעכקייט דיר,

יוליוס

21-טער יוני 1951

מיין היים-געליבטער מאַן,

כ'פֿיל זיך אַזוי אַנטמוטיקט פֿון דעם אומבאַרעכטיקטן אָנגריף קעגן אַן אַמעריקאַנער פּאָליטישער פּאַרטיי, וואָס איז געבויט אויף לעגאַלע יסודות*. דאָס געשפּענסט פֿון פֿאַשיזם דערשיינט אַן אומגעהויערער און דראָענדיקער. ס'גרייטן זיך קאָנצענטראַציע-לאַגערן. אָ, מיינע ברידער און שוועסטער, וויפֿל צווישן אייך פֿאַרשטייען, וועלכע שרעקלעכע סכּנה ס'הענגט איצט איבער אייער קאָפּ?

עטל

22-טער יוני 1951

טייערער,

אַ גוט מאָרגן דיר! ווי גוט ס'איז געווען דיך צו זען מיטוואָך. ווי שרעקלעך איז אָבער צו זיין געצוווּנגען צו זיצן רויִק, צו רעדן און נישט צו קאָנען אַפֿילו אָנרירן דיין האַנט, דיין געזיכט.

וועסט זיין דערפֿרייט ווי איך זיך צו דערוויסן, אַז דיין מוטער האָט אָפּגע-טאָן אַ גאַר ברייטע אַרבעט, און אַז מעגלעך איצט איז זי שוין איינגעאָרדנט אין

* אין ניו-יאָרק זענען דעמאָלט זיבעצן פּערזאָן, מענער און פֿרויען, אַרעסטירט געוואָרן אויפֿן סמך פֿון שמידט-געזעץ אַלס באַשולדיקטע אין אַנטי-אַמעריקאַנער טעטיקייט.

דער בייער ווינונג. שוין נעכטן האָבן זיי געוואַרט אויף די בעטן און גלייכצייטיק פּאַקן זיי שנעל אַלץ איין. כ'בין אויסער זיך...

כ'האָב מורא, אַז דיין זייל, אויף וועלכן דו שפּאַרסט זיך אָן, ווי דו רופסט מיך מיט ליבשאַפט, שפּאַרט זיך גאָר די טעג צופיל אָן אויף דיר. ווי ס'זאָל נישט זיין, וועלן מיר דאָך זיגן. אונדזער אויפגאַבע איז צו געפינען איצט גענוג כוח אויסצוהאַלטן ביז מיר וועלן אַלע זיין פאַראייניקט.

דיין ליבנדיקע פרוי

ע ט ל

22=טער יוני 1951

עטל טייערע,

כ'בין אויך אויסער זיך צוליב דער טענדענץ פון יוסטיץ=מיניסטעריום. צי איז נישט איצטער קלאָר, אַז אונדזער ענין איז אויסגענוצט געוואָרן, כדי אַריינצוקלאַפּן אין מוח פון פאָלק דעם געדאַנק, אַז די אָנהענגער פון אַ געוויסער פּאָליטישער פילאָזאָפיע פאַרנעמען זיך מיט שפּיאָנאַזש? די וואַקסנדיקע כוואַליע פון אַרעסטן, די הויכע קויציע=סומעס, די פאַראורטיילונגען צו לאַנגע תפיסה=שטראָפן און אפילו צו טויט, דינען, כדי צוצוגעווינען דאָס אַמעריקאַנער פאָלק צו אַזאַ מין לאַגע, ס'זאָל זיך אים אויסדוכטן, אַז דאָס זענען גאַנץ נאָרמאַלע געשעענישן. די זעלבע קונץ האָבן אָנגעוואָנדן די נאַציס. און איצט געפינט זיך די אַפּעלאַציע, וואָס דאַרף ראַטעווען אונדזערע לעבנס, פאַר די זעלבע ריכטער, וועלכע האָבן געהאַלטן פאַר ריכטיק, צוליב פּאָליטישע צילן, צו זוכן תירוצים, כדי צו לאָזן פאַרשווינדן די ערשטע אויסבעסערונג (פון געזעץ).

לאָמיר האָפן, אַז ס'וועט זיי נישט געלינגען צו פאַראַליזירן דאָס פאָלק דורך טעראָר. אויב אונדזער אַפּעלאַציע וועט אויסגעהערט ווערן אויף אַ יושרדיקן אופן און די אַנטשיידונג וועט אָנגענומען ווערן אויפן סמך פון געזעץ, וועלן מיר דערגרייכן אַן אַנולירונג פון אורטייל. טראָץ די אַלע אומאָנגענעמלעכקייטן, בין איך אויך ווייטער, מיין טייערע, פול מיט קעמפערישן ברען. צערטלעכקייטן פאַר דיר.

י ו ל י ו ס

24=טער יוני 1951

טייערע,

איך ווייס נישט פאַרוואָס, אָבער מיר דאַכט זיך, אַז אַלץ וועט זיך גוט איינשטעלן מיט מיין מוטער. איך האָלט שוין געוואָלט וויסן, ווי אַזוי די קינדער

פאסן זיך אריין אין זייער נייער היים. די ענדערונג וועט אונדז געבן א מעגלעכקייט זיך צו פארנעמען מיט זייער דערציונג. איך האָף, אז איך וועל קאָנען איינשטעלן א סיסטעמאטישע קאָרעספּאָנדענץ מיט מיכאעלן און אזוי וועלן מיר קאָנען, זאָל דאָס זיין כאָטש פון דער ווייטנס, מיטמאכן מיט זיי געוויסע זייערע פריידן.

זעץ ווייטער פאָר מיר צו זאָגן מיט דיין בלייפעדער, מיט דיינע אויגן, מיט דיין שמייכל און דיין ווילן דאָס אלץ, וואָס דו פלעגסט מיר אמאָל זאָגן, און אונדזער זאך וועט זיגן. פארשטייט זיך, אז איך בין משוגע פארליבט אין דיר, אָבער אין איצטיקן מאָמענט קאָן איך דיר בלויז אויף אזא אופן אָפּגעבן מיין הארץ.

י ו ל י ו ס

3־טער יוני 1951

האַרץ טייערס,

די אומדערטרעגלעכע איינזאַמקייט פון דאָזיקן אָרט זעט אויס היינט צו האָבן אריינגעדרינגען ביזן מארך פון מיינע ביינער. די טונקלקייט און דער רעגן האָבן נאָך פארלענגערט די לאנגע שעהן, וואָס ציען זיך אומענדלעך. און דאָך, אויב איך זע אויס אַנטמוטיקט, אויב מיין צוטרוי קען זיך אויסדראַכטן אונטערגעבראָכן, זאָלן די אלע, וועלכע ווילן מיך און די מייניקע פארניכטן, וויסן, אז איך וועל מיט אן אויפגעהויבענעם קאָפּ און מיט אן אומדערשיטערטער מאָראל אויסהאלטן ביזן סוף. איך בין געמאכט פון שטאָף פון די ערשטע פיאָנערן און אין מיינע אָדערן פליסט דאָס בלוט פון די מכבים.

אָט איצט פיל איך מיך בעסער! נאָן פאסאראן! * כ׳האָב באַקומען א זיסן בריוו פון דיין זון מיכאעל. ער גיט מיר צו וויסן, אז ער און ראָבי וועלן פון מאָרגן אָן גיין אין א שול אויף דער פרייער לופט. ער באַשרייבט אויך א באַזוך פון עטל און צוויי פריינדינס אין דער וווינונג. כ׳בין אזוי גערירט פון דעם, וואָס די באַדינגונגען פון די קינדער האָבן זיך פארבעסערט, אז איך בין פעיק צו וויינען פון אָנערקענונג. גלייכצייטיק מאַטערט מיך אזא פארלאנג זיי צו זען, אז איך וואָלט געקאָנט שרייען פון ווייטיק. מיינע צערטלעכקייטן דיר, טייערע. דיין פרוי

ע ט ל

* נאָן פּאַסאַראַן! — „זיי וועלן נישט דורכגיין“ איז געווען די לאָזונג פון די מאַדרידער קעמפער, וועלכע האָבן בעתן שפּאַנישן בירגער־קריג פאַרטיידיקט די שטאָט קעגן פראַנקאָס פאַשיסטישע חיילות.

## קאַפּיטל IV

# „ווי לאַנג נאָך וועלן אייערע מענער און אייערע קינדער קאָנען זיין אויסערן געפאַר“?

[די תפיסה פאַר פאַרמשפּטע צום טויט געפינט זיך אומגעפער א דריי ערטל מייל פון סינג=סינג גופא. דאָס איז א מאָדערנע, פּשוטע געביידע, א שטרענגע און א קאַלטע, ווו ס'איז פאַראַן אָרט פאַר א דרייסיק ארעסטאַנטן. א באַזוכער האָט געהאַט פאַרגליכט די אַטמאָספער פון דער דאָזיקער תפיסה צו דער אַטמאָספער פון א בית=עולם=שטוב.

די פּאָרשריפטן אין „טויטן=הויז“ זענען אַזוי צוגעטראַכט, אז זיי דערמאָ= ען בסדר מיט זייער ראַפינירטקייט און אוממענטשלעכקייט די אָנוועזנהייט און די הערשאַפט פון דער עלעקטרישער שטול.

דאָ גיט מען נישט די ארעסטירטע קיין בעבלעך מיט וואַסערדיקער זופּ אָדער מרוקן ברויט. פאַרקערט, זייער באַשפּייזונג איז א סך א בעסערע ווי די, וואָס מען גיט אין געוויינלעכע תפיסות. יעדער מאָלצייט מאַכט דעם איינדרוק, יי דאָס וואָלט געווען דאָס לעצטע מאָלצייט פאַר דער עקזעקוציע, וועגן וועלכער די צייטונגען צעשרייבן זיך שטענדיק לויט זייער פאַנטאַזיע.

די ארעסטירטע האָבן דאָס רעכט אויסצוגעבן אין קאַנטינע צו זיבן און א האַלבן דאָלאַר. דעם איינקויף מאַכט פאַר זיי א וועכטער. די ארעסטאַנטן קאָ= ען קויפן שפּייז=פּראָדוקטן, ווי קעז, קיכלעך, פרוכטן, שרייב=מאַטעריאַלן און טואַלעט=ארטיקלען. זיי קאָנען אָבער נישט באַקומען קיין שום זאַך, וואָס האָט א דירעקטע באַדייטונג.

אויך די קליידונג דערמאָנט אומאויפהערלעך אין טויט. די קליידער זענען אָן גאַרטלען און אָן אנדערע צוגאָבן, מיט וועלכע אן ארעסטאַנט וואָלט זיך גע= קאָנט באַנוצן קעגן זיין לעבן. מען טוישט זיי די קליידער און די וועש, ווי נאָר זיי ווערן עטוואָס שמוציק. די ערשטע מאָנאַטן פון איר זיין אין טויטן=קאַמער איז עטל ראָזענבערג געווען אָנגעטאָן אין א ברייטן שלאָפראָק און אין שטעק=

שיך. אזא אויסשטאַטונג, וואָס אַ פרוי טראָגט ווען זי פילט זיך קראַנק, אָדער ווען זי דאַרף זיך אָפּרוען, האָט פאַרשטאַרקט ביי עטלען דאָס געפיל, אַז איר נוצלעך לעבן איז געענדיקט. אויף די ווענדונגען פון אַדוואָקאַט, האָט מען איר געגעבן אַ מעגלעכקייט צו טראָגן שיך. שפּעטער האָט זי באַקומען לייוונטענע קליידער; לויט דער תפיסה־פאַראָרדענונג זענען זיי גרויע אָדער בלויע. די תפיסה־קליידונג פון יוליוסן איז באַשטאַנען אין גרויע לייוונטענע הויזן און אַ ווייס העמד.

די מענער־אָפּטיילונג האָט אַ באַזונדערן הויף און אויך די פרויען־אָפּטיילונג האָט אַ באַזונדערן אָפּגעגרענעצטן הויף. די פאַרמשפּטע צום טויט ווערן דאָרט אַרויסגעלאָזן איינצלווייז, צוויי מאָל אין טאָג צו 15 מינוט אין דער באַגלייטונג פון אַ וועכטער. עטל און יוליוס פלעגן אָפט פאַרוואַנדלען דעם הויף, וואָס איז געווען פאַרמאַכט ווי אַ קאַסטן און אָפּגעצוימט פון די טריט פון הונדערטער אומגליקלעכע מענטשן, אין אַ ספּאָרט־פּלאַץ, וואַרפנדיק אין די תפיסה־ווענט אַ קוימשוקענע פּילקע.

אין דער מענער־אָפּטיילונג איז פאַראַן אַ ראַדיאָ־הילכער, וואָס ווערט קאָנטראָלירט פון דער תפיסה־אַדמיניסטראַציע. היות עטל איז אין איר אָפּטיילונג געווען אַליין, פלעגט זי אָפטמאָל קאָנען הערן דאָס, וואָס זי האָט געוואָלט. יוליוס פלעגט טיילמאָל אויספילן זיין צייט מיט שפּילן אין שאַך. אין „טויטן־הויז" אָבער, ווי עס רופן די תפיסה אין סינג־סינג די אַמעריקאַנער, שלעפּט זיך די צייט לאַנגזאַם און ס'איז נישט פאַראַן קיין שום מיטלען צו פאַרטרייבן די שרעקלעכע לאַנגווייליקייט. די גאַנצע איינאָרדענונג איז דאָ באַווּסט אויפן געזעץ, אַז דער איינציקער אָפּגעגעבענער וועג פאַרן אַרעסטאַנט איז דער, וועלכער פירט דורכן טויט־קאָרידאָר צו דער לעצטער קאַמער, ווו ס'געפינט זיך די עלעקטרישע שטול.

אין אַזאַ אַטמאָספער זענען די אַרעסטאַנטן אויסגעשטעלט אויף געוויין־צעמרייסלונגען. אויף עטלען, וועלכע האָט אַ לאַנגע צייט נישט געהאַט קיין שום קאָנטאַקט מיט קיין מענטשלעך וועזן אויסער מיט דער וועכטערין, האָט די אַטמאָספער אָנגעוואָרפן אַן אַנגסטיקע שרעק. טראָץ דעם, האָט די האַלטונג פון עטלען און יוליוסן אַרויסגערופן אַן אַלגעמיינעם רעספּעקט ביי דער גאַנצער תפיסה־אַדמיניסטראַציע.

די לעצטע פרוי, וואָס איז געווען אין „טויטן־הויז" פאַר עטלען איז געווען מאַרטאַ בעק, וועלכע האָט אויסגעפירט אַ מאָרד, צו וועלכן זי האָט זיך מודה געווען. די מערדערין בעק און איר געליבטער זענען עקזעקוטירט געוואָרן אויף דער עלעקטרישער שטול אין דער זעלבער צייט, ווען די ראָזענבערגס האָבן געהאַט זייער פּראָצעס אין ניו־יאָרק.

אין דער אָפּטיילונג פאַר מענער איז געווען אָפּטמאָל א 9—10 אַרעסטאַנטן. דאָס איז נישט געווען, פאַרשטייט זיך, קיין געזעלשאַפט פאַר יוליוסן, ער האָט אָבער דאָך אין קענגזאַץ צו עטלעכע געפילט אין דער נאָענט מענטשלעכע וועזנס, וועלכע האָבן דורך די זעלבע קראַטעס אריינגעטעמט די זעלבע לופט און ער האָט געקאָנט הערן מענטשלעכע שטימען. נאָך אן עקזעקוציע טוישט מען די אַרעסטירטע די קאַמערן, כדי זיי וצו דערנעענטערן צו דער עלעקטרישער שטול. יוליוס האָט אין די איבער צוויי יאָר געטוישט א סך מאָל זיין טויטן=קאַמער.

אין אזא אַטמאָספער, נאָך א יאָר צעשיידונג, האָבן די ראָזענבערגס זיך געגרייט צו זעען זייערע קינדער, וועלכע זענען געקומען אין „טויטן=הויז“ זעען זייערע עלטערן דאָס ערשטע מאָל דעם 1=טן אויגוסט 1951.]

4=טער יולי 1951

עטל טייערע,

דערפרישט פונעם איין=קרעם, וואָס מיר האָבן היינט, אין טאָג פון נאַציאָנאַלן יום=טוב באַקומען, גוץ איך אויס די געלעגנהייט צו פייערן דעם יום=טוב פון דער פרייהייט. כ'האָב אַרויסגעשניטן פון „ניו=יאָרק טיימס“ די דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט. אין דער אומגעבונג איז אינטערעסאַנט צו לייענען אזא טעקסט, וואָס רעדט וועגן פרייהייט פון וואָרט, פרייהייט פון פרעסע און פרייהייט פון קולט. די פרייהייטן, פאַר וועלכע אונדזערע מיטבירגער האָבן אמאָל אָפּגעגעבן זייער לעבן, וועט מען דעם פאָלק נישט קאָנען אוועקרויבן, נישט דורכן קאָנגרעס און נישט דורך קיין טריבונאַלן.

געוויסע פּאָליטיקער וואָלטן געוואָלט זיך באַנוצן מיט אונדזער פּראָצעס, כדי אָנצוואַרפן א שרעק אויף די ליבעראַלע און פּראָגרעסיווע מענטשן. מיר וועלן אָבער דעמאַסקירן די מאַכינאַציע און מיר זענען נישט אליין דערצו, די שלאַכט פאַר אונדזער לעבן איז אויך א שלאַכט פאַר יושר און פאַר פרייהייט פון געדאַנק.

טייערע, די קינדער זענען שטאַרק אויפגעטרייסלט. דאָס איז געווען א דערשיטערונג פאַר זיי. מ'האָט זיי ברוטאַל באַהאַנדלט און איצט נייטיקן זיי זיך גאָר שטאַרק אין אונדז. איך האַלט אָבער, אז די זאָרגפעלטיקע אויפזיכט פון מיין מוטער, די צערטלעכע אויפמערקזאַמקייט, וואָס עס שענקט זיי אונדזער משפחה און אונדזערע פריינד, וועלן אין א קורצער צייט גובר זיין זייער אנגסט. מיר מוזן האָבן גענוג כוח זיך צו פאַרטיידיקן נאָך מער אין זייער אינטערעס ווי אין אונדזער אייגענעם. ווי איך בענק נאָך זיי, ווי ליב איך האָב זיי!

די ידיעה וועגן א מעגלעכן שלום איז פון דער העכסטער באדייטונג. עס שפילט זיך איצט אָפּ אין א גרויסער מאָס דער גורל פון אונדזערע לעבנס גלייכציטיק ווי עס שפילט זיך אָפּ דער גורל פון דער וועלט. טייערע, מיר מוזן פאָרזעצן אונדזער שלאכט, האָפן און קעמפן. צערטלעכקייטן.

יוליוס

5=טער יולי 1951

יוליוס טייערער,

דיין בריוו וועגן די קינדער האָט מיך ביז גאָר געשטארקט. לענאס באשרייבונג וועגן זייער צושטאנד האָט מיך דערשיטערט און אליארמירט. אָ, טייערער, נאָך דער נעכטיקער פארזאמלונג האָב איך זיך אויסגעצויגן אויפן בעט און פארגאָסן ביטערע טרערן, ברויזנדיק פון צאָרן קעגן די, וועלכע ווילן בארויבן אונדזערע קינדער פונעם גליק פון זייער קינדהייט.

ס'איז האלב זיבן פרי, 6=טער יולי. — א גוט מאָרגן! כ'האָב זיך אויפגעהויבן פרי, כדי דיר אוועקצושיקן מיין בריוול. לאָמיר פאָרזעצן די פייערונג פון 4=טן יולי. דער אייז=קרעם האָט מיך אויף א פּאָר רגעס געמאכט פארגעסן אין מיין פיין. באלד האָב איך זיך אָבער דערמאָנט אין די מינוטן, וואָס מ'האָט פארבראכט מיט די קינדער ביים אייז=קרעם, און ס'האָט מיך ארומגעכאפט א פארצווייפלונג. הערנאָך האָט דער ווייטיק, וואָס האָט מיך געשטיקט אין האלדז, זיך בארואיקט. פאר מיר איז געגוג א ראדיאָ=פּראָגראם און די „בעלאַד פאָר אמעריקען". אראנק פראנק סינאטרא, וועלכער האָט געזונגען „הום אי לאייוו אין" האָב איך דערפילט ווי עס גייט אויף אין מיר א ריזיקע כוואַליע פון „מוט און גלויבן אין דער צוקונפט".

יוליוס טייערער, כ'האָב פאר דיר אזוי פיל באוואונדערונג און אכטונג! וואָכ פארא וואונדערבארע פארשטענדעניש און וואָס פארא ביישפּיל דו גיסט מיר. נעם מיך אין דיינע אָרעמס און צוזדריקנדיק מיך צו זיך גיב מיר איבער אביסל פון דיין נשמה=נאָבלקייט.

דיין ליבנדיקע פרוי

עטל

11=טער יולי 1951

מיין טייערע,

האָסט מיר פארשאפט א וואונדערבארן טאָג. כ'האָב דיך געזען און דו ביסט געווען ווי א פּרעכטיקע בלום און גלייכצייטיק א ליבנסווירדיקע פרוי, אָנגענעם פארוגדיקט, אז ס'איז א פארגעניגן צו קוקן אויף דיר.

וואָס שייך מיר, האָב איך היינט איינגעשלונגען אזא מיטאָג: א טעלער זופּ אויף בעבלעך, א סאנדוויטש מיט סאלאט און פּאָמידאָרן אויף מאיאָנעז, א העלפט פון א מעלאָן, א קאָמפּאָט פון פייגן מיט פלוימען, א שטיקל קוכן אויף קאָקאָ=ניס, דריי ביסקוויטן און א גלאָז טיי. ווען מיר גלייבן, אז נאָך דעם אלעמען האָב איך נישט געהאט קיין אפּעטיט. זיי זאָגן דאָ, אז כ'הויב אָן דיק צו ווערן. אַך, ווי כ'האָב דאָס גענוג! ווען איך וואָלט עס געקאָנט זיך אומקערן א היים!

עטל, דאָס זענען אלץ ווערטער און איך דארף דיך אזוי שטארק האָבן!

יוליוס

12=טער יולי 1951

עטל טייערע,

צי דערמאָנסטו זיך, אז איך האָב געשריבן צום תפיסה=דירעקטאָר אין צוזאמענהאנג מיט א צייטונגס=נאָטיץ פון וואלטער ווינטשיל?* ער האָט מיר געענטפערט:

„איך בין אייך מודיע, אז נישט מיין ביוראָ און קיין שום וועכטער האָבן נישט געגעבן אזא אינפאָרמאציע די זשורנאליסטן און קיינער קאָן נישט באַשטעטיקן, אז איר זאָלט האָבן געמאכט אזא דעקלאראציע“.

נאטירלעך, דאָס איז אלץ, וואָס ער האָט געקאָנט טאָן אין די ראמען פון דער געזעצגעבונג פון זיין אינסטיטוציע.

מיין שוועסטער עטל האָט מיר געשריבן, אז זי איז דינסטיק געווען ביי דער מאמען. ראבי פילט זיך גוט און מיכאעל איז זייער צופרידן פון דער שול אויף דער פרייער לופט. דאָס פענצטער פון דער מאמעס צימער גייט ארויס צום

---

* וואַלטער ווינטשיל האָט אין „נ. י. דעילי מיראָר“ פון 4=טן יולי 1951 געשריבן: „יוליוס ראָזענבערג, דער אַטאָמישער שפּיאָן, וועלכער געפינט זיך היינט אין טויטן=הויז, האָט געזאָגט צו זיינע וועכטער: „אויב מען וואָלט מיך געלאָזט לעבן נאָך אַ 2—3 יאָר, וואָלטן מיך די סאָוויעטישע אַוויאַטאָרן אַרויסגעראַטעוועט“.

מייך און צו דער באַן=ליניע. ס'איז א פּרעכטיקע לאַנדשאַפט און פאַר ראַבי איז דאָס ווי גן־עדן... ער פאַרברענגט זיין צייט צוקוקנדיק זיך ווי עס גייען דורך די שיפן און די צוגן.

כ'האָב פאַרענדיקט דאָס בוך „געבורט פון ישראל“ פון דאַן גראַנדאָס, וואָס דער רב האָט מיר געליען. איך רעקאָמענדיר צו לייענען דאָס בוך.

מיר דאַרפן ווייטער פּאָרזעצן צו געפינען כוח אין זיך גופא און אין אונ־זער קעגנזייטיקער ליבע. זיי שטענדיק מיט מיר, מיין מוטיקע פרוי.

תמיד דיינער

יוליוס

15=טער יולי 1951

מיין טייערע,

ס'איז זונטיק אָוונט און אין די ט.ס. (קאַמערן פאַר די פאַרמשפּטע צום טויט) הייבט זיך אָן דער נאַכט=קאַבאַרעט. דער ראַדיאָ שפּילט, כ'האָב שוין אי־בערגעלייענט די צייטונגען און די קאָמישע מעשיות, געשפּילט אין פּילקע, זיך אויסגעבאָדן און איצט שרייב איך צו מיין פרוי און מיינע קינדער.

כ'האָב איבערגעלייענט „דעם ווייסן טורעם“ פון אולמאַן און לייען איצט „א גוטע נאַכט ליבער פּרינץ“. ס'איז א ביאָגראַפיע פון דזשאָן באַרימאָר, כ'בין זיכער, אז ס'וואָלט דיר געפעלן. איך טו אַלץ, כדי אויסצופילן די אומענדלעכע שעהן. די וואָך האָב איך באַוויזן צו מאַכן צוויי פּאַרטיעס שאַך.

איך ווייס נישט פאַרוואָס, אָבער עס דאַכט זיך מיר, אז עס איז שוין זייער לאַנג, ווי כ'האָב דיך נישט געזען און העריבער זעט אַלץ אויס מאָדנע און ווייט. ס'איז מיך באַפאַלן א געפיל פון פּוסטקייט. ווען די וועסט לייענען דעם בריוו, וועט זיין א יאָר, ווי איך האָב אויפגעהערט צו לעבן אַקטיוו.

זיי אָבער זיכער, אז ווען איך בין מיט דיר, ווען איך לייען דיינע בריוו אָדער בכלל ווען איך לייען, געלינגט מיר צו אנטלויפן פון די דאָזיקע סטערילע עטמאָ־ציעס. איך שטעל מיר גאָר דעמלט פאָר, ווי איך הייב אויפסניי אָן צו בעטן דיין האנט. דאָס איז ביז גאָר רייצנד, עס פאַרבישופט, ווייל איך בין זיכער, אז עס לויגט זיך נאָכצויאָגן נאָך דיר און אז די ביסט מיינע.

עטל, פרוי מיינע, עס מוז נעמען א סוף צו אונדזער אומגליק, זיי מוזן אָנערקענען אונדזער אומשולד. מיט מיין גאַנצן האַרצן.

יוליוס

19־טער יולי 1951

מיין טייערע,

ס'איז האלב אכט אָוונט. כ'האָב פארבראכט מיין גאנצן טאָג מיט לייענען א בוך פון טאָמאס וואָלף. א וואונדערבארע פּראָזע. כ'האָב נאָך באוויזן צו שפּילן אין פּילקע איידער דער מבול האָט דורכגעווייקט דעם פּלאַץ אין הויף. האָסט דו שוין אמאָל באמערקט, ווי אָנגענעם ס'איז צו לייענען בעת אין דרויסן רעגנט. כ'האָב געטראכט: וואָס פאר א וואונדערבארע וועלט איז די, אין וועלכער מיר לעבן, און וואָס פארא זאכן דער מענטש וואָלט געקאָנט רעאליזירן, ווען ער וואָלט געקאָנט פולשטענדיק אויסנוצן זיין שעפערישן כוח.

כ'בין געווען אויפגעבראכט, ווען כ'האָב געלייענט, אז אונדזער רעגירונג קלייבט זיך אָפּצושליסן אן אָפּמאך מיט שפּאניע. דער פאשיסט פראנקאָ וועט, הייסט עס, העלפן פארטיידיקן די „דעמאָקראטיע". פאר א סך מענטשן מוז עס זיין מאָדנע, וואָס די גאנצע צייט מוזן מיר זיך פאראייניקן מיט די סאמע רעאקציאָנערע, סאמע פעאָדאלע און פאשיסטישע עלעמענטן, כדי צו פארטיידיקן די דעמאָקראטיע. „עפּעס וואָס איז פארפוילט אין דער מלוכה פון דענעמארק"!

כ'קוק איצט אויף די שמייכלענדיקע פּנימער פון אינדזערע צוויי זין. מען טאָר נישט דערלאָזן, אז די שולדלאָזע קינדערלעך זאָלן האָבן צו ליידן פון אָט דער פינצטערער משוגעת און פון אָט דער ברוטאליטעט. זיי האָבן נישט קיין רעכט עס צו טאָן. מיר טאָרן נישט דערלאָזן, אז די געשעענישן זאָלן ארויפלייגן אויף אונדזערע קינדער א שטענדיקן חותם...

אָט איז שוין מער ווי א יאָר, זינט מיר זענען צעשיידט. כ'האָב געקאָנט אריבערטראָגן די צעשיידונג און אפילו דעם געדאנק פון דער מעגלעכקייט פון טויט, דערפאר, ווייל אונדזער צוזאמענבונד איז אזא פולשטענדיקער. יאָ, די פאקטן, דער אמת און דאָס רעכט זענען אויף אונדזער זייט און די אפּעלאציע מוז זיך ענדיקן מיט א טריומף. כ'בין זיכער, אז אונדזער אדוואָקאט וועט טאָן אַלץ, וואָס נאָר מעגלעך, כדי נישט צו דערלאָזן, ס'זאָל ארויסגעגעבן ווערן נאָך א צווייטער פּאָליטישער פּסק־דין, און כדי צו דערגרייכן אַן אורטייל, באזירט אויפן געזעץ. דו בלייבסט מיין האָפענונג. כ'בין תמיד שטאָלץ צו זיין דיין מאן.

יוליוס

19־טער יולי 1951

טייערער,

נעכטן האָב איך באקומען נאָך א בריוו פון אונדזער גרויסן יינגל. ער גיט מיר צו וויסן מיט שטאָלץ, אז ער איז שוין שווימער „ב", דאָס באדייט, אז ער איז א „גרויסער" שווימער. עס זעט אויס, אז ער מאכט פּאָרשריט.

נאָך א וואָרט וועגן די דערציִערישע פּראָבלעמען וואָס שייך די קינדער: עטל האָט מיר געזאָגט, אז כאָטש די פרוי איז גערן איינגעגאנגען צו בלייבן מיט ראָבי א גאנצן טאָג אין פּאָרשול אויף דער פרייער לופט, האָט אונדזער יינגעלע קאַטעגאָריש זיך קעגנגעשטעלט און אַפילו מיט פאַרביטערטקייט.

טייערער, איך בענק נאָך דיר, איך קוש דיך, מיין ליבשאפט.

עטל

25-טער יולי 1951

יוליוס מיין טייערער,

היינט פרי, בין איך געווען צו אויפגערעגט, כ׳זאָל באַרירן געוויסע פראגן, וועלכע מיר דארפן לעזן בעתן וויזיט פון די קינדער, קומענדיקע וואָך.

דאָס וויכטיקסטע וועט זיין, זיי געבן צו פארשטיין, אז מיר קאָנען נישט געבן אויף זייערע פראַגן קיין ענדגילטיקן ענטפער, און אַז דער דאָזיקער באַזוך איז בלויז דער ערשטער פון א גאנצער ריי. אויב ס׳וועט אונדז געלינגען צו שאפן ביי זיי דעם איינדרוק, אז מיר זענען נישט צו דערשיטערט, וועלן מיר דורך דעם צוגרייטן דעם באָדן פאר זייער בארואיקונג.

אָט ווי כ׳האָב מיר עס פאָרגעשטעלט, ווי א מין מוסטער פונעם קומענדיקן געשפרעך. כ׳שרייב עס דיר אין פאָרם פון א מאָנאָלאָג:

— ס׳איז, נאטירלעך, נישט לייכט דאָס וויסן, אז מען איז פארמשפט צום טויט, און דער דאָזיקער געדאנק זאָל פון צייט צו צייט אונדז נישט אויפרודערן. אָבער לאָמיר באטראכטן דעם ענין אויף פאָלגנדיקן אופן: מיר ווייסן, אז אַן אויטאָ קאָן אונדז איבערפאָרן און טויטן. אָבער דאָס הייסט נישט, אז יעדע מינוט פון לעבן זאָלן מיר ציטערן, ווען מיר זעען אן אויטאָ.

איר זעט, מיר זענען פונקט די זעלבע ווי פריער, בלויז, וואָס מיר געפינען זיך, קערפּערלעך, אונטער אן אנדערן דאך ווי איר. מיר זענען טרויעריק, וואָס מיר זענען נישט צוזאמען מיט אייך. אָבער מיר ווייסן, אז מיר זענען נישט שולדיק און אז מיר זענען קרבנות פון אן אומגערעכטיקייט מצד מענטשן, וועלכע האָבן געלעזט זייערע אייגענע פראָבלעמען, דערציילנדיק וועגן אונדז שקרים. וועגן אָט די מענטשן קאָנט איר טראכטן, וואָס איר ווילט, אבי נאָר איר זאָלט נישט ליידן דערפון און זיך נישט פילן צוליב דעם אומגליקלעך.

פארשטייט זיך, אז כ׳וועל זיכער נישט באנוצן פונקט די זעלבע ווערטער, ווען זיי וועלן זיין דאָ, ס׳איז אָבער געווען אומבאדינגט נייטיק, כ׳זאָל טיילן מיט דיר מיינע געדאנקען, אפילו ווען כ׳האָב זיי דערוויייל נישט ווי געהעריק אויסגעדריקט.

עטל

25-טער יולי 1951

האַלאָ, מיין שיינקייט,

15 מינוט נאָך 9 אָוונט האָב איך פֿאַרענדיקט אַ פּאַרטיע שאַך, כ'האָב געזונגען. ס'איז געווען אַ שווערע שלאַכט ביזן לעצטן מאָמענט, און איצט אייל איך מיך דיר אָנצושרייבן די פּאָר ווערטער.

די צייט בלייבט קיינמאָל נישט שטיין. אין אָט דעם מאָמענט פֿריי איך זיך צו זען מיינע זין, וועלכע כ'האָב זינט אַ יאָר נישט געזען. הגם מען דאַרף נאָך וואַרטן אַ גאַנצע וואָך, שטייגט די שפּאַנונג און כ'מוז זיך באַהערשן מיט אַלע כּוחות, כּדי צו דערשטיקן מיין אַנגסט.

כ'בין צופֿרידן, וואָס דו וועסט זיין די ערשטע זיי צו זען און מיט זיי צו רעדן. ווייל כ'בין זיכער, אַז דו וועסט עס טאָן אויפֿן וווּנדערבאַרסטן אופֿן און וועסט צוגרייטן דעם באָדן פֿאַרן באַזוך, וואָס זיי וועלן מאַכן ביי מיר. דו ווייסט, ס'איז מיר איינגעפֿאַלן אַ וווּנדערבאַרער געדאַנק. די קינדער וועלן זיין פֿון דעם אַנטציקט. כ'וועל מאַכן צייכענונגען פֿון באַנען, שיפֿן און אויטאָבוסן און כ'בין זיכער, אַז מיכאָעלן און באַזונדערס ראָבי וועט עס זייער געפֿעלן. ווי מיינסטו? מיין טייערסטע, אַ מענטש נייטיקט זיך שטענדיק אין אַ בלייפֿעדער. הייַנט ביינאַכט, ליבע מיינע, קאָנסטו רואיק שלאָפֿן... ס'איז דאָ אַ פֿאָרשריט אין אונדזער ענין. מיר האָבן צוטרוי צו דער ליכטיקער צוקונפֿט, ווען מיר וועלן זיין פֿאַראייניקט אַלע צוזאַמען מיט אונדזערע קינדער.

מיין גאַנץ האַרץ דיר.
יוליוס

29-טער יולי 1951

טייערסטע פֿרוי מיינע,

דאָס, וואָס דו זאָגסט, און די ווערטער, וואָס דו באַנוצט, איז אַזוי וווּנדערבאַר, אַז איך קאָן זיי בעסער נישט רימען ווי ציטירן דעם יידישן שפּריכוואָרט: „פֿון דיין מויל אין גאָטס אויערן אַריין". דיינע פֿאָרשלאָגן אין שייכות מיט דער זאָרג מיט די קינדער זענען אויסגעצייכנט.

מיטוואָך וועט ווערן דער פֿינפֿטער יאָרצייט פֿונעם טויט פֿון מיין פֿאָטער. עטל, דער טויט פֿון אונדזער פֿאָטער, וועלכער איז געווען אַזוי איידל, אינטעליגענט, פֿילבאַר און ליבנד, איז געווען פֿאַר אונדז אַ גרויסער פֿאַרלוסט. איך וועל בעטן דעם רבֿ, ער זאָל אָנצינדן צו זיין אָנדענק אַ ליכט און בעת דער יידישער רעליגיעזער צערעמאָניע וועל איך זאָגן קדיש.

מיר מוזן דורכטראכטן אלע איינצלהייטן און שייכות מיט דער שול, מיטן געזעלשאפטלעכן לעבן און אלע באדערפענישן פון אונדזערע יינגלעך. א סך זאכן מוזן ווערן דערלעדיקט נאָך פאר די זומער-פעריען.

די טרייסאפט און איבערגעגעבנקייט פון מיין פאמיליע דערמוטיקט אונדז אלעמאָל מער. זיי זענען א הונדערט פראָצענטיקער אָנשפאר פאר אונדז.

האַלט אין דעם גאַנצן פראַכט פון דיין שיינענדיק געזיכט.

מיינע צערטלעכקייטן.

יוליוס

29-טער יולי 1951

האלאָ, מייערער,

איך וועל טאָן אלץ, וואָס איז נאָר אין מיינע מעגלעכקייטן, אז די קינדער זאָלן זיך פילן גוט און איך וועל זיי צוגרייטן צו דער זעונג מיט דיר. דערווייל באַמי זיך צו באַפרייען אַ ביסל פון דיין שרעק. גלייב מיר, אַז איך מוז טאָן דאָס זעלבע, איך מוז זיך גופא איבערצייגן.

עס וועט זיך דיר נישט איינגעבן מיך צו מאכן אייפערזיכטיק מיט דיינע שיפן און צוגן. איך האָב צוגעגרייט א פולן קאָנווערט מיט פארשידענע מינים זעלטענע באשעפענישן, וואָס זענען צונויפגעקליבן געוואָרן דורך אזא פלייסיקע יעגערין אויף ווילדע אינזעקטן, ווי דאָס איז דיין פרוי.

דיין מתנה איז גוט צוגעפאסט פאר זיי, ספעציעל פאר ראָבי; ס'איז מעגלעך, אז ער וועט זיך פילן שעמעוודיק און אביסל פרעמד מיט אונדז.

פארשטייט זיך, אויב מיכאָעל וועט נישט אויסמיידן מיך אויסצופרעגן וועגן אופן ווי אזוי מען עקזעקוטירט דאָ די פארמשפטע צום טויט, וועט זיכער די אויפגאבע פאלן אויף דיר. אין דעם פאל, ענטפער קורץ, אז דאָס מאכט מען דורך אַן עלעקטרישן שטראָם, אָן ווייטיק, אָבער מיר, נאַטירלעך, גלייבן נישט, אַז מיר זאָלן דערצו דערגיין. גלייב מיר, אַז קינדער זענען באמת אַזוי ווי די עלטערן דערוואַרטן, אז זיי זאָלן זיין.

אויב מיר וועלן קאָנען אויפנעמען דעם געדאנק וועגן אונדזער מעגלעכער עקזעקוציע אָן שרעק, וועלן זיי דאָס אויך אזוי אויפנעמען. פארשטייט זיך, קיינער פון אונדז דארף זיך נישט פאנאנדערשפרייטן אויף דער טעמע. אָבער לאָמיר קודם כל אליין קיין מורא נישט האָבן און אויך זיי וועלן נישט מורא האָבן.

מיין גאַנצע ליבשאפט, טייערער.

עטל

## קאַפּיטל V

# „צו דערהערן ווי די קינדער שרייען פון פרייד, דערזעענדיק אונדז...“

[דעם 15־טן אויגוסט 1951 האָט די פּראָגרעסיווע אַמעריקאַנער וואָכן־צייטונג „נעשאָנעל גאַרדיען“ אויפגעהויבן פאַר דער עפנטלעכקייט די ראָזענבערג־אַפּערע אין איר אמתן זין. אונטער דער אָנפירונג פון וויליאם רובען האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן אין דער צייטונג א סעריע אַרטיקלען, וועלכע האָבן אויפגעהויבן די באַאומרואיקנדיקע פראַגע: „צי איז די ראָזענבערג־אַפּערע א נייע דרייפוס־אַפּערע פון דער קאַלטער מלחמה אין אַמעריקע?“.

דער אָפּקלאַנג פון די אַרטיקלען איז געווען א געוואַלדיקער. די לייענער פון „גאַרדיען“ האָבן דערפילט, אז דאָ קומט פאָר א גרויס יוסטיץ־פאַרברעכן. די אַפּערע פון די „אַטאָמישע שפּיאָנען“, וואָס האָט פריער אָנגעוואָרפן א שרעק אויף אזוי פיל מענטשן, וועלכע האָבן נישט געוואָגט צו עפענען דאָס מויל, האָט איצט באַקומען אן אַנדער זין.

אין דער זעלבער צייט האָבן די לייענער פון „גאַרדיען“ מיט אומרו נאָכגעפאָלגט די רדיפות קעגן וועלט־באַרימטן נעגערישן וויסנשאַפטלער, דעם דאָקטער וו. ע. ב. דיבוא, וועלכן די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט צוגעצויגן צו געריכטלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט אלס „פרעמדן אַגענט“ בלויז דערפאַר, ווייל ער האָט גערופן אונטערצושרייבן דעם שטאָקהאָלמער אַפּעל, וועמענס ציל ס'איז געווען צו שטעלן אויסערן געזעץ די אַטאָמישע באָמבע.

מיט דער הילף פון די לייענער פון „גאַרדיען“ זיינען געשאַפן געוואָרן די ערשטע קאָמיטעטן פאַר דער פאַרטיידיקונג פון די ראָזענבערגס. די אַרטיקלען זיינען פאַרטיילט געוואָרן אין דער פאָרם פון קליינע בראָשורן. אזוי האָבן קליינע גרופּקעלעך פון ערלעכע, פּראָגרעסיווע אַמעריקאַנער בירגער אומערמידלעך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן דעם אמת וועגן די ראָזענבערגס.

יוליוס און עטל האָבן געגלייבט, אז דאָס וועט א געוויסן טאָג געשען. זיי האָבן געוואַרט אָן פאַרביטערונג און אָן צאָרן, וועלכן זיי האָבן געמוזט אין זיך

דערשטיקן ווייסנדיק, אז זייער טראגעדיע רירט אָן דאָס לעבן פון אלע מענטשן. פון אָנהייב האָבן זיי נאָר געהאט אויף זייער זייט זייער איבערגעגעבענעם אדוואָקאט, די טריישאפט פון יוליוסעס משפחה און די ליבע פון זייערע צוויי קליינע קינדער. אויסער דעם זענען זיי געווען אליין. זייט אויגוסט 1951 זענען זיי שוין אָבער נישט געווען אליין. פון אָנהייב זענען דאָס געווען 10 מענטשן, נאָכדעם 100, נאָכדעם טויזנט און נאָכדעם האָבן הונדערטער מיליאָנען מענטשן געקעמפט פארן לעבן פון די ראָזענבערגס. די זעלבע וועלן איצט ווייטער קעמפן פאר דער פולשטענדיקער רעהאביליטאציע פון די ראָזענבערגס און פארזיכערן די צוקונפט פון זייערע קינדער].

1-טער אויגוסט 1951

ליבסטע,

נאָר א קורצע רעזומע פון די געשעענישן פון היינט. כ'האָב זיך אויפגעכאפט היינט פרי אַן אויפגערעגטער, געשפאנטער און פול מיט אנגסטן. ווען דער קלאנג פון זייערע שטימען איז דערגאנגען צו מיין קאָרידאָר האָט מיין אנגסט אָנגעהויבן צו פארשווינדן. די געשרייען פון ראָבערט זענען געווען א מוזיק פאר מיינע אויערן.

נאָכן פרישטיק בין איך אריבער אין זאל פון די אדוואָקאטן. די קינדער האָבן זיך באהאלטן הינטער דער טיר. ווען כ'האָב זיי ארומגעאָרעמט, האָבן זיי זיך מיר אויסגעוויזן אזעלכע קליינינקע און אזוי פונווייטנס. כ'בין געווען אביסל צעטומלט. כ'האָב געפילט, ווי עפעס ווארגט מיך און מיינע אויגן זענען געווען פייכט. מיכאָעל האָט כסדר איבערגעחזרט: „טאטע, דיין שטים איז נישט די זעלבע“.

נאָך א פאָר מינוט האָב איך זיך באהערשט. מיר האָבן זיך ארומגענומען און צעקושט און דערנאָך האָט ראָבי זיך געזעצט אויף מיינע קני. זיין מאָגער בלאס פנימל און זיינע גרויסע אויגן זענען געווען געוואָנדן צו מיר און ער האָט געפרעגט: „טאטע, פארוואָס קומסטו נישט אהיים?“. כ'האָב אים דערקלערט. „פארוואָס ביסטו נישט געקומען זונטיק אין צענטער?“. כ'האָב אים ווידער דערקלערט. נאטירלעך האָט דאָס קינד עס נישט געקאָנט פארשטיין. ער איז ארומגעשפרינגען אין צימער און האָט זיך געשפילט מיט שטולן.

כ'האָב געגעבן די קינדער א פעקל צוקערלעך און זיי געוויזן די צייכענונגען פון די באנען, אויטאָבוסן און אויטאָס. מיכאָעל האָט די מייסטע צייט געצייכנט מיט א בלייפעדער לאסט-וועגענער. אונדזער גרויס ייגגל איז געווען רעזערווירט און שעמעוודיק. ער האָט קוים געוואגט מיך אָנצוקוקן. ווי די האָסט

מיר געהאַט פאַרגעלייגט, האָב איך זיי געפרעגט וועגן וואָס איר האָט גערעדט. צום סוף האָט מיכאָעל מיר אביסל דערציילט וועגן דייוו, וועגן דיין מוטער און וועגן רוט.

דער איינציקער מאָמענט, ווען מיר האָבן זיך באמת געפילט פאַראייניקט, איז געווען נאָך דעם, ווי מען האָט גערעדט וועגן דיין פאמיליע. אָט דאָ איז ער ווי אַרויסגעשפּרונגען פון זיין רעזערוו: „צי איז געווען אַ פריינד אויף דיין פּראָצעס? און ווער האָט נאָך, אחוץ מיסטער בלאָך, געזאָגט עדות פאַר דיר?“ מען זעט, ביידע קינדער זענען צערודערט.

איין זאַך, וואָס מיכאָעל האָט געזאָגט, איז דערשטוינענדיק: ס'וואָלט געווען בעסער, ווען ער וואָלט געווען דאָ און נישט איך. כ'האָב, נאטירלעך, נישט געקאָנט קיין סך דערקלערן ביי אָט דער ערשטער זיצונג. עטלעכע לידער און א שמועס איבער שפּילן, און די קינדער האָבן זיך דערפילט ווי ביי זיך.

דו האָסט געגעבן דעם ריכטיקן טאָן פאַר דער זיצונג און ס'איז דורכגעגאַנגען בעסער ווי כ'האָב דערוואַרט. צי ווייסטו, אַז די יינגלעך האָבן פאַרלאַנגט די וועכטער זאָלן זיי דורכזוכן? די קינדער האָבן געזאָגט, אַז דו זעסט אויס קלענער. כ'האָב זיי געמאכט אויפמערקזאם, אז כ'בין אָן וואָנצעס און אונדזער קליינקער האָט מיך געפרעגט: „וווהין זענען זיי אוועק?“.

לויט זייערע רייד קומט אויס, אַז זיי שפּילן נישט מער מיט זייערע קוביעס, אייזנבאַן, פּלאַסטילינע און בויקאַסטן. אפשר איז דאָס פאַרלוירן געגאַנגען?

מיר דאַרפן דורכטראַכטן דאָס פּראָבלעם פון די קינדערס באַשעפטיקונגען. טייערע, די קינדער דאַרפן אונדז האָבן און כ'האָף, אַז אונדזער צעשיידונג וועט מער נישט לאַנג דויערן. מיכאָעל האָט מיר דערציילט וועגן דיין צימער, וואָס איז אין גאַנצן גרייט פאַר דיר. די באָבע איז אריבער אין סאלאָן.

ווען זיי זענען אוועק, האָב איך געפילט, ווי מען וואָלט מיר ארויסגעריסן א שטיק הארץ. צערטלעכקייטן פאַר דיר.

יוליוס

1-טער אויגוסט 1951

טייערסטער מיינער,

מיין הארץ איז פאַרשטיינערט. כ'האָב מורא, אז איך בין בלויז רואיק געווען, און נישט ווי עס האָט דיר וואָרשיינלעך געזאָגט מאני, אז איך בין געווען וווּנדערבאר מוטיק. אזוי האָב איך מסתמא אויסגעזען. אָבער ווען כ'האָב געלאכט און געקושט די קינדער, האָב איך געפילט ווי עס ברויזן אין מיר אזעלכע שרעק-

לעבע געפילן, און איך גלייב נישט איך זאָל קאָנען האָבן געניג זיך באהערשט, אז איך זאָל האָבן אויסגעטאָן עפּעס פון א גרויסער באדייטונג. איך צווייפל, אגב, צי אן אנדערער אויף מיין אָרט וואָלט געקאָנט אנדערש זיין. פון אן ערשטער זעונג נאָך אזא יאָר צעשיידונג קאָן מען דאָך נישט דערווארטן מער ווי פאַרטרייבן די אָפּגעפרעמדקייט.

פונדעסטוועגן בין איך אומפעיק זיך צו באפרייען פונעם געפיל פון אנטוישונג און יאוש. פונקט אזוי קאָן איך אויך מיך נישט באַפרייען פון שרעקלעכן ווייטיק און ברענענדיקן פאַרלאַנג, וואָס פייניקן מיך איצט אומאויפהערלעך צוליב דעם, וואָס איך קאָן מער נישט הערן דעם זיסן קלאַנג פון זייערע שטימען.

און דאָך בין איך פול מיט שטאָלץ און פרייד. צום ווידערזעען פרייטיק.

צערטלעכקייטן.

עטל

2-טער אויגוסט 1951

מיין טייערע,

דיין לעבעדיקע באשרייבונג פון דער זעונג מיט די קינדער האָט מיך טיף גערירט. איך האָב זיי אזוי ליב! ווי אזוי וועל איך איצט אויסהאַלטן אָן זיי?

דאָס געשטאַלט פון מיין קליינטשיק, צעטומלט יינגעלע, זיין אומעטיק פנימל מיט די פיבערהאַפטע אויגן און ערנסטער מינע שטייט מיר כסדר פאַר די אויגן. אויך מיכאָעל מיט זיין געמאַכטער פריילעכקייט און שטיפערישער פלאַפּלעריי פארלייכטערט נאָר נישט מיין אנגסט. מאַך זיך נישט קיין אילוזיעס, זיי נויטיקן זיך אין אונזער באַלדיקער הילף. אין מיין קאָפּ זענען שוין געבוירן געוואָרן א באַרג מיט פּלאַנען, וועגן וועלכע איך וועל דיר צוויסן געבן אזוי שנעל ווי ס'איז נאָר מעגלעך. אייניקע האָב איך זיך שוין פאַרנאָטירט און מיר וועלן דאָס באַטראַכטן אויף דער קומענדיקער זעונג אין נאָ מאַנס לאַנד.

כ'מיין, אז איך דאַרף בעסער גיין שלאָפן. די טרערן הייבן ווידער אָן זיך צו גיסן. טייערער, איך דאַרף דיך אזוי האָבן, כ'האָב דיך ליב. אך, גאָט מיינער, ווען וועט שוין א סוף נעמען צו דעם שוידערלעכן, גרויליקן מאַרטירערטום? א גוטע נאַכט, טייערער יוליוס.

עטל



דער פּאַרטיידיקער עמאַנועל בלאָך מיט מיכאעל און ראָבי פּערלאָזן סינג-סינג

3-טער אויגוסט 1951

מיין טייערע,

קיין צרות און ליידן פעלן אונדז, לייַדער, נישט. איך פאַרשטיי אויסגעצייכנט דיין אנגסטיקן אומרו וועגן די קינדער. איך פיל דאָס זעלבע. מיר זענען אָבער אימשטאַנד צו אָרגאַניזירן פאַר זיי אַ פּלאַן, וואָס זאָל אויסבעסערן אַלץ, ווי ס'דאַרף צו זיין.

זייער וויזיט האָט פאַר מיר אויפגעדעקט די גאַקעטע ווירקלעכקייט פון אונזער לאַגע. איך לייג פאָר, אַז דו זאָלסט צוגרייטן אַן אַלגעמיינעם פּלאַן און מיר וועלן זיך דורכרעדן מיט מאַני און מיט מיין משפּחה. מיר וועלן זיי געבן שריפטלעכע אָנווייזונגען. דאָס לעבן פון די קינדער, זייערע שפּילערייען, זייערע מאַטעריעלע באַדינגונגען מוזן ראַדיקאַל געענדערט ווערן.

כ'מיין, אַז מען מוז טאָן, וואָס נאָר מעגלעך, כדי צו טוישן פאַר מיכאָעלן די שול. אונדזער קליינטשיקן מוז מען אָפּגעבן אין אַ פּאַרשול. איך שרעק מיך נישט, ווייל איך ווייס, אַז עס זענען פאַראַן די נייטיקע באַדינגונגען צו אָרגאַניזירן זייער לעבן. איך רעכן אויף דיר, אַז דו וועסט צוגרייטן אַלע נייטיקע פאָרשלאָגן, וואָס זענען שייך צו דער צוקונפט פון אונדזערע קינדער. איך רעכן אויף דיין אַנאַליטישן שכל און דיין געפיל פאַר איינצלהייטן, וואָס וועלן אונדז העלפן דערגרייכן דעם ציל.

תמיד דיינער.

י ו ל י ו ס

7-טער אויגוסט 1951

טייערער,

שבת בין איך אויפגעשטאַנען מיט אַ בלייערנעם, אָנגעווייטיקטן קאָפּ און מיט קראַמפּן אין מאָגן. דאָס זענען, פאַרשטייט זיך, די אויסווירקונגען פון אַ וואָך שטורמישער אָנשטרענגונג. פונדעסטוועגן באַאומרואיק זיך נישט, איך פיל מיך אויסגעצייכנט.

כ'האָב דיך ליב פאַר דיין טרייִשאַפט, דיין איבערגעגעבנקייט און פאַר דיין מוט. עס טוט מיר וויי, וואָס דו ליידסט אַזוי פיל פאַר דיין פרוי און דיינע קינדער. דיין אומאויפהערלעכע אויפמערקזאַמקייט, וואָס דו שענקסט מיר און דיין צוטרוי צו מיינע פעיקייטן צו לייזן אונדזערע פּראָבלעמען, העלפן אויסצוהאַלטן ביזן סוף פון די גרויליקע טעג.

דיין ליבנדיקע פרוי

ע ט ל

1951 9=טער אויגוסט

יוליוס, מיין טייערער,

צי איז ווען געווען אזא גליקלעכע פרוי, וואָס זאָל האָבן אזא מאַן, ווי דו? קיינמאָל נישט! און וואָס מיינסטו האָט ארויסגערופן ביי מיר אזא אויפברויז פון געפילן? ווען כ'האָב היינט געגישטערט אין מיינע „אָנדערנקונגען" האָב איך געפונען דיין קאַרטל צום טאָג פון די מוטערס מיט דיינע רירנדיקע גראַטולאַציעס. כ'האָב זיך דערביי דערמאָנט ווי מאַני, בעת ער האָט מיר דאָס איבערגעגעבן, האָט געשיינט, זעענדיק, ווי אזוי דאָס האָט געווירקט אויף מיר. און מיט וואָסער שטאָלץ ער האָט מיר בייגעלייגט מיכאָעלס פאָטאָגראַפיע פון זיין קלאַס. וואָס פאַרא ברענענדיקע און פריילעכע אויגן ער האָט! אונדזער יינגל שטייט אין דער לעצטער ריי מיט אזא מינע, ווי ער וואָלט זיך געפילט ביי זיך, מיט אזא לעבעדיקן, רייפן בליק, אז ס'האָט מיך אָנגענעם דורכגענומען. דער פאַרלאַנג צו האָבן מיין זון לעבן זיך איז אזוי שטאַרק, צערייסט מיר אזוי דאָס האַרץ, אז איך בין פעיק צו שרייען, ווי א חיה, ביי וועלכער מען רייסט אוועק איר קליינווארג. ווי אזוי האָבן זיי געוואַגט, ווי אזוי האָבן זיי געוואַגט די נידערטרעכטיקע, די מיאוסע באַשעפענישן ארויפצולייגן זייערע אומריינע הענט אויף אונדזער ריינעם, הייליקן פאַמיליען=נעסט? און איר מיינע אַמעריקאַנער שוועסטער, זאָגט מיר, ווי לאַנג נאָך וועלן אייערע מענער און אייערע קינדער קענען זיין אויסער דער געפאַר, אויב איר וועט שווייגן און נישט פּראָטעסטירן קעגן דעם דאָזיקן פאַרברעכן?

מיין לעצטע באַגעגעניש מיט דיר זעט מיר אויס פאַרנעפּלט און ווייט. דאָך זע איך דיך מיט דיין פעסט צוגעקלעפּטער נאָז צו דער לעבערלעכער און בידערטרעכטיקער פאַרצוימונג, וואָס טיילט אונדז פונאַנדער. איך זע דיינע אויגן פול מיט קלוגער שפּילעוודיקייט. פון גאַנצן האַרצן קוש איך דיך צום שלאָפן גיין.

עטל

1951 13=טער אויגוסט

מיין טייערסטער יוליוס,

מיין האַרץ פילט זיך שוין אָן מיט פרייד, טראַכטנדיק וועגן אונדזער זעונג מיטוואָך אינדערפרי. ווען דו שפּרייזט דורך די פּאָר מעטער, וואָס טיילן אונדז אָפּ, און דו באַגעגנסט מיך מיט דיין פריילעכן גוט=מאָרגן, קום איך צוריק צום לעבן. דעמולט דערפיל איך, אז איך בין צוריק איך און נישט עפּעס אן אומגליקלעך, פאַנטאַסטיש באַשעפעניש, וואָס איז אראָפּגעפאַלן פון א צווייטן פּלאַנעט. מיר דאַכט זיך פונדעסטוועגן, אז כ'האָב דערגרייכט צו אזא צושטאַנד,

אין וועלכן ס'איז מיר לייכטער שלום צו מאכן מיט דער פּערספּעקטיוו צו בלייבן דאָ נאָך א סך לאנגע און פינצטערע חדשים און נישט אראָפּגיין פון זינען. איך הייב אָן זיך איינצוגראָבן דאָ און איך וואָלט וועלן מיט אַלע מיינע כּוחות, אַז דער ארט גייסטיקער צושטאנד מיינער זאָל דויערן.

און דער אמתן געזאָגט, הייב איך אָן צו האָבן א געפיל, ווי איך וואָלט פּשוט געלאָזט דאָ דורכלויפן די צייט אזוי לאנג ביז מען וועט מיך צוריקשיקן אהיים, צו דיר און צו די קינדער. און עס קען דאָך נישט זיין קיין אנדער סוף צו דעם אומגליק, סיי לויטן יושר און סיי לויט יעדן געזעץ. און דעריבער זאָג איך מיר: לאָמיר זיין פרייליכער! ווייניקסטנס איז דאָס א נויטווענדיקע קאָנקלוזיע. אויב נישט, ווי אזוי וואָלט איך געקאָנט זינגען. ווי איך האָב דאָס געטאָן די לעצטע צוויי טעג?

איך גלייב, אַז די סיבה פון מיין וואקסנדיקן אָפּטימיזם איז דער וויזיט פון די קינדער, און אין דער אמתן קענען אונדזערע יינגלעך יעטווערן דערפרייען דאָס הארץ. אויך דער לעצטער וויזיט פון מאני איז געווען דערמוטיקנדיק. ענדלעך הויבט אָן צו ווערן קלאָר, אַז ס'איז זייער מעגלעך א לעגאַלע אנולירונג פון אורטייל. כ'האָב דיך ליב, טייערע.

עטל

16=טער אויגוסט 1951

עטל, מיין טייערע,

ווי די געשעענישן גייען עס פאָרויס! ווידער פּאָליטישע ארעסטן, אטאקעס אויף די דעמאָקראטישע פרייהייטן פון פאָלק, אויף דער קאָנסטיטוציע און די מלחמה=היסטעריע צעפלאקערט זיך איבערן גאנצן לאנד.

לענא האָט מיר ווידער געשריבן און צווישן אנדערן דערציילט זי וועגן מיכאעלס א קאַפּריז: ער וויל שלאָפן מיט דער מאמען. לענא גיט צו, אַז זי וועט רעדן דערוועגן מיט אונדז ווען זי וועט אונדז קומען זעען פרייטיק. ער איז איינגעצן אזוי ווי זיין פאָטער און זיין מוטער. ער האלט אין איין נאָכטראַכטן און דערנאָך קען ער נישט איינשלאָפן. ער וויל, אַז מיר, זיינע עלטערן, זאָלן אים א קוש געבן אין בעט און אזוי ארום אים העלפן איינשלאָפן. דאָס הארץ ווערט צעריסן.

מען דארף האָבן אזוי פיל כּוח! נאָך אונדזער פולשטענדיקע באפרייאונג און א שנעלע פאראייניקונג פון דער גאנצער פאמיליע אונדזערער וועט קאָנען

פארהיילן דאָס שלעכטס, וואָס מען האָט אונז געטאָן. וואָס ס׳זאָל נישט זיין, וועל איך פאַרזעצן מיך צו שלאָגן ביז מ׳וועט אָנערקענען אונדזער אומשולד.

מיין גאַנץ האַ־ץ דיר.

יוליום

16־טער אויגוסט 1951

מיין טייערער,

איך בין באַהערשט פון א מאָדנעם געפיל, ווי איך וואָלט געלעבט אין א וועלט אַרומגערינגלט מיט הויכע מויערן, מחוץ פון וועלכער עס עקזיסטירט שוין נישט קיין אַנדערע וועלט. עס זעט מיר אויס, ווי די ליניעס וועלכע מ׳האָט געענוי אָנגעצייכנט, כדי אָפּצוטיילן מיין זאָגע פון דער אויסערלעכער וועלט, זענען פארשוונדן, ווייל קיין צווייטע וועלט איז מער נישטאָ.

זעט אויס, אַז צו אַזא גייסטיקן צושטאַנד בין איך איצט געגויגט. כ׳האָב א באַדערפעניש צו בלייבן פארמאַכט אין זיך גופא, דאָס איז אַזא באַדערפעניש, וואָס זאָגט אָפּ אויפצודעקן מיינע געדאַנקען און מיינע געפילן. געוויס, איך מאַך פּלענער פאַר די קינדער און פאַר דיר, אָבער... ס׳איז אַזוי ווי כ׳וואָלט אין דעם נישט געגלייבט; דאָס זענען חלומות וועגן וועלכע איך קאָן נאָר חלומען. איך פאַרמאַך זיך אין זיך גופא, ס׳איז ווי היגערפלעט. ס׳כאַפּט מיך אַרום א מידקייט. און דאַך איז די אויסערלעכע וועלט, וועלכע כ׳האָב אויבנאויפיק אָפּ־געשטויסן, מיר נעענטער ווי פריער, ווייל די סיטואַציע דאָ זעט מיר איצט אויס וויניקער שרעקלעך ווי פריער.

איך ווייס, אַז דאָס אַלץ איז פּאַראַדאָקסאַל. און מעגלעך, אַז מיין מוח איז אַזוי פאַרמאַטערט פון אַריינטראַכטן אין די ענינים, אַז ער פונקציאָנירט שוין מער נישט. כ׳האָב דיך ליב.

עטל

23־טער אויגוסט 1951

מיין טייערער,

דער בלויער און גאָלדענער טאָג איז אָנגעזאַפּט מיט א מילדער לויטער־קייט. איך זעטיק מיך אָן מיט זון און לופט און איך פיל מיך פארשיכורט פון לעבן און פון כוח.

און איצט צו ערנסטע ענינים: טייערע, דאָס לעבן פון דיין מוטער ווערט אומדערטרעגלעך. זי איז דערשעפּט און זי זעט אזוי אויס, אז עס צערייסט דאָס הארץ. כ'האָב געשריבן צו מאַני, אז ער זאָל אומבאַדינגט קומען צו מיר אין אָנהייב צווייטע וואָך, כדי צוזאַמען צו געפינען א לעזונג. דערווייל, האָב איך פאַרנאָטירט וואָס פאַרא מאַטעריאַלן מ'דאַרף געבן די קינדער, כדי זיי זאָלן גאַנץ פרי, איידער די דערוואַקסענע שטייען אויף, האָבן מיט וואָס זיך צו פאַר־נעמען און מען זאָל זיי נישט דאַרפן אָפּהיטן. אזוי ארום וועט מען אויסמיידן, זייערע שטיפעריייען, וויניקסטנס וועט מען זייער ארומטומלען פארקלענערן. כ'האָב פאַרגעלייגט לענאַ זי זאָל קויפן פּלאַסטילינע, בוי־קלעצלעך און גומענע ווענעלעך. מיינע צערטלעכקייטן.

עטל

23־טער אויגוסט 1951

מיין טייערע פרוי,

ס'האָט מיך דערשיטערט, ווען כ'האָב געזען, ווי שלעכט מיין מוטער זעט אויס. כ'האָב געשריבן צו מאַני און אים געבעטן זי שיקן אונטערזוכן צו א דאָקטער. כ'האָב אים אויך געבעטן צו דערלעדיקן די ענינים ביי אונדז אין שטוב.

איך האָף, אז דו האָסט געלייענט וועגן דעם אנולירן דורכן אפּעלאַציע־געריכט דעם אורטייל קעגן רעמינגטאָן. האָסט באַמערקט, אז דאָס אפּעלאַציע־געריכט האָט אָנגעגריפן סעייפּל פאַר זיינע מעטאָדן. אויב דאָס געריכט וועט יושרדיק באַטראַכטן אונדזער ענין, בין איך איבערצייגט, אז עס וועט אנולירן דעם אורטייל.

כ'האָב געכאַפּט א קליין, ברוין זומערפליגעלע און אויך א ווייס, זייער א שיינס. כ'האָב זיי אויסגעטרוקנט צווישן די בלעטלעך פון א בוך. איך מאַך דאָס, באַטירלעך, אזוי ווי דו — און איך טריומפיר שוין פונעם געדאַנק, אז איך וועל זיי געבן די קינדער, ווען זיי וועלן דאָס קומענדיקע מאָל קומען אונדז זען.

אָבער קודם כל טראַכט איך וועגן אונדזער טריומפירנדיקן צוריקקער אין אונדזער היים. איך שטעל מיר שוין פאָר אלע אייגנצלהייטן: דאָס קושן זיך מיט די קינדער, מיט מיין מוטער און מיט דיר. אנדערש קען דאָס נישט זיין.

שטענדיק דיינער.

יוליוס

26־טער אויגוסט 1951

טײַערע עטל

ס'איז פאַרענדיקט מיט מײַנע שאַד־טורנעען. מײַנע פּאַרטנערן מיט וועלכע איך שפּיל האָבן באַקומען די באַריכטן פון זייערע פּראָצעסן און איצט ווידמע־נען זיי זיך אײַנגאַנצן זיי דורכצושטודירן. אַזוי לאַנג ווי איך גײען מיט וואָס אויסצופילן די צײַט, איז אַלץ אין אָרדענונג. צו מײַן קאָלעקציע אינזעקטן זענען צוגע־קומען א מײַ־זשוק און א וואַסער־ליבעלע.

לענגא האָט מיר געשריבן, אַז מיכאַעל האָט זיך צוגעקליבן אין שול א חבר, וועלכער וווינט אין דער געגנט. ער איז שוין געווען בײַ אים, געגעסן מיט אים האָרט און די ייִנגלעך האָבן זיך אָפּצושטאַטן וויזיטן. ווען מיר וואָלטן געקענט באַקומען א דערפּאַרענע פּערזאָן, וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיט אונ־דזערע קינדער, בין איך זיכער, אַז זייער געוויינע אויפטרייסלונג וואָלט זיך באַרואיקט. איך בין אויסערגעוויינלעך באַאומרואיקט וועגן געזונט פון מײַן מו־טער און וועגן דער לאַגע אין שטוב...

איך טראַכט וועגן די אָוונטן, וואָס מיר האָבן פאַרבראַכט בײַ אונדז אין דער היים. ווען די קינדער זענען זיך רואיק געשלאָפן אין זייער צימער, זענען מיר געזעסן בײַ די פּליטן און געהערט מוזיק. אַלע קלייניקייטן פון אונדזער פרײַערדיקן לעבן באַקומען הײַנט א ברייטערן אינהאַלט. איך האָב גיישט געקענט מײַן גליק צו האָבן דיך און די קינדער.

דעם אמתן ווערט פון דעם אַלעמען האָב איך ערשט דאָ פאַרשטאַנען. מיר האָבן בישט פאַרלוירן דעם גלויבן און אַלץ א גרעסערע צאָל מענטשן וועלן זיך דערוויסן וועגן אמת אונדזערן. כ'בין איבערצייגט, אַז דאָס אַרויסברענגען אונ־דזער ענין אויף דער ליבטיקער שײַן, צוזאַמען מיט דער ענערגישער פאַרטײַ־דיקונג פון אונדזערע אַדוואָקאַטן, וועט דערפירן צו אונדזער באַפרײַאונג און צו דער פעסטשטעלונג פון אונדזער אומשולד. כ'וועל דיר דערמאָנען אַלץ אָפּגעבן, דיר און אונדזערע ייִנגלעך, פאַר דער פאַרלוירענער צײַט און פאַר די שרעק־לעכע פּײַניקונגען. כ'האָב דיך ליב, מײַן פרוי.

י ו ל י ו ס

30־טער אויגוסט 1951

זיס ווײַבעלע,

איך קען דיר צוזוויסן געבן, אַז זינט כ'האָב דיך און מאַני געזען בין איך פול מיט מוט. ס'איז געווען פאַר מיר א גרויס פאַרגעניגן זיך צו דערוויסן, אַז א סך מענטשן, אַפילו אין אויסלאַנד, אינטערעסירן זיך מיט אונדזער זאַך. דאָס

וואָס איז איצט צום וויכטיקסטן פאר אונדז איז, אז דער באריכט פון פראַצעס זאָל פארעפנטלעכט ווערן, כדי מענטשן זאָלן זיך איבערצייגן אין אונדזער אומשולד.

נעכטן האָב איך געשריבן צו מיכאָעלן און אים באַשריבן מיין אינזעקטן־קאַלעקציע, צו וועלכער כ׳האָב היינט צוגעגעבן נאָך פיר מינים.

איך בין גליקלעך, וואָס מיכאעל און ראָבי וועלן מאכן עקסקורסיעס און זיך ווייטן אין דער געזעלשאפט פון אזעלכע גוטע, הארציקע מענטשן.

איך מוז דיך באַוואונדערן. דו באמיסט זיך אין דיין שווערער סיטואציע נאָך צו העלפן אנדערע. איך ווייס, וואָס פארא וואונדערבארער מענטש דו ביסט און איך שאַץ דאָס אָפּ. דעריבער טוט מיר נאָך מער וויי, וואָס אפילו אין דער איצטיקער פיינלעכער צייט, פרווט נאָך דיין משפחה דיר ברענגען שאָדן.

ווי גרויזאם דאָס איז! און וואָס פארא גליק, וואָס דו האָסט זיך דערקענט אויף זיי און ביסט נישט געוואָרן דערשיטערט פון זייערע מיאוסע שטיק.

עטל, דו פעלסט מיר אזוי שטארק, אָבער כ׳וועל אויסהאלטן, ווייל איך בין זיכער, אז מיר וועלן ארויסגיין די זיגער פון דער איבסצעניזירטער מאכינאציע קעגן אונדז און מיר וועלן פארגיטיקט ווערן פאר דער גאנצער צייט, וואָס מיר האָבן פארלוירן. צום ווידערזען.

יוליוס

9־טער סעפטעמבער 1951

מיין ליבסטע,

דער באזוך פון די קינדער איז דורך אויסגעצייכנט. זיי זענען פון אָנהייב אָן געווען זייער לעבעדיק און האָבן זיך אזוי פארוויילט, אז זיי זענען געווען זייער אומצופרידן, ווען זיי האָבן געדארפט אוועקגיין. מיכאעל האָט געזאָגט, אַז ער וויל צוריקקומען. א דאנק דעם גוטן איינפלוס, וואָס דו האָסט אויף זיי, איז די אטמאָספער געווען ווי אויף א געמיטלעכן פאמיליע־צונויפטרעף.

די קינדער האָבן זיך באהאלטן אונטערן שרייבטיש. דאָס קינדישע לאכן פון ראָבי האָט זיי אָבער ארויסגעגעבן. זיי האָבן זיך א וואָרף געטאָן צו מיר, מיר האָבן זיך צעקושט. „אָ, וואונדערבאר!“ האָט מיכאָעל געזאָגט, ווען כ׳האָב אים געגעבן א בלייפעדער מיט א בלאָקנאָט און ער האָט גענומען צייכענען. כ׳האָב זיי געוויזן מיין קאָלעקציע פון אינזעקטן און אוועקגעלייגט אויפן טיש צוויי באנאנעס און צוויי טאָוולען שאָקאָלאד. אונדזער גרויס יינגל האָט געזאָגט „טאטע, ביטע, שטאָפּ אונדז נישט מיט עסן“. ראָבי דאקעגן האָט זיך גענומען צו ביידע טאָוולען און צו א באנאנע. ער איז ארומגעשפרונגען און

האָט געשטיפּט ווי עס פּאַסט פאַר אים. כ'האָב אים גענומען אין מיינע אָרעמס, אים א קוש געגעבן און געלאָזט אים שפּילן, כדי כ'זאָל קאָנען רעדן מיט מיכאעלן.

דער גרעסטער טייל פון דער שעה איז אוועק אויף א דיסקוסיע. אָנגעהויבן האָט עס זיך מיט דער פאַראורטיילונג צום טויט, וועגן וועלכער מיכאעל האָט געלייענט אין א צייטונג. כ'האָב אים געזאָגט, אז דאָס באַאומרואיקט אונדז נישט. מיר זענען אומשולדיק, מיר האָבן א סך אַפּעלאַציע־מעגלעכקייטן און אז ער דאַרף זיך נישט באַאומרואיקן. זיין אויפגאַבע איז אויסצוואַקסן א גרויסער און א שטאַרקער.

ער האָט מיך געפרעגט, ווי אזוי מען שטאַרבט און כ'האָב עס אים געזאָגט. ער האָט מיך געפרעגט, צי איז דאָ פאַראַן אן עלעקטרישע שטול. און כ'האָב אים געענטפערט: יאָ. ער האָט מיר געשטעלט מערערע פראַגן וועגן די אַפּעלאַציעס און וואָס ס'וועט זיין, אויב מיר וועלן צום סוף פאַרלירן דעם פּראָצעס און וועלן מוזן אנטקעגנגיין דעם טויט. כ'האָב אים נאָך א מאָל און נאָך א מאָל כסדר באַרואיקט, אָבער כ'האָב געקענט זיך איבערצייגן, אז ער איז געווען שרעקלעך דערשיטערט.

ער האָט מיר געשטעלט א מאַסע פראַגן וועגן די צייטונגען געלייענטע ריאַפּאָרטן בנוגע דער אַקציע פון „פ.ב.י.“ * און די געשווירענע ריכטער. כ'האָב זיך באַמיט אים צו דערקלערן וואָס בעסער און מאַני** האָט מיר געהאָלפן און אים געזאָגט, אז אין דער היים וועט ער אים געבן נאָך אויספירלעכערע דערקלערונגען.

האָס יינגל האָט געזאָגט: „טאַטע, אפשר וועל איך אַרבעטן, כדי צו ווערן אן אדוואָקאַט און דיר העלפן אין דיין פּראָצעס“. כ'האָב געענטפערט: „מיר ווילן נישט וואַרטן אזוי לאַנג, ווייל מיר ווילן זיין מיט דיר און זען, ווי דו וואַקסט“. ער וויל אזוי שטאַרק אונדז העלפן, עפּעס טאָן און זיין זיכער, אז אַלץ וועט זיך גוט ענדיקן.

אָ, ליבסטע מיינע, ער ליידט אַזוי אונטער דער לאַסט פון אָט די אַלע פּראָבלעמען פאַר דערוואַקסענע, ער איז אזוי עמפּינדלעך. כ'האָב אים געפרעגט, וואָס מאַכט זיין באַבע סאָפיע, האָט ער געזאָגט: „נישט אזוי גוט“, ווייל ער פאַרשאַפט איר זאָרגן. דו פאַרשטייסט ער מאַכט א טומל, די שכנים באַקלאָגן זיך און ער פילט זיך שולדיק.

א קליינער אינצידענט האָט געגעבן א פאַרשטעלונג וועגן פּראָבלעמען ראָבי. אין זיין אַרומשפּרינגען האָט ער איבערגעדרייט א טאַץ און א גלאָז איז

---

* פעדעראַלע אויספאָרשונגס־ביוראָ — אַמעריקאַנער געהיים־פּאָליציי.
** דער פּאַרטיידיקער פון די ראָזענבערגס אַדוואָקאַט בלאָך.

אראָפּגעפאלן און האָט זיך צעבראָכן. תיכף איז ער אנטלאָפן און זיך באהאלטן הינטער מאַני. מיכאעל האָט אים געזאָגט: „זע, וואָס דו האָסט געטאָן". אָבער כ'האָב אים בארויקט.

דאָס קינד און מיכאעל זענען ביידע צעשראָקן און נאָך אומזיכער. וויבאלד איך קער צוריק פון אַרבעט, זאָגן זיי מיר אַלץ וואָס איז געשען. אַזוי ווי דו ביסט דאָ, צי קענסטו פאַר מיר מאַכן אַ ביסל אָרדענונג מיט דער מאַנסבאַרשאַפט. מיין גאַנצע ליבע פאַר דיר.

יוליוס

9־טער סעפּטעמבער 1951

מיין טייערער,

היינט נאָך מיטאָג האָב איך זיך געבראָכן אויף דער זון, מיטן געזיכט אויסגעשטרעקט צו די מילדע זונען־שטראַלן. האָבן מיין מוח און מיין קערפּער זאָרגלאָז אָפּגערוט. כ'האָב צוגעמאכט די אויגן און זיך געלאָזט שוועבן אויף די כוואַליעס פון פאַרגעסנקייט. כ'האָב פאַרצווייפלט געזוכט זיך צו פאַרגעסן, כדי צו אנטלויפן פון די פיינלעכע העריינערונגען, וואָס זענען מיר פאַרבליבן פון פרייטיקדיקן וויזיט פון די קינדער.

פון אָנהייב האָט די מינדסטע זאַך, וואָס כ'האָב זיך דערמאָנט וועגן זיי, מיך אָנגעפילט מיט פרייד. די לעצטע נאַכט אָבער האָט זיך מיר פלוצלינג דאָס שטענדיק שמייכלענדיקע און שפּילעוודיקע געזיכט פון מיכאעל באוויזן אַ פאַר־קרומטס פון ווייטיק און דאָס קליינע, זיסע פּנימל פון ראָבי האָט אויסגעזען טרויעריק און פאַרלוירן.

איך מוז דיר זאָגן, אַז מיין מוטער־הארץ ווערט סיסטעמאַטיש, אומאויפ־הערלעך צעריסן אויף שטיקער. און דעם טיפן פּיין מיינעם איז גאָר נישט מעג־לעך זיך פאַרצושטעלן.

מיין גאַנצע צערטלעכקייט.

עטל

16־טער סעפּטעמבער 1951

מיין טייערע,

כ'האָב פאַרגעסן דיר צו דערציילן אן אינצידענט, וואָס איז פאָרגעקומען ביים לעצטן באזוך פון די קינדער. בעת מיר האָבן דיסקוטירט דעם אַרטיקל פון

„גאַרדיען“, האָט מיכאָעל אונדז פלוצלינג אָנגעקוקט מיט אזא מאָרגער מינע און א זאָג געטאָן, פארטראכט און טרויעריק: „טאטע, כ׳האָב קיינמאל נישט געזען דיך און די מאמע זיך קושן“. כ׳נעם אָן אז ער האָט געזען א בילד אין א צייטונג, וואָס ווייזט אונדז, ווי מיר האָבן זיך צעקושט אין פּאָליציי־קעטשל.

אינעם אופן ווי ער האָט עס געזאָגט, אין פארבענקטן בליק פון זיינע אויגן, אין אלץ האָט מען געקאָנט שפירן דעם רוף: „כ׳דארף האָבן מיין מאמע און מיין טאטן, מען האָט מיר צוגערויבט זייער ליבע, די זיכערקייט, זייער טרייסט“.

מסתמא אָט צוליב דעם, וואָס דאָס אלץ פעלט אים איצט, באזונדערס זינט א יאָר, האָט ער פארגעסן, ווי צערטלעך מיר זענען תמיד געווען איינער מיטן צווייטן. דאָס בייז, וואָס מען האָט געטאָן אונדזערע קינדער, פייניקט מיך אמאָמייסטן.

מיט א דריי חדשים צוריק האָט אן ארעסטאנט איינגעפלאנצט א קערנדל פון א מאראנץ אין א ביסל ערד צווישן דער צעמענט־פּליטע. אזוי ווי אלץ, וואָס לעבט אינטערעסירט אונדז אין אָט דעם טרויעריקן אָרט, האָבן מיר עס באגאָסן, געפלעגט אזוי, אז עס האָט זיך פעסט פארוואָרצלט און גענומען וואקסן. איצט איז דער געוויקס א צוואנציק צענטימעטער הויך, בליט און טראָגט קליינטשינקע מאראנצן אויף די צווייגן. קאָנסטו דיר פאָרשטעלן אָט דעם קאָנטראסט? קראַטעם, בעטאָן, מויערן און א מאראנצן־בוים, וואָס וואקסט אין א שפּאלט צווישן צעמענט. פרישקייט, שיינקייט און לעבן בליען אין דאָזיקן קבר.

אויך מיר וועלן ווייטער וואקסן אין אָט דער שטיקנדיקער אטמאָספער. איך טראכט וועגן דער צייט, ווען מיר וועלן געניסן אויפסניי פון אונדזער היים און פון דער ליבלעכקייט פון אונדזערע קינדער.

כ׳שיק דיר מיין גאנץ הארץ.

יוליוס

24־טער סעפטעמבער 1951

יוליוס, מיין טייערער,

עס ליגט איצט נישט אונטער קיין שום צווייפל, אז מיר האָבן אן אדוואָקאט אויף וועלכן מען קאָן רעכענען. וויכטיק איז אויך דאָס, וואָס מיר האָבן אין אים א פריינד, צו וועלכן מען קאָן האָבן דעם גאנצן צוטרוי. נאָך מער, אומבאגרענעצט וואקסט מיין פריינדשאפט צו אים, ווען איך זע ווי אזוי ער פארנעמט זיך מיט אונדזערע קינדער.

די קינדער פארלאָזן מיך נישט טאָג און נאכט. איך טראכט וועגן די אלע, וועלכע רעקלאמירן זיך אלס „קינדער־פסיכאָלאָגן". אויפריכטיק געזאָגט, האָב איך זיי שוין גענוג. וואָס פארא קאָמעדיע!

ווען איך זע די קינדער, עפענען זיך ברייט אויף אין מיר אלע שליוזן. איך ווער אן אומענדלעכע מאסע ווייטיק. מיר דאכט זיך, אז ס'איז נישטאָ קיין איין געוועב אין מיין הארץ, וואָס זאָל נישט האָבן אויסצושטיין קיין פיין.

דיין פרוי אויף שטענדיק.

עטל

26־טער סעפטעמבער 1951

טייערע,

מיט מער ווי צען יאָר צוריק, ארום ווייגאכט 1936, האָב איך געטראָפן א יונגע פרוי, א שיינע, מילדע, באשיידענע. דאָס איז געווען די עטל, מיט וועלכער כ'האָב חתונה געהאט, און דאָס איז דאָס גרעסטע גליק, וואָס האָט מיך גע־טראָפן אין לעבן.

צוועלף וואונדערבארע יאָרן האָבן מיר פארבראכט צוזאמען. תמיד צוזאמען, טיילנדיק אלע ליידן און פריידן פון לעבן, און באטייליקנדיק זיך, ווי אלע ערנסט־לעבע בירגער, אין די פּראָגרעסיווע באמיאונגען פון דער מענטשהייט. מאן און פרוי, האָבן מיר מוטיק געקעמפט קעגן אלע שוועריקייטן פון דער עקזיסטענץ. מיר האָבן געלעבט, מיר זענען געוואקסן.

לויט מיין מיינונג איז עס כדאי פעסטצושטעלן, אז מיר האָבן יאָזוי גוט אויסגעהאלטן די פיזישע אומבאקוועמלעכקייט און דעם מאָראלישן דרוק, די גע־פילסמעסיקע שפאנונג, די פולשטענדיקע איזאָלאציע — און דאָס אלץ אין שאָ־טן פון טויט, וואָס שוועבט בסדר איבער אונדז. טראָץ טרויעריקייט און מאָמענ־טן פון יאוש, האלטן מיר דעם קאָפּ הויך און האָבן דעם פולשטענדיקן גלויבן אין אונדזער ענדגילטיקן זיג און זיין רעזולטאט — צוריקגעפינען אונדזער היים און אונדזערע קינדער. מיר זעען אלץ, וואָס קומט פאַר ארום און מיר וועלן קיינמאָל נישט בייגן די קני פאר דער האַזיקער טיראניע.

מיין ליבסטע, כ'האָב געפּרוווט דיר צו ווייזן, וואָס פאר א פוּלקייט דו האָסט געבראכט אין מיין לעבן. כ'האָף, אז צו דעם היינטיקן געבוירן־טאָג וועט דאָס, וואָס עס דיקטירט מיר מיין מוח און מיין הארץ, דיר ברענגען אַ ביסל נחמה. איך פארגעטער דיך.

יוליוס

26=טער סעפּטעמבער 1951

מײַן טײַערער, טײַערער מאַן,

צי װעסטו זײַן אַזױ ברײטהאַרציק, כּדי מיר מוחל צו זײַן, װאָס כ׳בין געװען דעם גאַנצן פֿרימאָרגן אַזױ אומגליקלעך? כ׳בעט דיך, שרײַב מיר תּיכּף, פֿאַרזיכער מיר, אַז דו װעסט מיך באַהאַנדלען מיט אַ סך סבֿלנות אין מײַן קאַמף פֿאַרן פֿאַרהאַרטעװען זיך. פֿיל אָן דײַן ברױו מיט ליבע=דערקלערונגען און קאַרג נישט קײן אױסטערלישע אױסדרוקן. איך ליב דיך אַזױ טיף, אַז מיר פֿעלן אױס װערטער. כ׳קאָן בלױז בלײַבן אָט אַזױ זיצן און ביטער װײנען איבער דיר, איבער די קינדער, איבער אונדזער פֿאַרװיסטן לעבן.

מײַן טײַערער, גלײב אין מיר. נאָר דײַן גלױבן רופֿט אַרױס מײַן צוטרױ, גיט מיר צוריק דעם ריכטיקן פּלאַץ, װאָס געהערט מיר און באַשיצט מיך קעגן דער פּוסטקײט און קאַלטקײט פֿון דער דאָזיקער עקזיסטענץ.

כ׳װעל זײַן גליקלעך, אױב דו װעסט ביז צו אונדזער קומענדיקער זװגגערנסט שטודירן די פֿראַגע װעגן די ייִדישע יום=טובֿים און זײער באַזונדער באַדײַטונג פֿאַר אונדז אַלס אַרעסטירטע.

און איצט, מײַן געליבטער, אַ גוטע נאַכט. װאָס דער מאָרגן זאָל אונדז נישט ברענגען, לײג איך איצט אָפּ די לאַסטן פֿון טאָג מיט אַ קלאָרן געװיסן, װעלכן ס׳האָבן נאָר מענטשן מיט רײנע הערצער. כ׳האַלט דײַן ליב פּנים אין מײַנע הענט, אַזױ װי כ׳פֿלעג עס טאָן אַמאָל, מיט אַזױ פֿיל, אַזױ פֿיל צײַט צוריק און איך קוש דיך פֿון מײַן גאַנצן האַרצן.

מײַן גאַנצע צערטלעכקײט פֿאַר דיר.

עטל

30=טער סעפּטעמבער 1951

געליבטער מײַנער,

כ׳בין, הײסט עס, איצט 36 יאָר אַלט. מײַן צװײטער געבױרן=טאָג הינטער די קראַטעס איז אױסגעצײכנט געװאָרן דורך אַ מאַסע פּרעכטיקע קאַרטלעך, געשיקט פֿון דער פֿאַמיליע פֿון מײַן טײַערן מאַן, פֿון זײַנע זין און פֿון אים, אָט דעם הערלעכן מענטש גופֿא.

איך טראַכט איצט װעגן די גרױע גאַסן פֿון איסט=סאַיד. אַ מאַסע מענטשן װעלן זיך אײַלן אין די פֿרימאָרגן=שעהן אין די סינאַגאָגעס, כּדי מתפּלל צו זײַן. כ׳האָף פֿון גאַנצן האַרצן, אַז זײערע תּפֿילות װעלן דערהערט װערן, אָבער דאָס לעבן האָט מיך געלערנט, אַז טעאָריע אָן פּראַקטיק קאָן זײַן אַ פּוסטער זשעסט, אָן שום זין. נאָר װערטער אַלײן ברענגען נישט קײן שלום, קײן גוטן װילן, קײן ייִבערקײט, נאָר װעלכע עס לעבעט די גאַנצע מענטשהײט. מיר דאַרפֿן נישט באַ=

נוצן די תּפילה צום אלמעכטיקן ווי א תירוץ, כּדי זיך ארויסצודרייען פון אונ־דזער פאראנטוואָרטלעכקייט לגבי אונדזערע מיטמענטשן אין לויף פון טאָג־טעג־לעכן קאמף פאר איינשטעלן סאָציאלע גערעכטיקייט. יידן און נישט־יידן, שוואר־צע און ווייסע, אלע דארפן זיין פעסט, סאָלידאריש און פאראייניקט.

דער ווינטער האָט זיך ארויפגעוואָרפן אויף אונדז, קאָן מען זאָגן, אָן שום וואָרענונג. דער נידעריקער הימל איז היינט געווען אן אמתער יאנואר־הימל. דאָס איז נישט גוט. מיט א פארכמורעטן שטערן האָב איך ארומגעשפּרייזט איבער צע־מענט, פארטיפט אין מיינע מחשבות און מיט פאראכטונג פאר די שארפע שמיץ פון ווינט. דער זיג פון די „ראדזשעס“ איבער די „פיליפּס“* האָט מיך אָבער באַלד צוריקגעבראַכט צו מיינע געוויינלעכע באַשעפטיקונגען. אַ טאָג, וואָס האָט זיך מיר אויסגעוויזן לענגער ווי אלע אנדערע, גייט אזוי ארום צו ענדע. איך באגריס דעם קאיאָר פון מאָנטיק מיט פיל כּוח און געשטארקטער אנטשלאָסנ־קייט. סוף כּל סוף, אויב ס׳קומט דער מאָנטיק, וועט מען אויפן מיטוואָך נישט מער לאנג ווארטן. ווי שיין וואָלט געווען צו האָבן א וואָך נאָר פון מיטוואָכן!

ווי קלוג האָסטו מיר געראטן די פארגאנגענע וואָך! דיין רעוואָלטירטע פרוי האָט זיך שוין באדייטנדיק בארויקט. זי האָט דעם כּבוד דיר מיטצוטיילן, אז דיין לעקציע האָט געהאט א גרויסע ווירקונג. כ׳האָב דיך ליב, מיין טייערער.

דיין אלטע פרוי.

עטל

1־טער אָקטאָבער 1951

מיין טייערער,

דער וויק־ענד איז געקומען און איז אוועק אָן א וואָרט פון דיר. כ׳האָב זיך, פארשטייט זיך, געטרייסט מיט דיין שיינער קארטע. און אָט האָט נאָכמיטאָג זיך דעראָפּגעלאָזן א פארפלייצונג מיט גראטולאציעס.

יעדן פרימאָרגן שטיי איך אויף מיטן געדאנק, אז דו ביסט לעבן מיר, אין מיר, א צערטלעכער און אומבאגרענעצט פארגעטערטער. יעדע נאכט טרוי איך מיך אָן דער באהעלטעניש פון דיינע אָרעמס! א גאנצן טאָג זינגט מיין הארץ: ער האָט מיך ליב! ער האָט מיך ליב!

עטל

---

* ספּאָרט־עקיפּן.

2־טער אָקטאָבער 1951

טייערע,

אוצר מיינער, די ארטיקלען אין „געשאָנעל גארדיען" זענען אויסגעצייכנט. כ'בין איצט מער ווי ווען נישט איז זיכער אין אונדזער עווענטועלער באפרייונג.

וואָס שייך די „ראזשערס" האָבן זיי ארויסגערופן ביי מיר באמת א באוואונ־דערונג: 0—10. אָט דאָס הייסט געגעבן! אָט פאר דעם אומבאאוווינגלעכן מוט האָבן א סך מענטשן זיי ליב. אָבער קודם־כל האָבן זיי זיך בארימט געמאכט מיט דעם, וואָס זיי האָבן אויף א מערקווירדיקן אופן בייגעטראָגן צום קאמף קעגן די ראסן־פאָראורטיילן.

און איצט, ביים סוף פון ראש־השנה וויל איך ווינטשן אונדז און אונדזערע קינדער א סוף צו די גרוילן און פייניקונגען.

כ'קאָן דיר גארנישט זאָגן, ווי אויסערגעווייינלעך גערירט כ'בין געווען, ווען כ'האָב געהערט שופר־בלאָזן דורך די ראַזיקע פינצטערע געביידעם בעתן הייגטיקן דאווגען. כ'בין באמת שטאָלץ צו זיין א יורש פון אָט דעם אלטן פאָלק, וואָס האָט זינט טויזנטער יאָרן אזוי פיל בייגעטראָגן צו דער מענטשלעכער צי־ווילזאציע און וואָס כ'וועל האָבן דעם זכות תמיד מיט אים אידענטיפיצירט צו ווערן!

א גוטע נאכט, מיין טייערער, אין דיינע אָרעמס וועלן אלע מיינע חלומות באלד ווערן ווירקלעכקייט. צערטלעכקייט פאר דיר.

עטל

4־טער אָקטאָבער 1951

יוליוס טייערער,

כ'האָב זיך קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט, אז איך זאָל אמאָל קאָנען פילן אזא געוואלטיקן דורשט און אזא ברענענדיקן פארלאנג: דאָס לעבן קלאמערט זיך אזוי שטארק אין מיר פונקט ווי דורכדעם וואָלט מען מיר געוואָלט געבן צו פארזוכן דעם אשיקן טעם פון טויט. אָ ניין, דער אמת איז, אז די געפאר פון טויט צינדט אומברחמנותדיק אָן אין מיר א פלאם, וואָס שלינגט מיך איין און פארשטארקט מיין ברענענדיקן פארלאנג צו טריומפירן, צו לעבן.

אָ, טייערער, וואָס פארא ברויזנדיקער ים פון פיין און ליידן עס פארפלייצט מיך, ווען איך טראכט וועגן דיר און די קינדער! עס ווערט וואָס אמאָל שווערער צו שטילן די דורשטיקע פארלאנגען פון א מוטער, די מענטשלעכסטע פארלאנגען.

עס ווערט אַלע מאָל שווערער זיך צו באַוואָפענען קעגן דער טאָטאַלער פאַרניכ-טונג פון אונדזערע האָפענונגען, וואָס קאָן אַ געוויסן טאָג געשען.

העלף מיר אויסהאַלטן, מאַן מייַנער, טייערער. איך בין דיין ליבנדיקע פרוי,

עטל.

7-טער אָקטאָבער 1951

מיין טייערע.

די צייט שלעפּט זיך מיט דער מאָנאָטאָנקייט פון אַ ראָד, וואָס מען דרייט מיט דער האַנט. ס'ווערט מיר אַלע מאָל שווערער זיך צו פאַרנעמען מיט עפּעס, צו לייענען אָדער שפּילן אין קאָרטן. פאַראַן נאָר איין פאַרלייכטערונג: ווען איך שרייב צו דיר, ווען איך קוק אויף דיין זיסן פּנים אויפן וואַנט און איך זאָג צו דיר „האַלאָ מיין שיינקייט“, שיקנדיק דיר מיינע קושן — נאָר דעמאָלט ווערט מיר גרינגער אויפן האַרץ. איך פאַרמאַך די אויגן און זע דיין שמייכלענדיק געזיכט; איך זע עס אַזוי ווי עס איז געווען, ווען עס האָט געקוקט אויף מיר דורך די קראַטעס פון דיין קאַמער. עס דערנענטערט זיך דאָך אונדזער שעה, דער מיט-וואָך, ענדלעך וועלן מיר זיך אין אַ פּאָר טעג אַרום זען.

ב'בין געווען אַנטוישט, וואָס כ'האָב נישט געהאַט קיין וויזיט נישט פון מיין משפּחה און נישט פון מאַני. אַ צווייטע סיבה פון מיין שטימונג איז דאָס, וואָס כ'האָב נישט געשריבן צו אונדזערע יינגלעך. איך ווייס באמת נישט, וואָס זיי צו שרייבן. איין גאָט ווייסט ווי שטאַרק איך האָב זיי ליב און איך וואָלט געוואָלט וויסן ווי עס גייט מאַיקען אין שול, ווי עס גייט אין שטוב און בכלל, וואָס עס הערט זיך דאָרט.

כ'האָב געלייענט, אַז דער אַדוואָקאַטן-פאַרבאַנד פון ניו-יאָרק קלייבט זיך איינגיכן צו בלאַמירן אַ געוויסן קאַנדידאַט אויף ריכטער פון ניו-יאָרק פאַר זיין האַלטונג אין אַ געוויסן פּראָצעס. עס האַנדלט זיך, נאַטירלעך, וועגן סעיפּל און איך גלייב, אַז עס גייט דאָ אין זיין האַנדלונג אויף אונדזער פּראָצעס.

פון דעם וועט גאָרנישט אַרויסקומען. עטל, איך הער נישט אויף צו טראַכטן וועגן אונדזער פריערדיקן געמיינזאַמען לעבן, אָבער מיינע געדאַנקען זענען גע-ריכטעט קודם צו דער צוקונפט, אין וועלכער ס'איז פאַראַן אונדזער רעטונג.

כ'האָב דיך ליב.

יוליוס

7=טער אָקטאָבער 1951

טייערער,

כ׳האָב געלאָזט א צעטעלע, אז מען זאָל מיך אויפוועקן 6 אזייגער; מ׳האָט דאָס געטאָן, אָבער איך האָב זיך נישט גערירט פון אָרט ביז 7 אזייגער. דאכט מיר, אז כ׳האָב פשוט נישט געוואָלט זיך צוזאמענטרעפן דאָ מיט נאָך א טאָג. אָבער איצט שמועס איך מיט דיר. אין דרויסן איז שוין ליכטיק; די פייגעלעך פאָרן זיך איצט ארום די קרישקעס, וואָס כ׳האָב נעכטן פאר זיי צוגעגרייט, איידער כ׳בין צוריקגעגאנגען אין מיין קאמער. זייער פריידיקע טשוויטשעריי גיט מיר חשק זיי צו ענטפערן מיט א ליד.

כ׳האָב דאָך באוויזן אָנצוהייבן א בריוו צו די קינדער, וואָס וועט מאָרגן זיבער אויפגעלייגט ווערן אויף פּאָסט. דער רעגן האָט מיך אָנגערעגט צו ציטירן א פּאָר פערזן וועגן רעגן פון ראָבערט לואיס סטעווענסאָן און כ׳האָב געראָטן מיבאָלן זיך צו באזאָרגן אין ביבליאָטעק מיט סטעווענסאָנס פּאָעמעס. איך וואַרט מיט אומגעדולד אויף דער מינוט דיך צו זעען. כ׳האָב דיך ליב, טייערער.

עטל

11=טער אָקטאָבער 1951

מיין וווּנדערבארע עטל,

נעכטן, טייערע, איז געווען פאַר מיר אַ שווערער טאָג. ווען איך זע דיך אָבער, פיל איך מיך, נאטירלעך, גלייך דערמוטיקט. איך בין אויך געווען גערירט פון פרעכטיקן באריכט, וואָס עס האָט אונדז געלייענט אונדזער פּארטיידיקער.

ס׳איז וווּנדערבאר, וואָס אזויפיל ערלעכע מענטשן קומען אונדז צו הילף און וואָס עס שאפט זיך שוין א קאָמיטעט לטובת אונדז. איך קאָן מיך שוין נישט איינהאלטן דיך צו זען און צוזאמען צו באטראכטן גרינטלעך די אלע נייע פאקטן. מוט! איצט, ווען עס ווערן אָנגענומען ממשותדיקע מיטלען פאר אונדזער באפרייונג וועט די צייט לויפן שנעל.

דיין שטענדיק=ליבנדיקער מאַן,

יוליוס

11=טער אָקטאָבער 1951

טייערסטער יוליוס,

זייט דער נעכטיקער אויסנאמווייזער איינגעגעבענער פארזאמלונג מיט דיר און מאני קאָן איך פשוט מיך נישט באַרואיקן. די אנטוישונג, דערווייסנדיק זיך,

אז מיר קאָנען נאָר באפרייט ווערן אויפן סמך פון א געריכטס=אורטייל, האָט מיך גישט אָפּהענגיק געמאכט. כ׳האָב שוין צוגעטראכט א נייע אָריענטאציע, וואָס וועט זיין געריכטעט אויף א מער רעאַליסטישן וועג. דאָס הארץ זאָגט זיך אָבער פשוט אָפּ מסכים צו זיין מיט אזא געשאפענער סיטואציע און כאָטש ס׳איז שוין א געשעענער פאקט „ווארף" איך זיך נישט אונטער, ווי מען זאָגט אין תפיסה, און קלאמער זיך ווייטער נאיוו אין מיינע חלומות.

מיין הארץ ווערט בוכשטעבלעך צעזעצט פון פארלאנג, וואָס שנעלער אריבערצושפרייזן ביי דיין זייט די שוועל פון „טויטן=הויז" און צו דערהערן ווי די קינדער שרייען פון פרייד, דערזעענדיק אונדז. איך מוז אָנשטרענגען מיין גאנצן ווילן זיך ארויסצורייסן פון אזא שטראַלנדיקער וויזיע און צונויפנעמען אלע כוחות, צו קאָנען נאָך אויסהאלטן אין דעם גיהנום גאָט ווייסט וויפל חדשים ביז די פּאָליטישע מאכינאציע קעגן אונדז וועט פאנאנדערפאלן, ביז איצט איז נאָך „דער גייסט שטארק אָבער דער קערפער איז שוואך".

„געדולד און גייסטיקן כוח", ווי ס׳האָט געזאָגט דער גוטער לא גווארדיא.*
אָבער ווי גרויס עס זענען אונדזערע ליידן!

מיין גאנצע צערטלעכקייט. דיין פרוי,
עטל

* געוועזענער פּראָגרעסיווער מעער פון ניו=יאָרק.



965—7

קאַפּיטל VI

# „דאָס אַמעריקאַנער פאָלק איז דער היטער פון אונדזערע לעבנס...“

[דער אַמעריקאַנער פּאַרטיידיקונגס=קאָמיטעט איז אַנטשטאַנען ערשט נאָכדעם, ווי די ראָזענבערגס זענען שוין געהאַט אָפּגעזעסן כמעט אַנדערהאַלבן יאָר. ער האָט זיך געגרינדעט אין קוואַרטאַל קניקערבאָקער אין איסט=סאיד, דאָס הייסט אין דעם אייגענעם קוואַרטאַל, ווו די ראָזענבערגס האָבן געהאַט רואיק געלעבט די לעצטע 10 יאָר. ביים אַנטשטיין פון קאָמיטעט זענען געווען זייערע אמעריקאנער שכנים, וועלכע האָבן אייגנטליך נישט געוווּסט, וואָס זיי קאָנען אויפטאָן, אָבער וועלכע זענען געווען גרייט „עפּעס צו טאָן פאַר די ראָזענבערגס“.

ס'איז נישט געווען קיין לייכטע אונטערנעמונג אין דער אַטמאָספער, וואָס ס'האָט דעמלט געהערשט. מ'האָט געדאַרפט בייקומען די שוועריקייטן מיט אַן אומדערשעפּלעכן גלויבן אין דער זאַך. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום נאָך זיין גרינדונג האָט דער קאָמיטעט זיך איינגעאָרדנט אין אַ ביוראָ, וואָס איז זיכער נישט געווען גרעסער ווי אַ טויטן=קאַמער אין סינג=סינג.

די ערשטע אַרבעט פון קאָמיטעט איז געווען צו פאַרשפּרייטן די אַרטיקלען פון „נעשאָנעל גאַרדיען“. די קאָמיטעטן, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן דורך די לייענער פון דער צייטונג אין די פאָרשטעט פון ניו=יאָרק, האָבן זיך איינגיכן אָנגעשלאָסן אין לאַנדעס=קאָמיטעט.

פון אָנהייב פלעגן די זיצונגען פאָרקומען אין פּריוואַטע וווינונגען און מענטשן פלעגן מיט שטוינונג הערן די געשיכטע פון די ראָזענבערגס; אייניקע פלעגן בלויז צווייפלען אין זייער שולד, אַנדערע זענען געווען זיכער אין זייער אומשולד. מיט דער צייט איז זייער צאָל געוואַקסן און די לאָזונג פון אַ רעוויזיע פון פּראָצעס האָט באַקומען אַלע מאָל מער אָנהענגער.]

14־טער אָקטאָבער 1951

מיין טייערע,

כ׳האָב געהאַט אַ לאַנגן, אָנגענעמען וויזיט פון מיין שוועסטער עטל. דאָס דערפרייענדיקע איז, וואָס אין שטוב האָט מען אַלץ געבראַכט אין אָרדענונג און עס הערשט איצט אַ סך מער האַרמאָניע. מיין מוטער פילט זיך בעסער און זי איז רעלאַטיוו רויק. מיט אַ סך מענטשן באַזוכן זי און דריקן איר אויס זייער סימפּאַטיע. איך ווייס ניט, צי עטל האָט דיר דערציילט וועגן דעם פּיינלעכן פּאַרפאַל, וואָס איז געשען מיט מיכאַעלן. ער איז געגאַנגען אַפּשטאַטן אַ וויזיט איינעם פון זיינע חברים. ווען ער האָט דערציילט דעם יינגלס מוטער אונדזער געשיכטע, האָט זי אים גלייך אַרויסגעטריבן פון שטוב. דאָס האָט אים שרעקלעך דערשיטערט. צוריקקומענדיק אַהיים האָט ער געוויינט. מ׳האָט אים איינגעקלערט, אַז דאָס זענען אומווערדיקע מענטשן פול מיט פאָראורטיילן און דאָס האָט אים אַביסל באַרויקט. ביסלעכווייז איז ער געקומען צו זיך.

לויט אַלע אויסקונפטן האָט ער ליב זיין לערער און זיינע שול־באַשעפטיקונגען. איצט, ווען ס׳הייבט זיך אָן צו פאָרמירן אַ קאָמיטעט, בין איך זיכער, אַז מיר וועלן קענען דערגרייכן, ער זאָל זיך פאַרנעמען מיט אונדזערע קינדע־.
און, ווען ס׳וועט זיין אַ גענוגנדיקע צאָל פריינד, וועלכע וועלן אונדז אויסדריקן זייער סימפּאַטיע, וועט עס קעגנווירקן דער שלעכטער ווירקונג, וואָס די געשעענישן האָבן געהאַט אויף זיי.

כ׳וואַרט מיט אומגעדולד אויפן „גאַרדיען" פון היינטיקער וואָך, כ׳וואָלט שוין געוואָלט וויסן, וואָס מען זאָגט וועגן דער גרינדונג פון קאָמיטעט.

ס׳איז שוין כמעט אַ גאַנצער האַלבן יאָר, ווי דו ביסט פאַרשפּאַרט. די קומענדיקע 6 מאָנאַטן, זאָלן מיר האָפן, וועלן זיין פאַר אונדז בעסערע.

דיין מאַן

י ו ל י ו ס

14־טער אָקטאָבער 1951

מיין טייערער,

דיין שוועסטערס וויזיט האָט מיר פאַרשאַפן אַן אומגעהייערן פאַרגעניגן, אָבער דער תוך פון היינטיקן טאָג איז געווען פאַר מיר דיין בריוו. פאַר אַן אַלטן פּאַרפאָלק ווי מיר, וואָלט עס שוין גע־אַרפט זיין אַן אַלטע געשיכטע, פונדעסטוועגן גייט מיר דורך אַ ציטער פון נערוועזקייט און פון שטאָלץ פאַר יעדעס מאָל, ווען דו דריקסט מיר אויס דיין ליבע. איך לעב העמלט איבער אַן אמתע און אויפריכטיקע פרייד.

ע ט ל

15־טער אָקטאָבער 1951

כ׳בין קראַנק פֿון דער געשיכטע מיט מיכאַעל. ער איז אַזוי יונג, צו יונג, כּדי צו קאָנען אויסשטיין אַזאַ ווילדע אכזריות. ווי שרעקלעך איז אָט די אוממענטשלעכקייט, וועלכע באַשטראָפֿט אַן אומבאַשיצט קינד, וואָס האָט קיינמאָל קיינעם קיין שלעכטס נישט געטאָן. מען דאַרף זיך סוף כּל סוף איבער דעם נישט וווּנדערן, ווען מען זעט די בּסדר וואַקסנדיקע כוואַליע פֿון פֿאַראַכטונג פֿאַר די עלעמענטאַרסטע מענטשלעכע רעכט, וועלכע פֿאַרפּלייצט איצט דאָס לאַנד.

צערטלעכקייטן פֿאַר דיר.

ע ט ל

18־טער אָקטאָבער 1951

מײַנע עטל,

כ׳בין אומגעדולדיק צו וויסן, וואָס מיכאַעל וועט ביי דער נאָענטסטער זעונג אונדז דערציילן וועגן זיינע נייע פֿריינד. דאָס מאָל, הגם איך גיי צו דער זעונג מיט ליידיקע הענט, וועל איך אָבער האָבן א מאַסע טעמעס אויף וועלכע איך וועל קענען רעדן מיט אים. אונדזער אַדוואָקאַט וועט אויך זיין. אין דער רגע קומט מיר אויף דער געדאַנק, אַז מיר וואָלטן געקאָנט בעטן ביים תּפֿיסה־דירעקטאָר די דערלויבעניש צו זען די קינדער צוזאַמען, דו און איך.

נאָכן באַזוך וועלן מיר קאָנען מיט פֿאַרגעניגן וואַרטן אויפֿן קומענדיקן נומער פֿון „גאַרדיען“, און כ׳האָף אויף ווייטערדיקע בריוו פֿון לייענער.

דאָס, וואָס מיר ביידע האָבן פֿאָרויסגעזען בעת און נאָך אונדזער פּראָצעס, הייבט אָן איצט מקוים צו ווערן. ס׳קאָן גאָר אַנדערש נישט זיין. סוף כּל סוף דער אמתער טריבונאַל, דער ענדגילטיקער, דער העכסטער שופֿט איז דאָס אַמעריקאַנער פֿאָלק. ער איז עס דער היטער פֿון אונדזערע רעכט, פֿון אונדזער פֿרייהייט און אויך — יאָ, אויך פֿון אונדזערע לעבנס.

אויב מען קאָן אין אַזעלכע באַדינגונגען, אין וועלכע מיר זענען, גליקלעך זיין, בין איך אין איצטיקן מאָמענט גליקלעך. מיר האָבן זיך נישט געוואַקלט, מיר זענען געווען אויף דער הייך פֿון דער אויפֿגאַבע, וועלכע מיר האָבן זיך געשטעלט. טײַערע מײַנע, מיר זענען געמאַכט פֿון אַ פֿעסטן שטאָף.

דײַן מאַן,

י ו ל י ו ס

18־טער אָקטאָבער 1951

האלאָ, טייערער,

מיט צוויי טעג צוריק האָב איך געקוקט דורך די קראטן און מיט מיינע אויגן האָב איך זיך געזעגנט מיט דיר, אַ כוואַליע פון צערטלעכקייטן האָט פארפלייצט מיין הארץ. כ'האָב זיך דערמאָנט יענעם אָוונט, ווען דאָס געריכט איז אַוועק אויף דער באַראַטונג צו אַנטשיידן אונדזער גורל, און מיר האָבן זיך נאָך געקלאַמערט אין דער מינדסטער האָפענונג. און דאָך וועלן קיין שום אומגליקן און קיין שום ליידן נישט אַרויסרייסן פון מיר די איבערצייגונג, אַז נאָר ריינע און ווירדיקע מענטשן איז באַשערט צו גיין אויף אזא שווערן, שטעכיקן וועג.

19־טער אָקטאָבער 1951

כ'האָב נישט באַקומען קיין שום ידיעה און איך ווייס נישט צי די קינדער וועלן מאָנטיק קומען. די פרייד, וואָס עס רופן ביי מיר ארויס די וויזיטן פון די קינדער ווירקט שוין נישט אויף מיינע נערוון אַזוי שטאַרק שפּאַנענד ווי פריער. פאַראַן צייטן, ווען איך געפין מיך אין אַ מאָדנער אומבאַשטימטער שטימונג, ווי איך וואָלט זיך געוואקלט צווישן היימעדיקייט און דערדריקטקייט. איצט האָט מיך ארומגעכאַפּט אַ מין מידע, רעזיגנירטע פארצווייפלונג. מאָמענטנווייז נעמט אָן מיין פארצווייפלונג אזא שארפע, אגרעסיווע פאָרם, אַז איך קאָן קוים דעם אָטעם אָפּכאַפּן און איך מוז דעמלט קעמפן מיט אַלע כוחות נישט צו פארלירן די גלייכגעוויכט. לסוף געלינגט מיר זיך צו באַהערשן און איך הייב אויפסניי זיך אָן צו גרייטן צו דער שלאַכט!

טייערער, כ'האָב געלייענט אין ווידער־אמאָל געלייענט די ארטיקלען פון „גארדיען". עס גייט אויף אין מיר אַ האָפענונג. הגם די שרעק פארלאָזט מיך נישט, פונדעסטוועגן קאָן איך נישט פאָרויסזען קיין אנדערן אויסוועג ווי נאָר אַ נצחון און אַן עווענטועלע באַפרייונג. כ'האָב דיך ליב.

עטל

21־טער אָקטאָבער 1951

מיין וווּנדערבארע פרוי,

גאָט צו דאנקען, מיר וועלן מאָרגן זען די קינדער. איך רעכן, אַז לענגא האָט דיך שוין מכבד געווען מיט אַלע שמוציקע איינצלהייטן וועגן דעם פאָרפאַל,

וואָס איז געשען מאַיקען און וואָס איז געווען אַ סך ערגער ווי איך האָב זיך דאָס פאָרגעשטעלט. כ'האָף, אַז איך וועל קאָנען רעדן מיט מאַני וועגן מאַיקען און וועגן דער פרוי פון דער הילפס-געזעלשאַפט.

צי מיין שוועסטער האָט דיר דערציילט, אַז אַ געוויסן טאָג האָט ראָבי אויסגערעכנט אַלע פּערזאָנען, וועלכע ער האָט ליב און אונדז האָט ער דערביי נישט דערמאָנט? ווען מען האָט אים געפרעגט: און די מאַמע, דער טאַטע? האָט ער געענטפערט: טאָ פאַרוואָס קומען זיי נישט אַהיים? ער האָט געבעטן לענאַ זי זאָל אונדז אַהיימברענגען. מיין שוועסטער דערציילט, אַז ער איז געווען זייער צופרידן, ווען מען האָט אים געזאָגט, אַז ער וועט גיין אונדז זען. דאָס האַרץ באַרוקעט זיך מיר פון פיין, ווען איך טראַכט וועגן די ליידן פון אונדזערע יינגלעך. עס איז אָבער פאַר מיר אַ גיהנום ווען איך טראַכט, וואָס זי שטייט אויס צוליב זיי.

אָ, איך בעט אייך, גוטע מענטשן, טוט וואָס נייטיק פאַר אונדז און פאַר אייך גופא, אַז עס זאָל אַ סוף נעמען צו דער דאָזיקער אכזריותדיקער מאַכינאַציע. כ'האָב צוטרוי און איך ווייס, אַז מיר וועלן באַפרייט ווערן, אָבער פאַרן גוטס פון אונדזערע קליינע קינדער דאַרף דאָס געשען וואָס גיכער.

דיין מאַן, וועלכער ליבט דיך.

י ו ל י ו ס

22-טער אָקטאָבער 1951

מיין טייערער,

מיר דאַכט זיך, אַז היינטיקע נאַכט האָב איך אויסגעוויינט אַלע מיינע טרערן. דער וויזיט פון די קינדער האָט זיך אייגעלאָזט מיט אַ פולשטענדיקן דורכפאַל. איך פיל מיך היינט מער ווי אַלעמאָל דערשלאָגן און אומגליקלעך. כ'האָב געוואַרט אויפן קומען פון די קינדער מיט אַ דערשטויגענדיקער רעזיגנאַציע. אומזיסט אָבער וויל איך מיך איצט טרייסטן דערמיט, וואָס די ווילדקייט פון ראָבי און די אנגסטיקע שטימונג פון מיכאָעלן זענען פאַטאַלע און לאָגישע רעזולטאַטן פון אַ גאַנצן קאָמפּלעקס באַדינגונגען פון מיר נישט אָפּהענגיקע. איך קאָן נישט בייקומען דאָס געפיל, אַז דאָס איז מיינער אַ פערזענלעכער דורכפאַל.

טייערער, איך וויל נישט האָבן קיין מנוחה ביז איך וועל דיך נישט זען מיטוואָך און זיך אראָפּרעדן פאַר דיר פון האַרץ. כ'האָב דיך ליב, טייערער!

דיין פרוי, וואָס איז זייער אומגליקלעך,

ע ט ל

22-טער אָקטאָבער 1951

טייערסטער יוליוס,

וואָס מער איך טראַכט, אַלץ מער בין איך אויפגעבראַכט צוליב דער אומגליקלעכער טפשות מיט וועלכער מען באַגייט זיך מיט די קינדער. טייערער, ס'איז די העכסטע צייט מיר זאָלן געבן צו פאַרשטיין וואָס מיר טראַכטן וועגן דעם, הגם ס'וועט קיין נוצן נישט ברענגען. איך שטיק מיך מיט דעם אַלעמען, וואָס איך ווייס און מיט וועלכן איך קאָן מיך נישט טיילן און וואָס מען וועט דאָך דאַרפן זיי איבערגעבן אויב מיר ווילן, אַז אונדזערע ייִנגלעך זאָלן וואַקסן געזונטע און שטאַרקע פיזיש און גייסטיק. נעם מיר דאָס נישט פאַר אומגוט, טייערער, פעלסט מיר שטאַרק, מיין בענקשאַפט נאָך דיר האָט קיין סוף נישט. אַ, מיין גאָט, ווי אומגליקלעך איך בין. צערטלעכקייטן.

ע ט ל

25-טער אָקטאָבער 1951

פרוי מיינע, טייערע,

כ'בין, ווי אויף הייסע קוילן, וואַרטנדיק אויף דיין באַזוך. כ'ווייס, אַז די טראַכטסט נאָר וועגן איין זאַך: וועגן גרויליקן נסיון און וועגן דער עמאָציאָנעלער צערודערונג פון די קינדער. מיר דאַרפן זיך באַמיען, אַז די פּלענער, וואָס מיר האָבן צוזאַמען אויסגעאַרבעט, זאָלן גלייך פאַרווירקלעכט ווערן. די הילף פון אַ דערציִערין איז אומבאַדינגט נייטיק פאַר די קינדער.

ווען דו וועסט באַקומען דעם דאָזיקן בריוו, וועלן מיר אפשר שוין האָבן די אַקטן פון אַפּעלאַציע-טריבונאַל. איך שלאָג פאָר, אַז דו זאָלסט זיי לייענען און צוגרייטן באַמערקונגען. מיר וועלן קענען מאַכן פאָרשלאָגן, וועלכע וועלן קאָנען אויסגענוצט ווערן צו אונדזער פאַרטיידיקונג פאַרן טריבונאַל און אין דער ווענדונג צום געריכט.

נאַטירלעך איז עס נישט לייכט פאַר אומשולדיקע מענטשן צו זען כסדר דעם שאָטן פון טויט, וואָס שוועבט איבער זייערע קעפּ, און נישט צו פאַרלירן דערביי די זעלבסט-באַהערשונג. אָבער, מיין ליבסטע, אויב מיר זענען דאָ, איז עס נאָר דערפאַר, וואָס מיר האָבן נישט געוואָלט זיך אונטערוואַרפן. מיר וועלן אויך ווייטער צוזאַמען מיט אַלע פּראָגרעסיווע מענטשן, בלייבן פעסט פאַר דער ערלעכקייט, פרייהייט, דעם שלום און דער אמתער גערעכטיקייט.

דערמאָן זיך אונדזער דעוויז, מיין טייערע: מוט און צוטרוי צו דער צוקונפט.

דיין מאַן, וועלכער ליבט דיך,

י ו ל י ו ס

25=טער אָקטאָבער 1951

האלאָ, טייערער,

מיך פאַרדריסט זייער, האַרץ מיינס, וואָס כ'בין געווען אַזוי אומגעדולדיק בעת אונדזער לעצטער באַגעגעניש. כ'בין אָבער געווען נאָך אַ פּאָר שרעקלעכע טעג און מיין מוח איז געווען ממש ווי צעלעכערט. כ'האָב מורא, אַז דו הייבסט שוין אָן צו האָבן גענוג מיינע קלאָגערייען מיט וועלכע איך פּיל אָן, זייט אַ געווי=סער צייט, מיין קאָרעספּאָנדענץ.

טייערער, איך בעט דיך, זיי געדולדיק. כ'בין האַלב משוגע פונעם אַנגסטיקן אומרו, וואָס מאַטערט מיך און כ'בין דעצידירט אַרויסצורייסן פון טריבונאַל אַ טאָג פאַר די קינדער (ווייסט זען, איך וועל נאָך ווערן אַן אַדוואָקאַט, כ'קען שוין אַלע פּראָצעדורן!). מיין גאַנצע צערטלעכקייט.

עטל

1=טער נאָוועמבער 1951

האַלאָ, יוליוס טייערער,

ווייט מיטוואָך, נאָכדעם, ווי ס'האָט זיך פאַרענדיקט אונדזער אָנגענעמע, זיסע אונטערהאַלטונג, בין איך אויסער זיך פון פרייד. זיי זיכער, מיין טייערער, דיין ליבע איז פאַר מיר אַן אייביקער קוואַל פון כח.

כ'האָף, אַז כ'וועל אויף דיעם וויק=ענד באַווייזן צונויפצוזאַמלען מיינע כוחות און אָנשרייבן אַ פּאָר שורות צו מיכאָעלן און ראָבי. וואָס שייך די פּילצאָליקע אָנבאָטן צו העלפן די קינדער, וואָס דער „גאַרדיען" האָט באַקומען פון זיינע לייענער, האָבן זיי אין מיר אַרויסגערופן אַ געפיל פון ענגער פאַרבינדונג מיט אָט די פרעמדע מענטשן. איך געפין נישט קיין ווערטער ווי געהעריק אויסצודריקן מיין באַוווּנדערונג פאַר מיינע נייע ברידער און שוועסטער! כ'האָב דיך ליב.

עטל

1=טער נאָוועמבער 1951

מיין טייערע,

ווי גליקלעך בין איך געווען דיך צו זען אין אַזאַ גוטער שטימונג, ווען איך זע דיך דערפיל איך מיך שטאַרק און פעיק איבערצוטראָגן נאָך אַ וואָך ביז צו אונדזער קומענדיקער זעונג.

די צייט גייט און ס'איז ווי אַן אייביקייט. מיר האַלט זיך, אַז מיר געפינען

זיך אין אַן אָפּגרונט אָן א סוף, אָן א פֿאַרבינדונג מיט דער רעאַלער וועלט. בלויז דער קאָנטאַקט מיט דיר, מיט מאַני, מיט די קינדער פֿאַרבינדט מיך מיטן לעבן.

אויב די פּאָרשלאַגן צו העלפֿן די קינדער וועלן געבן קאָנקרעטע רעזולטאַטן, וועט מײַן פֿרייד נישט האָבן קיין גרענעצן. און אויב מיר וועלן נאָך באַקומען גוטע ידיעות פֿון קאָמיטעט, וועט אונדזער פֿאַרלייכטערונג זײַן אַן אומגעהײַערע. ס'איז זייער וויכטיק מיר זאָלן זײַן פֿאַרבונדן מיט עפּעס א לעבעדיקן אָרגאַניזם, מיט אַ באַוועגונג, וואָס זאָל זיך פֿאַרנעמען מיט אונדזער זאַך, באַזאָרגנדיק זיך אויפֿן אמת.

נאָך א טאָג, נאָך א וואָך, נאָך א חודש און אינגיכן, אינגיכן — ס'קאָן דאָך אייביק נישט דויערן! איך צווייפֿל נישט אויף קיין איין רגע, ווי לאַנג דאָס זאָל נישט דאַרפֿן נאָך דויערן, אַז אונדזער אומשולד וועט באַוויזן ווערן. איך טראַכט וועגן אָט־דיער שעה, איך חלום וועגן איר און איך שטעל מיר שוין אַפֿילו פֿאָר ווי איך ברענג דיך צו פֿירן אַהיים און ווי די געהערסט ווידער אינגאַנצן צו מיר. און עס וועט ווידער, מײַן טײַערע, זײַן אַ שיין, געזונט לעבן. ער וועט קומען דער ראָזיקער טאָג.

מײַן גאַנץ האַרץ.

יוליוס

[דעם 7־טן נאָוועמבער זענען אין „נעשאָנעל גאַרדיען“ געווען אָפּגעדרוקט צוויי בריוו, וואָס יוליוס און עטל האָבן צוגעשיקט.]

יוליוס האָט געשריבן:

„איך פֿיל, אַז איך לעב איצט איבער אַלע קאַמפֿן פֿון פֿאָלק קעגן דער טיראַניע. די קראַטעס טײלן אונדז שוין מער נישט אָפּ פֿון דער וועלט, מיר זענען שוין נישט אַליין... אונדזער איינציקער פֿאַרברעכן באַשטייט אין דעם, וואָס מיר זענען פּשוטע, פֿאָרגעשריטענע מענטשן, וועלכע זענען צוגעבונדן צו די דעמאָקראַטישע פֿרייהייטן און צו די קאָנסטיטוציאָנעלע רעכטן און וועלכע גלייבן אין דער ערלעכקייט, דער מענטשהייט און אין שלום. אָט פֿאַרוואָס מיר זענען געמשפּט און פֿאַראורטיילט געוואָרן צים שטאַרבן. דאָס דאַרף דינען אָנצוואַרפֿן שרעק אויף אַנדערע און זיי צווינגען צום שווייגן“

עטל האָט געשריבן:

„אין דער גרויער און טרויעריקער אַטמאָספֿער, וואָס רינגלט מיך אַרום, האָט זיך פּלוצלינג אַרײַנגעריסן אַ ליכטיקער שטראַל. איך בין טיף גערירט פֿון דער סימפּאַטיע, וואָס עס דריקן מיר אויס מײַנע גייע ברידער און שוועסטער. איך נעם אויף זיך די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט אומאויפֿהערלעך זיך צו ווידמענען דעם קאַמף קעגן דער אכזריות פֿון איין מענטש קעגן אַנדערן און וואָס פֿאַר אַ פֿאָרם זי

זאָל נישט אויפהייבן איר ברוטאַלן קאָפּ. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם גלויבן און דעם צוטרוי, וואָס די לייענער פון „גאַרדיען" האָבן צו מיין מאַן און צו מיר. אַנדערש וואָלט אומזיסט געווען דאָס ברענגען פאַר אַ קרבן אונדזערע לעבנס".

11־טער נאָוועמבער 1951

מיין טייערע עטל,

לייענענדיק די וואָך אין „גאַרדיען" די בריוו פון די לייענער צום אַרויסגע־בער, האָב איך זיך געפילט גאָר שעמעוודיק אין אַנבליק פון די אַלע באַגייסטערטע סופּערלאַטיוון. כ'מיין, אַז אין דער אמתן זענען מיר דאָך גאָר פּשוטע מענטשן, וואָס זענען אין גאַנצן ענלעך צו אָט די שרייבער פון די בריוו און צו טויזנטער אַנדערע מיטבירגער. אין אַנדערער ענין זענען זיי זיך גופא און זיי פאַרשטייען, אַז אויך זיי זענען באַדראָט דורך אַ קאַטאַסטראָפע פון זעלבן מין.

די בראָשור פון 16 זייטן איז דער ערשטער אמתער אָנהייב. מיר האָפן דערוואַרטן אַ כּסדר אָנוואַקסנדיקע מאַסע פון אָנהענגער. דאָס פאַרשטאַרקט מיין זיכערקייט, אַז מיר וועלן אַרויסגיין זיגרייך פון אַלע צרות.

היינט איז דער געדענק־טאָג פון וואַפנשטילשטאַנד*. יעדער מענטש וואָלט געדאַרפט אויסנוצן אָט אַ טאָג, כּדי צו אַנאַליזירן דעם זין פון די שחיטות און בעסער אָפּשאַצן די נייטיקייט פון וועלט־שלום. מיר ביידע פילן: דורך אַ קליינע דיווערסיע קען דער קריגערישער שפּיל, וואָס וויקלט זיך פאַנאַנדער אויפן אַלוועלט־לעכן שאַכברעט.

ס'איז מאָנטיק אָוונט. נאָך אַ טאָג איז פאַרביי און ער דערנענטערט מיך צו דיר. איך פאַרגעטער דיך אַלץ מער און מער. אינגיכן וועט קומען דער טאָג, ווען מיר וועלן זיך ווידער פאַרבינדן, וואָס?

דיין מאַן

י ו ל י ו ס

* פון קריג 18—1914. (איבערז.)

15־טער נאָוועמבער 1951

האַרץ מיינס, טייערס,

נאָכדעם ווי דו האָסט זיך געזעגנט מיט מיר בין איך אוועקגעפאַלן און זיך באַגאָסן מיט טרערן. דעם גאַנצן נאָכמיטאָג און אין אָוונט בין איך געווען באַהערשט פון א געפיל פון שרעק, וואָס האָט מיך געפּרעסט און פון א ווילן אויסצוהאַלטן פאַר יעדן פּרייז. דער קאָפּ האָט גערוישט און דער מאָגן איז ווי צוזאַמענגעדריקט געווען. אָבער כ'האָב אויסגעהאַלטן. כ'האָב זיך אויפגעהויבן, און מיין האַרץ איז געווען אָנגעפילט מיט פרייד אויפן געדאַנק, אַז כ'האָב באַוויזן בלויז מיטן כוח פון מיין ווילן און מיט דער אָנשטרענגונג פון מיין מוח זיך אַרויסצורייסן פון דער שווערער שטימונג. איצט פיל איך מיך ווי א סטודענטין פון „ציוויל־קאָלעדזש“, וועלכע האָט אויסגעהאַלטן גוט די עקזאַמענס.

צערטלעכקייטן.

עטל

18־טער נאָוועמבער 1951

טייערסטער יוליוס,

א גרויער ווינטערדיקער הימל און א טרוקענער ווינט האָבן מיך געצוואונגען צו קלאַפּן אין הויף א פוס אין א פוס. כ'האָב אַזוי געקלאַפּט מיט די פיס ווי איך וואָלט געוואָלט צעטרעטן און דערשטיקן די פּאַניק, וואָס וואַקסט אָן אין מיר, פאַרניכטן דאָס, וואָס באַדראָט מיין מוט. אַן אומבאַרחמנותדיקע איינזאַמקייט האָט מיך היינט אַרומגעכאַפּט, זי פירט מיט מיר, אַן אומבאַזאָפנטער, א כסדר־דיקע, שווערע מלחמה. זי האָט איינגעגראָבן אַזוי טיף אירע שאַרפע נעגל אין מיין לייב, אַז כ'האָב געוויינט פון ווייטיק. אָ, ווען וועל איך ווידער קאָנען פאַרזוכן כאָטש א קליינעם טייל פון דעם גליק, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן פאַר מענטשן!

כ'האָב געלייענט „רזשענטלימענס אַגרימענט“ און כ'האָב זיך איבערצייגט ווי ווייט איך בין אויסגעהונגערט אין גייסטיקע קאָנטאַקטן, אין וואַרעמע מענטשלעכע באַציונגען.

ס'איז מאָנטיק אינדערפרי. די לאַנגווייליקייט, וואָס עסט זיך זונטיק איין אין מיר, הויבט אָן צו פאַרשווינדן. כ'בין אַרומגעכאַפּט פון א כסדרדיקן, ברענענדיקן פאַרלאַנג צו אַנטלויפן ערגעץ, אַריבערצושפּרייזן דעם אומענדלעכן רוים, וואָס שפּרייט זיך אויס צווישן דעם היינט און דעם מאָרגן. זאָג מיר, מיין טייערער, ווי נעמט מען אַזאַ מאַגיש מיטל, וואָס זאָל א סוף מאַכן צו אונדזער אומגליק? כ'האָב דיך ליב און קוש דיך מיט מיין גאַנצן האַרץ.

עטל

22־טער נאָוועמבער 1951

מיין טייערע,

וואָס טראַכסטו איצט נאָך דער באַראַטונג מיט מאַני? מיר האָבן גאָרנישט געקאָנט בעסער פאַרלאַנגען אויסער, פאַרשטייט זיך, דעם פאַרלאַנג זיך אומצוקערן אהיים. אחוץ פון דער אקטיוויטעט לטובת אונדז, וואָס דערמוטיקט, בין איך אויך דערפרייט געווען פון דער ידיעה, אַז אין שטוב גייט איצט אַלץ גוט. ווען כ'האָב אויף דיר געקוקט האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דו טראַכסט דאָס זעלבע, אַז דו פילסט זיך שוין הונדערט מייל ווייט פון תפיסה און ביסט שוין ווידער אַן אינטעגראַלער טייל פון דעם לעבן, פאַר וועלכן עס לוינט זיך צו לעבן. די פאַקטן פון אונדזער אומשולד און אַן ערלעכע באַטראַכטונג פון אַלע אַקטן קאָנען נישט דערפירן צו עפּעס אַנדערש ווי צו אונדזער באַפרייונג.

דער הייניטיקער מיטאָג מיט א שטיקל עוף האָט מיך דערמאָנט, אַז ס'איז יום־טוב. מיר דאַרפן זיין צופרידן, וואָס מיר קאָנען נאָך אַמאָל נעמען אין קאַמף פאַר יושר, שלום און פאַר א בעסער לעבן פאַר אַלע.

טייערע עטל, מיר מוזן האָבן כוחות, כדי זיך צו קענען קעגנשטעלן דעם שווערן דרוק, וואָס מען איבט אויס אויף אונדז. ווונדערבאַרע פרוי, מיין טריישאַפט און מיין ליבע צו דיר זענען שטאַרקער ווי די קראַטעס. ביסט מיין פרוי און נאָר דער טויט קאָן אונדז צעשיידן. דיין מאַן

יוליוס

29־טער נאָוועמבער 1951

עטל טייערע,

דאָס לעצטע בוך, וואָס כ'האָב געלייענט: „דרייצן אויף צוועלף“, איז אַ גוט מיטל צו פאַרטרייבן די צייט, אָבער דאָס בעסטע מיטל צו אַנטשפּאַנונג איז אַ גוטע פאַרטיע שאַך.

נעכטן האָט קאל מיט מיר געשפּילט א פאַרטיע, וואָס האָט געדויערט דריי שעה און זי האָט זיך מיט גאָרנישט פאַרענדיקט, ס'איז געווען שפּאַנענדיק ביזן לעצטן גאַנג. היינט אָוונט האָב איך דאָך באַוויזן, און דאָס גאַנץ שנעל, אים צו שלאָגן צוויי מאָל. אינגאַנצן אָבער גענומען זענען מיר גלייכע כוחות און ס'איז באמת אַ פאַרגעניגן צו שפּילן מיט אים. אינגיכן וועט ער אָבער ווידער באַקומען די אקטן פון פּראָצעס און איך וועל פאַרלירן אַ פּאַרטנער.

כ'האָף, אַז מיר וועלן אינגיכן באַקומען די בראָשיר וועגן אונדזער פּראָצעס. דאָס, וואָס עס שפּילט זיך איצט אָפּ אַרום אונדזער זאַך, איז פון גאָר אַ גרויסער באַדייטונג סיי פאַר אונדז פערזענלעך, סיי פאַר דער גערעכטיקייט פון אונדזער

לאַגער, און נאָר פאַרן פרייז פון גרויסע אָנשטרענגונגען קאָן מען דאָס אויפהאַלטן דעם פאָלק.

צי ווייסטו, אַז מערערע מאָל אין טאָג זען איך מיך אַוועק ביים טיש און קוק אויף דיין פאָרטרעט אויפן וואַנט, און רעד צו דיר? יאָ, מיין טייערע. איך שאַף זיך אויך איין ביז בלוט; עס געשעט, אַז עס באַפאַלן מיך ספיקות, אָבער נאָר אויף א פאָר מינוט, ווייל קיין שום אַנדערע עווענטועלקייט קאָן מען נישט פאָרויסזען, ווי נאָר אונדזער טריאומפאַלן צוריקקער אהיים. אונדזער אומשולד איז אונדזער שטאַרקסטער וואָפן. מיין גאַנץ וועזן שרייט צו דיר: כ'האָב דיך ליב!

יוליוס

29-טער נאָוועמבער 1951

האַרץ מיינס,

ווען דו האָסט מיך פאַרלאָזן האָט זיך ווידער איבער מיר אראָפגעלאָזן די איינזאַמקייט, וואָס הדירגט אריין אין מיין גאַנץ וועזן. עס פאַרפאָלגט מיך די פראַגע: וואָסער מאָס פון אומגליק קאָן אַ מענטשלעך האַרץ אויסהאַלטן און נישט פּלאַצן? ווי לאַנג קאָנען מענטשלעכע איגסטינקטן איבערטראָגן צו זיין געטראָטן און ווו געפינט מען אַן אויסגאַנג? ס'איז א גיהנום פאַר מיר דאָס שמאַכטן וועגן דיר און די קינדער. היינט אָבער האָט זיך דער שטורעם אין מיר איינגעשטילט און איך בין ווידער רואיק...

30-טער נאָוועמבער

איך וויל דיך, טייערע, באַרואיקן וועגן מיר, אַלץ איז אין אָרדענונג, דאָס הייסט פיזיש. באַוואָפנט מיט וואַרעמע קליידער, מיט וואָלענע זאָקן און גומענע שיך, בין איך אין פולער אויסשטאַטונג צו קאָנען אויסהאַלטן דעם שווערן ווינטער פון אָסינינג. איך צייג מיך אַלעמאָל מער איבער, אַז מען דאַרף נישט בלויז דורכמאַכן אַ קאָמפּליצירטע שולע, כדי צו קאָנען ווערן א גוטע אַרעסטאַנטין, נאָר עס איז אויך נייטיק דערצו א פולע קעשענע. זייער נאָבעלער דעוויז „זיך פירן ווי אַלע דזשענטס" איז גילטיק אפילו דאָ, אין „טויטן-הויז", אין סינג-סינג.

ווי גליקלעך איך בין ווען איך רעד צו דיר! צי וואָס אָבער דאַרף איך זיך באַנוצן מיטן נישטיקן בלייפעדער און דעם שטיקל פאַפיר, ווען דו געפינסט זיך פונדאַנען נישט ווייטער ווי אויף דער צווייטער זייט פון קאָרידאָר! איך האָב דיך צערטלעך ליב.

עטל

**2טער דעצעמבער 1951**

מײַן טײַערע,

איך האָלט פאַר וווּנדערבאַר דײַן אײַנפאַל צו געבן די קינדער אַלס מתּנה אונדזערע רינגלעך. די ווייסט זיי האָט איבערגעגעבן און איך וועל דערנאָך זען ווי זיי טראָגן דעם סימבאָל פון אונדזער ליבע. וויפל אויפמערקזאַמקייט די שענקסט אונדזערע ייִנגלעך, מײַן מוטער און אַנדערע! איך האַלט מײַן מתּנה פאַר דיר ביזן טאָג ווען מיר וועלן זיך אומקערן אַהיים און צוריק קאָנען זײַן צוזאַמען. איך בין אַ גרויסער אָפּטימיסט. מיט צערטלעכקייט.

ייליום

**9טער דעצעמבער 1951**

מײַן טײַערע,

ווען די מיטגלידער פון מײַן משפּחה ווײַזן אַרויס אַזוי פיל באַוווּנדערונג פאַר אונדזער אומבויגזאַמען מוט, דערפיל איך זיך שטאַרקער און באַשיידן, אָבער גלייב מיר, אַז אין דער אמתן בין איך שטאָלץ פון אונדז.

לענאַ האָט מיר געזאָגט, אַז די שכנים האָבן אָן אַרויסצווײַזן פרײַנדשאַפט און מײַן מוטער פילט שוין באַשײַנפערלעך בײַ געוויסע פּערזאָנען אַ סך סימפּאַטיע צו אונדז. מ'האָט שוין געמאַכט פיל פּלענער, כּדי די קינדער זאָלן האָבן גוטע פרײַען. עס האָבן זיך אָפּגערופן גײַע מענטשן, זיי נעמען די קינדער צו זיך, נעמען זיי מיט אויף אַלע אויספלוגן. מיכאָעל האָט ווידער אָנגעהויבן צו גיין אויף לעקציעס פון פּיאַנאָ און וועט האָבן אַ געלעגנהייט צו געפינען נײַע חברים פון זײַן עלטער.

דאָס וויכטיקסטע איצט איז די וווּנדערבאַרע ידיעה וועגן דעם, אַז דער קאָמיטעט איז אויף אַ גוטן וועג. דער דערוואַרטעטער טאָג דערנענטערט זיך!

דײַן מאַן

ייליום

**13טער דעצעמבער 1951**

זיס ווײַבעלע

פּריוואַטיק, בעת אונדזער צוזאַמענטרעף, וועלן מיר האָבן אַ סך וויך צו דערציילן. אויב ס'וועט זיך אַרויסווײַזן, אַז ראָבי נייטיקט זיך אין מערער אײַנמערקזאַמקייט, וועסטו זיך פאַרנעמען מיט אים. אים איז דאָס זיכער נייטיק. איך וועל אַלץ טאָן, אַז מאַיק זאָל נישט זײַן איבעררײַצטיק. מאַני וועט מיר געבן אַן איבער-

ייכט פון דער זיצונג. פארגעס ניישט, עטל, אז דו ווערסט נישט האָבן צופיל צייט און פאַרמעסט זיך נישט צו גרויס. איך וויל דיר דערמיט זאָגן, אַז דו זאָלסט זיך נישט אויסשטעלן דערנאָך אויף קיין אנטוישונג.

מיר האָפן די קינדער געבן צו פארשטיין, אז די שרעקלעכע לאגע אונדזערע איז נאָר א צייטווייליקע און גלייך ווי אלץ וועט זיין פארענדיקט וועלן מיר צוריקקומען אהיים. צי וועסטו קאָנען אָנרעגן מיכאָעלן צו מאכן צייכענונגען, פאַרטרעטן און שקיצן פון אונדזער שטוב און אונדז שיקן עטלעכע פון זיינע ווערק? פרוווו אים אויך צורעדן, ער זאָל אונדז שרייבן ווי ער פלעגט עס טאָן פריער.

כ'האָב דיך ליב.

יוליום

14=טער דעצעמבער 1951

טייערער,

איך שרייב דיר איצט די פאָר ווערטער בלויז כדי נישט צו בלייבן שולדיק. איך וויל דיר אָבער ביי דער געלעגנהייט זאָגן, וואָס כ'האָב דערלעדיקט זייט אונדזער לעצטער זעונג. כ'האָב געשריבן צו מאגי און אים דערמאָנט, אַז מיר רעכענען אויף אים ער זאָל ברענגען דעם 19=טן די קינדער. כ'האָב אים געבעטן ער זאָל צופאָרן צו אונדז מיטן אויטאָ און דערנאָך מיט אים אַלע צופירן צום וואָקזאַל. כ'האָב אים געבעטן, אָנשטאָט די קינדער זאָלן אויף שנעל אַריינכאַפּן דעם פרישטיק אין דער היים, זיי בעסער צו געבן אין באַן ברויט מיט פוטער און פרוכטן. כ'האָב אים דערמאָנט, אַז אין אָסינינג, איידער זיי וועלן אַהערקומען, זאָל ער זיי געבן מילך.

כ'האָב אויך דערמאָנט וועגן דער ליקווידירונג פון וואַרשטאַט און געבעטן, אַז אַ טייל פונעם געלט זאָל זיין געווידמעט אויף ביכער, פליטן און עגלעכע זאַכן פאַר די קינדער.

צערטלעכקייטן.

עטל

16=טער דעצעמבער 1951

מיין האַרץ,

אין פאַרלויף פון דער וואָך האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, אַז מיינע געפילן זענען פאַרגליווערט אַזוי ווי דאָס אייז אויפן הויף. אונטערן איינפלוס אָבער פון דיינע צערטלעכע ווערטער האָבן זיי אויפגעטייעט. איצט גיב איך זיך

אַפּ אַ רעכענונג, אַז אַ שווערער פּאַנצער האָט מיר אַרומגעקלאַמערט דאָס האַרץ.

ס'איז אַ גליק נאָך, וואָס אַ מילדע זון, וועלכע האָט זיך באַוויזן נאָכדעם ווי ס'איז אַראָפּגעפאַלן אַ שניי, האָט אַביסל פרייליכער געמאַכט דעם איינזאַמען וויק-ענד אַן וויזיטן, אויסגעפּוצט אין מיין שענסטער קליידונג פון „ס.ס.", אין אַ היטל מיט קלאַפּעס און מיליטערישער קאַפּאָטע, אין וועלכע כ'האָב אויסגעזען ווי אַ קליינער, רונדיקער ושאַנדאַרם, האָב איך געטאָפּטשעט ענערגיש אין שניי איבערן הויף. איצט איז דאָרט נישטאָ קיין איין אָרט, וו ס'זאָלן נישט זיין קיין צייכנס פון מיינע פיס.

כ'בין אַנטציקט פון דעם, וואָס דיינע געדאַנקען פאַלן זיך געניי צונויף מיט מיינע. ווי אַזוי האָסטו געטראָפן, אַז כ'האָב געטראַכט צו לאָזן ראבי, לויט דיין פאַרלאַנג, זיך צו פאַרנעמען מיט אים וויפל ס'איז נאָר מעגלעך, נישט באַוואוּלענ-דיק דערביי מיכאָעלן און אַז דו ווערסט דאַרפן אין אַזאַ פאַל אים פאַרגינען?

ביסט הונדערט מאָל גערעכט: ווען איך וואָלט געקאָנט זיך אויסלערנען וויניקער אַכט ליגן אויף דעם, וואָס מען דערפילט און וואָס מען דערפילט נישט אין די קורצע מינוטן, וואָס מיר האָבן פאַר זיך, וואָלט איך מיך טויזנט מאָל בעסער געפילט און די קינדער וואָלטן זיכער דערפון נישט געליטן. ס'איז אָבער לייכטער צו זאָגן ווי צו טאָן און איך בין גאַטירלעך אין שרעק ביזן מאָמענט. ווען איך דערזע זיי. כ'האָב דיך ליב.

ע ט ל

20-טער דעצעמבער 1951

מיין טייערע עטל,

די חנוכה-טעג האָבן ביי מיר אַרויסגערופן אַזויפיל זכרונות. מיט צוויי יאָר צוריק האָבן מיר נאָך געפייערט דעם יום-טוב פון די ליכטלעך ביי אונדז אין דער היים, צוזאַמען מיט אונדזערע קינדער, און מיט דער זעלבער מוזיק פון די פּליטן. איך דערמאָן זיך, מיט וואָס פאַר אַן אויפמערקזאַמקייט דו האָסט צוגע-קליבן די שפּילצייג, די מתנות; איך דערמאָן זיך די אַלע צוגרייטונגען. דער דאָזי-קער יום-טוב, וועלכער פייערט דעם זיג פון אונדזערע אבות איבער קאַמף פאַר באַ-פרייען זיך פון אונטערדריקונג און טיראַניע, איז א טייל פון אונדזער ירושה און באַפעסטיקט אונדזער ווילן אין דער שלאַכט, וועלכע מיר פירן, כדי צו דערגרייכן די פרייהייט.

כ'בין אָפּטימיסטיש אויפן יאָר 1952. דו, ליבע פון מיין לעבן, אונדזערע צרות מוזן זיך איין מאָל ענדיקן, זאָל דאָס שוין זיין וואָס גיכער.

דיין מאַן

יוליוס

27־טער דעצעמבער 1951

מיין טייערער,

איך ווייס, אַז ווען ס'האָבן געברענט די חנוכה־ליכט און די מוזיק האָט גע־שפּילט האָבן אונדזערע געדאַנקען געשטראָמט פון איינעם צום אַנדערן דורכן רוים. זיי וואָס טיילט אונדז אָפּ. די דראַמאַטישע קראַפט און די שיינקייט פון די געזאַנגען וואָס דריקן אויס דעם געוואַלדיקן שאַפונגס־כוח פון יידישן פאָלק און זיין פעיקייט צו קעמפן פאַר דער פרייהייט, האָבן מיך אָנגעפילט מיט פרייד און שטאָלץ.

מיינע אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט טרערן. ווען כ'בין אָבער צוריקגעקומען אין מיין תפיסה־קאַמער און געטראָפן די גראַטולאַציע־קאַרטלעך פון לענאַ, עטלען און זייערע משפחות, האָב איך זיך דערפילט אומגעהייער אינספּירירט.

דיין אייביק־ליבנדיקע פרוי

עטל

30־טער דעצעמבער 1951

מיין פאַרגעטערטע פרוי,

ווען דו וועסט באַקומען דעם בריוו, וועט דאָס יאָר, וואָס איז געווען פאַר אונדז ביידע אַ פינצטערס, שוין זיין פאַרגאַנגען. ס'זענען דערגרייכט געוואָרן פאָר־שריטן אין דער קאַמפּאַניע פאַר גערעכטיקייט. אָבער דאָס איז נאָך צו ווייניק און עס גייט צו פּאַמעלעך. אַלס רעאַליסט גיב איך זיך אָפּ אַ פולן דין־וחשבון וועגן די גרויסע אָנשטרענגונגען, וועלכע דאַרפן געמאַכט ווערן, כדי גובר צו זיין די פּאַראַליזירנדיקע אינערציע, וועלכע דער יוסטיץ־דעפּאַרטאַמענט האָט איינ־געפלאַנצט אין אַמעריקאַנער פאָלק. כ'ווינטש דיר, האַרץ מיינס, מוט, צוטרוי גלויבן, און אַ גליקלעך יאָר.

מיר איז געוואָרן וואַרעם אויף דער נשמה, ווען כ'האָב זיך דערוווּסט דורך מיין שוועסטער, אַז די קינדער האָבן געהאַט גוט אויסגעפּילטע וואַקאַציעס: בסדרדיקע וויזיטן, אַ געזעלשאַפט פון פריינדלעכע מענטשן, גוט־צוגעקליבענע מתנות און צערטלעכקייט. אַ סך פריינד זענען געקומען אָנבאָטן זייער הילף.

מיין ליבסטע, מיר וועלן פאַרגיטיקן אונדזערע ייִנגלעך פאַר אַלץ, וואָס מען האָט פון זיי צוגערויבט. איך חזיר נאָך אַמאָל איבער, אַז איך דערוואַרט פון דיר אין לויף פונעם נייעם יאָר, דאָס דו זאָלסט זיין מיין פעלדוז, מיין אינספּיראַציע און אַלץ, וואָס שטעלט פאַר מיר פאָר שיינקייט פון לעבן, מיין גאַנץ האַרץ שיק איך דיר.

יוליוס

1952 — בעסטע ווּנטשן — ליבע — גליק — פרייהייט — שלום!

## קאַפּיטל VII

# „עס גרייט זיך אַ שטורעם פון פּראָטעסטן“

[די אַטמאָספער אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז געווען אַזעלכע, אַז מענטשן האָבן מורא געהאַט צו נעמען שטעלונג לטובת די ראָזענבערגס. אַדמיניסטראַטאָרן האָבן מורא געהאַט פאַר זייערע דירעקטאָרן צו פאַרדינגען אַ לאָקאַל אויף אַ פאַרזאַמלונג. רעפּאָרטערן האָבן מורא געהאַט פאַר זייערע שעף־רעדאַקטאָרן. לערער און אָנגעשטעלטע האָבן געציטערט צו פאַרלירן זייערע פּאָסטנס. דאָקטוירים האָבן מורא געהאַט נישט צו פאַרלירן זייערע פּאַציענטן און אַנדערע נאָר האָבן מורא געהאַט נישט צו פאַרלירן די קליענטן. די מורא האָט געשוועבט איבער אַלעמען.

אויפן 6־טן פעברואַר 1952 איז באַשטימט געוואָרן אַז עפנטלעכע פאַרזאַמלונג אין טשיקאַגאָ, אין דער שול „יודעאַ“. צוויי טעג פאַר דער פאַרזאַמלונג האָט אָבער דער ראַבינער צוויסן געגעבן, אַז די שול שטייט אויס אַ שרעקלעכן אָרגאַניזירטן דרוק און געבעטן אָפּצורופן די פאַרזאַמלונג. ס'איז געלונגען צו באַקומען אַ גרעסערן זאַל און צו דער באַשטימטער דאַטע איז ער געוואָרן אָנגעפילט איבער די ברעגן. ביים סוף פון מיטינג איז דער קאָמיטעט פון דער שול „יודעאַ“ אַרויף אויף דער בינע און גראַטולירט דעם אירלענדישן קאַטוילישן אַדוואָקאַט מיכאַעל טומעי, וועלכער האָט פרעזידירט דעם מיטינג.

אין אַנדערע שטעט איז געווען אָרגאַניזירט אַז ענלעכע פּאָגראָם־אַטמאָספער. די פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס, ווי דער אַמעריקאַנער לעגיאָן און די מלחמה־וועטעראַנען, פלעגן אָפט אָנפאַלן און צווינגען איבערצורייסן די עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען. מיט די דאָזיקע פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך פאַראייניקט דער אַמעריקאַנער יידישער קאָמיטעט און אַנדערע רעאַקציאָנערע יידישע אָרגאַניזאַציעס.

דעם 12־טן מערץ איז אויף אַ פאַרזאַמלונג אין ניו־יאָרק באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצולאָזן אַ פּעטיציע, וואָס האָט געפאָדערט אַ נייעם פּראָצעס „באַזירט אויף

די קאָנסטיטוציאָנעלע גאַראַנטיעס פון ערלעכקייט און יושר, און אײַנקלאַנג מיט די בעסטע טראַדיציעס פון דער אַמעריקאַנער יוסטיץ”.

מוטיקע מענטשן האָבן זיך אײַנגעשטעלט און פאַרשפרייט די פעטיציע פון אָנהייב צווישן באַקאַנטע, שכנים און דערנאָך אויך צווישן אומבאַקאַנטע. מענטשן האָבן אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז דער אומגליק פון די ראָזענבערגס האָט אויך זיי געקאָנט טרעפן.]

## 6־טער יאַנואַר 1952

טײַערע עטל,

וואָס פאַר אַ גליק צו האָבן אַזעלכע צוויי וואונדערבאַרע שוועסטער, ווי מײַנע, וועלכע זענען אונדז איבערגעגעבן מיט לײַב און לעבן. לענאַ האָט מיר געבראַכט אַ באַרג מיט נײַעס: אַז דו ביסט שיין און פילסט זיך גוט, אַז דער קאָמיטעט פאַרשטאַרקט זײַן אַקטיוויטעט און אַז אין ביוראָ רײַשט ווי אין אַ בינשטאָק און די אַרבעט לטובת אונדז גייט פאָרויס.

פון דער גאַנצער וועלט רופט מען זיך אָפ מיט גרויס סימפאַטיע פאַר אונדז. און אין דער צײַטונגס־נאָטיץ קאָן מען שוין זען די רעזולטאַטן פון דער קאַמפּאַניע באַקאַנטצומאַכן דער עפנטלעכקייט מיטן אמת. דער „דיילי־ניוז“ פון זונטיק האָט געשריבן, אַז אין טריבונאַל זענען שוין אַרײַנגעטראָגן געוואָרן אַכטן פון צוויי און אַכציק זײַטן. לויט מײַן מיינונג וועט דער אויפטריט פון דער פאַרטיידיקונג זיך אָנהייבן נאָך פריער ווי אין צוויי וואָכן אַרום. וואָס שייך דעם ספּעציעלן טריבונאַל, איז אַלץ אין אָרדענונג, ווײַל מיר האָבן אַ סך בולטע באַווײַזן און מיר באַזירן זיך אויף אַ סאָלידע, לעגאַלע טעזע. איך בין אָפטימיסטיש געשטימט, הגם אַלץ איז מעגלעך, נעמענדיק אין באַטראַכט דעם ספּעציעלן כאַראַקטער פון אונדזער פּראָצעס.

לענאַ האָט מיר פאַרזיכערט, אַז מיכאל און ראָבי געפינען זיך אין אַ גוטן צושטאַנד. זייט אַ מאָנאַט באַמערקט זיך אַ בולטע פאַרבעסערונג פון זייער נערוון־צושטאַנד. כ׳האָב דיך ליב ווי אַלע מאָל.

י ו ל י ו ס

10־טער יאַנואַר 1952

מײַן פֿאַרגעטערטע עטל,

אין „לאָו זשורנאַל“ פֿון דאָנערשטיק איז געווען אַ נאָטיץ, וואָס זאָגט אָן, אַז אונדזער ענין וועט באַטראַכט ווערן אין אַפּעלאַציע־געריכט דער דריטער לויט דער ריי. די קומענדיקע וואָך וועט דאָס געריכט וואָרשײַנלעך באַקומען צו באַטראַכטן די אַקטן פֿון דער אַפּעלאַציע. טײַערע, בעת די דרײַ ריכטער וועלן באַטראַכטן אונדזער אַפּעלאַציע וועלן מיר דאַרפֿן פֿאַרבײַסן די ליפּן און זיך האַלטן פֿעסט, כּדי נישט אונטערצוגעבן זיך די נײַע עמאָציעס. אַלץ, וואָס איז אונדז איצט נייטיק, איז, אַז זיי זאָלן האַנדלען לאָיאַל לגבי אונדז.

חוץ דעם אַלעמען דאַרפֿן מיר פֿאָרט זײַן צוגעגרייט, אַז עס קאָן אויך זײַן אַ נעגאַטיווער באַשלוס, ווײַל אין אַזאַ פּראָצעס ווי אונדזערער וועלן דאָס געזעץ, די פֿאַקטן און די אָנשטענדיקייט נישט זײַן די דעצידירנדיקע פֿאַקטאָרן. טראָץ דעם אַלעמען בין איך איבערצייגט, אַז מיר וועלן דערגרייכן אַ רעוויזיע פֿון פּראָצעס. מײַן גאַנץ האַרץ

י ו ל י ו ס

17־טער יאַנואַר 1952

פֿרוי מײַנע טײַערע,

איך פֿיל זיך אינגאַנצן צעבראָכן נאָך אונדזער לעצטן צוזאַמענטרעף. ס'האָט אונדז אויסגעפֿעלט צײַט בעת דער יורידישער באַראַטונג און מיר דאַכט זיך, אַז מײַן העפֿטיקע האַלטונג האָט געקאָנט לאָזן אַ שלעכטן אײַנדרוק אויף דיר. פֿאַרן אָנקומען פֿון אונדזער אַדוואָקאַט בין איך געווען שרעקלעך צעטומלט און דערנאָך, כּדי נישט דורכצולאָזן די מינדעסטע אײַנצלהייט, האָב איך זיך אינגאַנצן קאָנצענטרירט אַרום די יורידישע ענינים אַזוי, אַז איך האָב געקאָנט אַרויסווײַזן אַביסל אויפֿגערעגטקייט און אומגעדולדיקייט. איך בעט דיך, טײַערע, פֿאַרשטיי מיך. קאָנסט טראַכטן, אַז כ'האָב דיר נישט געשאָנקען גענוג אויפֿמערקזאַמקייט און דו ביסט גערעכט אין אַ געוויסער מאָס. שרײַב מיר אָן אַ בריוול און זאָג מיר, אַז דו האָסט מיר אַלץ מוחל געווען. כ'האָב דיך ליב מיט מײַן גאַנצער נשמה און איך וויל נישט אָנרירן דײַנע רעכט אָדער דיר פֿאַרשאַפֿן די מינדעסטע לײַדן.

כ'בין אויסער זיך פֿון פֿרייד, וואָס אַזוי פֿיל מענטשן קומען אונדז צו הילף. אַלע וועלכע האָבן געלייענט די בראָשור, האָבן גלײַך דערזען, אַז אונדזער אַפּעלע איז נישט קיין געוויינלעכע און זיי וועלן העלפֿן אויפֿוויקלען דעם פּלאָנטער. דאָס אַלץ זענען באַווײַזן, אַז מיר זענען שוין איצט נישט אַליין און אַז מיר האָבן וואָס ווײַטער אַלץ גרעסערע שאַנסן פֿאַרן זיג פֿון אונדזער גערעכטער זאַך.

איך בין פֿול מיט ענטוזיאַזם. כ'האָב דיך ליב מיט מײַן גאַנץ האַרץ.

י ו ל י ו ס

18־טער יאַנואַר 1952

מײַן טײַערער,

זינט דער באַראַטונג מיט מאַני האָט מײַן אויפֿרעגונג קיין גרענעץ ניט, דער עיקר דערפֿאַר, וואָס עס ליגן מיר אויפֿן האַרץ אַ שיעור זאַכן, וועגן וועלכע כ'האָב זיך געוואָלט טיילן מיט דיר און פּונקט דעמאָלט האָט מען זיך גענומען צעשיידן. יוליוס טײַערער, פֿאַרשטייט זיך, אַז איך בין ניט בייז. יאָ, איך בין יאָ בייז און אַזוי שטאַרק, אַז עס קאָכט אין מיר, נאָר צוליב אונדזער אוממעכטיקייט קעגנאיבער דער צעשיידונג, וואָס מען צווינגט אונדז אויף. וואָס פֿאַראַ שרעקלעכע אומגערעכטיקייט מען באַגייט קעגן אונדז, אויסשטעלנדיק אונדז אויף דעם אַלעמען. עס ברויזט אין מיר פֿון צאָרן.

טײַערער, דאַרפֿסט דערוואַרטן איך זאָל פֿון צייט צו צייט אָפּטאָן געוויסע נאַרישקייטן. עס דוכט זיך מיר, אַז דו דערלאָזט ניט דעם געדאַנק, אַז איך זאָל האָבן רעכט צו האַנדלען אַמאָל נאַריש.

ווי אַזוי ס'זאָל ניט זײַן, האָב איך דיך ליב, טײַערער, פּונקט ווי איך האָב ליב דאָס לעבן. מײַן גאַנץ האַרץ

עטל

27־טער יאַנואַר 1952

מײַן טײַערע,

כ'האָב געהאַט אַן אויסערגעוויינלעך אָנגענעמען באַזוך פֿון מײַן שוועסטער. ניט אמת, אַז עס איז דערפֿרייענדיק, ווען מען זעט ווי געוויסע מענטשן קאָנען זיך אויפֿהייבן אויף דער הייך פֿון דער סיטואַציע? איך בין זיכער, אַז מײַנע שוועסטער זענען אַליין איבערראַשט פֿון די רעזולטאַטן פֿון זייער אַקטיוויטעט. די סיבות, וואָס באַוועגן זיי דערצו, זענען פּשוטע: דאָס זענען גוטע, ערלעכע פֿרויען, וועלכע זעען, אַז אונדזער זאַך איז אַ גערעכטע, און אויסער דעם זענען זיי אונדז איבערגעגעבן צוליב דער בלוט־קרובהשאַפֿט. יאָ, מײַן טײַערע, די אויפֿפֿירונג פֿון מײַנע ביידע שוועסטער פֿאַרגיטיקט גאָר אין אַ גרויסער מאָס די אומפֿאַרשעמטע האַלטונג פֿון דײַן משפּחה.

עטל טײַערע, כ'בין אַזוי שרעקלעך אַליין! ווען? אינגיכן? ווי לאַנג נאָך קאָן האָב אַלץ איבערטראָגן דער קערפּער און דער גייסט? די איינציקע טרייסט איז, וואָס יעדע רגע דערנענטערט אונדז צום מאָמענט, ווען מיר וועלן לסוף זיך אומקערן אַהיים. פֿרוי מײַנע, איך נייטיק זיך אין דײַן כּוח, איך האָב דיך ליב מער ווי דאָס לעבן גופֿא.

יוליוס

10=טער פעברואר 1952

פרוי מיינע, טייערע,

איך קום נאָר וואָס צוריק פון מיין נאָכמיטאָג=שפּאַציר אין הויף. אין דער לופט איז געווען אַזאַ שאַרפע פרישקייט, אַזאַ געזאַלצענער ים=ריח, וואָס מיט דעם ווונדערבאַרן געפיל פון קראַפט, פון גרויסקייט, פונקט אַזוי ווי די קראַפט פון אַ מייד אין אייביקער באַוועגונג.

אַזעלכע ריחות פילן אָן מיט צוטרוי און ברענגען מיט זיך אַ צוזאָג אויף אַ נייַ און שענער לעבן. די מילדע זונען=שטראַלן זאָגן אָן, אַז דער פרילינג דערנענטערט זיך. עס פילט זיך עפּעס אַ דערוואַרטונג אין דער לופט, און פאַר אונדז איז דאָס ווי אַ סימן, אַז דער אויפגאַנג פון אַ נייעם טאָג דערנענטערט זיך. שפּרייזנדיק שנעל איבערן הויף מיט די אויגן געוואָנדן צו אַן אַעראָפּלאַן, וואָס האָט געראַוישט פון דער ווייטנס, און צו די פייגעלעך, וואָס האָבן געשוועבט אין דער לופט, האָב איך זיך שוין געזען אַ שפּאַצירנדיקן מיט דיר אונטערן אָרעם. כ'בין אויסער זיך פון גליק, ווייל כ'האָב דיך. טייערע, דו ביסט מיינע. דיין מאַן, וועלכער האָט דיך ליב.

י ו ל י ו ס

טייערע,

דו ביסט געווען אַזוי צויבערדיק אין דעם נייעם קלייד. דיין אויסזען און דיינע קלוגע באַטראַכטונגען, ספּעציעל וואָס שייך אונדזער ענין, האָבן מיר געגעבן דאָס געפיל פון זיכערקייט.

דער הייַנטיקער זומער וועט זיין אַ גוטער פאַר אונדזערע יינגלעך. אונדזערע כסדרדיקע באַמיונגען, אַז זיי זאָלן זיין אין אַ סביבה, וווּ זיי זאָלן קאָנען זיין אַרומגערינגלט מיט נייע פריינד, האָבן געגעבן גוטע רעזולטאַטן.

כ'בין גליקלעך, וואָס די אויגן=קראַנקהייט פון מיין מוטער איז נישט אַזוי ערנסט, ווי מ'האָט זיך דאָס פאָרגעשטעלט. כ'וועל אָבער ווייטער וואַכן, אַז איר געזונט זאָל נישט פאַרנאַכלעסיקט ווערן.

איך טרוים, מיין טייערע. אין טרוים האָב איך זיך געזען מיט דיר און אונדזערע יינגלעך אויף פעריען. וואָס פאַרא פריידיק געפיל עס כאַפּט אַרום, ווען מען שטעלט זיך פאָר, אַז מען איז ווידער צוזאַמען מיט דער פאַמיליע.

מיין גאַנץ האַרץ.

י ו ל י ו ס

14=טער פעברואַר 1952

מיין פאַרגעטערטע,

היינט, פּונקט אַזוי ווי אַלע טאָג, ביסטו מיין אויסגעווילטע. דיין כּוח האַלט מיך אונטער. די גוטע ידיעות פון שטוב און די טעטיקייט פון קאָמיטעט דערמוטיקן מיך. עס האַלט מיך אויך אונטער, ווען איך מיש איבער די טעג אויפן קאַלענדאַר. איך ווייס, אַז מיר דערנענטערן זיך צום טאָג, ווען דאָס געזעץ וועט אָנערקענען אונדזער אומשולד.

טייערע, דיין דיכטונג האָט געמאַכט אַן אויסערגעוויינלעכע ווירקונג און מיר בעטן דיך צו ווידמענען מערער פון דיין פרייער צייט צו פאַרוויילן אונדז מיט דיינע סאַטירישע פּאָעמעס. דו האָסט אויפגעכאַפּט דאָס סאַמע עיקרדיקע פון דער אַטמאָספער אין „טויטן=הויז“ און אַלס באַלוינונג האָט מען דיך געקרוינט מיטן טיטל לאַורעאַט=דיכטערין פון „סינג=סינג=פּאַלאַץ“.

הגם איך לייען זייער לאַנגזאַם דאָס בוך פון לאָמאָנט,* האָב איך דאָך פאַרגעניגן פון יעדן איבערגעלייענטן זייטל. דאָס איז אַ בוך, וואָס רעגט אָן, וואָס מאַכט טראַכטן. דו וועסט זיכער זיין אין דער זעלבער מיינונג, אַז דאָס איז אַ בוך, וואָס מען דאַרף לייענען.

כ׳האָב נאָך אַ סך זאַכן צום לייענען, אָבער איך מוז מאַכן אָנשטרענגונגען בייצוקומען מיין גייסטיקע אינערציע און צו פאַרטרייבן די זאָרגן, כּדי איך זאָל זיך קאָנען קאָנצענטרירן. איך קוש דיך צערטלעך.

י ו ל י ו ס

25=טער פעברואַר 1952

מיין טייערער,

כ׳מוז אומבאַדינגט געפינען צייט, כּדי דיר צו דאַנקען פאַר דיינע ליבע ווערטער. ווי זאָל מיך נישט רירן אַזאַ אויסדרוק, אָנגעפילט מיט אַזויפיל ליבלעכער זאָרג און איבערגעגעבנקייט? מיין געליבטער, צי ווייסטו כאָטש ווי אונדזער צוגעבונדנקייט איז אומצעשטערבאַר?

האַלב אַכט אינדערפרי 26=טער פעברואַר 1952.

מיין געליבטער, נעכטן 10 אַזייגער אין אָוונט האָב איך זיך דערוווסט די שרעקלעכע נייעס.**

---

* „אומאָפּהענגיקער גייסט“ פון קאַרליס לאָמאָנט.

** דאָס אַפּעלאַציע=געריכט האָט אָפּגעוואָרפן זייער אַפּעלאַציע.

אין איצטיקן מאָמענט, ווען מען ווייסט נאָך נישט די פּרטים, איז שווער עפּעס וואָס צו זאָגן, אַחוץ אויסצודריקן גרויל לגבי דער אייזעניש, מיט וועלכער די רעגירונג וויל אונדז שיקן צום טויט. ווי ס׳זאָל נישט זיין, באַווייזט דאָס, אַז אַלע אונדזערע אַנאַליזן בנוגע דעם פּאָליטישן כאַראַקטער פון אונדזער ענין זענען געווען דערשטוינלעך ריכטיקע.

מיין האַרץ ווערט צעריסן ווען איך טראַכט וועגן די קינדער. זיי זענען שוין צו גרויס, מען זאָל קאָנען באַהאַלטן פון זיי דעם אמת. איך באַמי זיך צו באַהערשן, אָבער מיין מוח פּלאַצט, ווען איך שטעל זיך פאָר זייער שרעק. מער ווי אַלץ בין איך אומרואיק וועגן זיי. איך דערוואַרט מיט אַנגסט די נייעס, ווי אַזוי זיי וועלן האָבן רעאַגירט.

מיין געליבטער, ווען כ׳וואָלט בלויז געקאָנט באמת דיך טרייסטן. כ׳ליב דיך אַזוי.

מען רופט מיך וועגן בריוו. גוט, מיין געליבטער, ס׳איז נאָך דאָ אַ סך צו טאָן.

דיין איבערגעגעבענע פרוי,
עטל

28־טער פעברואַר 1952

מיין זייער געליבטע עטל,

כ׳בין נאָך שרעקלעך דערשיטערט פון דער מאָוטאָמאַטישער באַשטעטיקונג פון אונדזער אורטייל, וועלכער איז באַשלאָסן געוואָרן אין גרעסטער אייזעניש. וואָס מער איך טראַכט, אַלץ מער פאַרשטאַרקט זיך אין מיר אַ געדאַנק, וואָס איז מיר געקומען אין קאָפּ. כ׳האָף, אַז דער געריכטס־סעקרעטאַר וועט מיר צושיקן די אויספירן פון ריכטער פראַנק. כ׳וויל אויפמערקזאַם שטודירן אַלץ, וואָס ער האָט געזאָגט און פעסטשטעלן אַלע פאַרקריפּלונגען, פעלערן, די אויסנוצונג פון אונטערגעשטעלטע מענטשן, ווי אויך זיין פערזענלעכן שטאַנדפּונקט איבער דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען בעת אונדזער פּראָצעס.

מען מוז אָנווייזן אויף די שפּיצלער און די סאָפּיזמען, מיט וועלכע ס׳האָט זיך באַנוצט אַן אַזוי געריספענער „ליבעראַלער" און בכבודיקער מענטש, כדי פאַרצוזעצן די פּאָליטישע מאַכינאַציע. ער לאָזט אין גאַנג כל־המינים רעטאָרישע קונצן, כדי צו פאַרשלייערן דעם פאַקט, אַז אונדזערע לעבנס וועלן געבראַכט פאַר אַ קרבן, כדי אויסצואיבן אַ דרוק אויף די וויכערשפּעניקע.

מער ווי שטענדיק מוזן מיר איצט ריכטן אַלע אונדזערע אָנשטרענגונגען אויפן איינציקן וועג, וואָס בלייבט אונדז אָפן: דעמאַסקירן די מעטאָדן פון אָט

דעם טריבונאַל. טייערע, כ'בין זיכער, אַז דיינע פעיקייטן וועלן אונדז דאָ זיין פון גרויסן נוצן. מיר וועלן געווינען די שלאַכט!

אפשר צוליב דעם, וואָס מיר דערנענטערן זיך צו דער לעצטער אַנטשיידונג, אפשר אויך צוליב דעם, וואָס ביים איצטיקן גאַנג פון די געשעענישן זענען מיר אַזוי נאָענט פון טויט — ווי ס'זאָל נישט זיין, זע איך איצט קלאָרער נאָך ווי אַלע מאָל, אַז דו ביסט פאַר מיר דאָס וויכטיקסטע אויף דער וועלט, וויכטיקער ווי מיין אייגן פלייש און בלוט. עטל, דיר האָב איך צו פאַרדאַנקען, וואָס כ'האָב געלעבט אַ פול לעבן און קיין זאַך קאָן דאָס מער נישט צעשטערן. דיין מאַן

יוליוס

29-טער פעברואַר 1952

טייערער,

הגם כ'ווייס, אַז קיינעם ליגט איצט נישט אין זינען צו פייערן אַ געבורטס-טאָג, איז עס פאָרט וויכטיק, אַז די קינדער זאָלן ליידן אַזוי ווייניק ווי מעגלעך פון דער אַנטשיידונג פון טריבונאַל.

געוויס, איך פערזענלעך ווינטש נישט קיין גרויסע פאַרזאַמלונג, ווו יעדער וואָלט זיך באַמיט אַרויסצוווייזן אַ פריילעכקייט, וועלכע ער פילט נישט. אָבער מאַיק דאַרף קאָנען איינלאַדן צוויי פון זיינע פריינד און פאַרזוכן צוזאַמען מיט זיי אַ געבורטסטאָג-טאָרט און זיך אַביסל פאַרווילן, ער און ראָבי דאַרפן האָבן אַ שיינעם יום-טובדיקן טאָג. כ'וועל וועגן דעם רעדן מיט לענאַ, אין איר זאָגן. ייי גייסיק ס'איז אויפצוהאַלטן אין שטוב אַן אַטמאָספער פון אמתער פריילעכ-קייט, ווייל קיין זאַך איז נישט אַזוי שעדלעך פאַר אַ קינד ווי אַן אַטמאָספער פון אייביקער פאַרצווייפלונג.

כ'וועל צעריסן פון אומגעהויערע פאַרלאַנגען. אָ, ווען מיר וואָלטן בלויז געקאָנט זיין צוזאַמען. כ'האָב דיך אַזוי ליב, דיין איבערגעגעבענע פרוי

עטל

2-טער מערץ 1952

מיין טייערסטע, ליבסטע פרוי,

יאָ, אויב מיר האָבן אַמאָל זיך געלאָזט פאַרווייגן דורך דער אילוזיע, אַז די ריכטער פון די העכסטע טריבונאַלן זענען פאַרהיט פון דער היסטעריע און שטייען איבער דער פּאָליטיק, איז די דאָזיקע אילוזיע איצט גרינטלעך צעשטערט געוואָרן.

מיר מוזן זיך צוגעוויינען צום געדאַנק און זיך רואיק זאָגן, אַז אונדזער איינציקע האָפענונג איז דאָס פאָלק. די אַנגסטיקע שרעק, וואָס עס רופט אַרויס דער אומומיטלבאַר פאַרשטייענדיקער טויט=גזר, ענדערט דאָס לחלוטין נישט. נאָר דאָס פאָלק קאָן אָפּשטעלן אָט דעם לעגאַלן לינטש.

געמיינדיק אין באַטראַכט, אַז די איבערפּרעטאַציע פונעם געזעץ, וועלכע דער ריכטער פראַנק האָט פאָרמולירט, ברענגט אין סכנה אַלע פּראָגרעסיווע און נישט נאָכגיביקע, און אַפילו אויך אַנדערע — בין איך איבערצייגט, אַז אונדזערע מיטבירגער וועלן זיך פאַראייניקן, כדי אומגילטיק צו מאַכן אָט די אַנטשיידונג.

כ׳דערוואַרט איצט, אין דער לעצטער שעה, אַז די קאַמפּאַניע צו דערקלערן דער מאַסע אונדזער ענין וועט באַקומען אַ נייעם אימפּולס און אַז נאָכן מיטינג וועלן מיר גיין פאָרויס.

כ׳בין זיכער, אַז מיר וועלן דערפילן אונדזער אויפגאַבע און דעריבער דערוואַרט איך מיט אומגעדולד די קאָפּיע פון די אַקטן, כדי זיך צו נעמען צו דער אַרבעט. כ׳וועל בעטן מאַני, אַז ווען די אַקטן וועלן אָפּגעדרוקט ווערן פאַרן „סערטאַ=ראַרי“,* זאָל יעדער פון אונדז באַקומען אַ קאָפּיע.

דיין אידעע אויסצוקאָמבינירן דעם באַזוך פון די קינדער מיט אַ יורידישער קאָנסולטאַציע איז אויסגעצייכנט. צו דעם איז אָבער נייטיק, אַז אונדזער אַדוואָקאַט זאָל האָבן גענוג צייט, איצטער ווען ער האָט אַזוי פיל יורידישע אַרבעט. ביז מיטוואָך. צערטלעכקייט פאַר דיר.

י ו ל י ו ס

פּ.ס. — כ׳זעץ פאָר צו זינגען אונז צו קלאַפּן אין וואַנט, מיין וווּנדערבאַרע פרוי. די צוקונפט האָט נאָך פאַר אונדז אַ סך גוטע זאַכן. דעריבער: מוט און צוטרוי צו דער צוקונפט.

6=טער מערץ 1952

מיין פאַרגעטערטע פרוי,

מיטוואָך האָב איך דערהאַלטן דעם פּאָרטרעט פון מיכאָעלן. ס׳איז פּרעכטיק, טייערע, ס׳איז אינגאַנצן ער. ס׳איז פאַראַן עפּעס אַזעלכעס אין פּאָרטרעט, אין דער אַנדייטונג פון שמייכל, וואָס דערמאָנט מיך דיין געזיכט. אין געבורטס=טאָג

* די אַנטשיידונג פון אַ געריכט-אינסטאַנץ צו באַטראַכטן אַ געריכטליכן ענין. (איבערז.)

קאַרטל, וואָס כ'האָב אים היינט אָוונט געשיקט, האָב איך אים געשריבן ווי גליקלעך איך בין פון זיין מתנה. כ'האָב אים בייגעלייגט אַ בריוו פאַר ראָבי און די קינדער וועלן זיכער זיין צופרידן. צי ווייסטו, מאַמע, אַז דיין זון הייבט אָן צו ווערן אַ שיינער בחור? אַזוי ווי זיין פאָטער...

דער באַזוך פון ראָגערשטיק, עטל, איז געווען איינגעגעבן און איך מיין, אַז מיר וועלן זיין אומשטאַנד פאָרצוזעצן צו פאַרנעמען זיך מיט די וויכטיקע פּראָבלעמען. גלייב מיר, בלויז צוליב דעם אינטערעסירט מיך צו באַטראַכטן דעם באַשלוס פון אַפּעלאַציע-געריכט און די אַקטן פון פּראָצעס. ס'איז מעגלעך, אַז מיר זאָלן קאָנען העלפן אונדזער פאַרטיידיקער אונטערצושטרייכן די ווידערשפּרוכן פון די עדות, וועלכע האָבן געהאָלפן אינסצעניזירן דעם באַשולדיקונגס-אַקט קעגן אונדז. ס'איז אויך וויכטיק פאַר אונדזער גייסטיקן צושטאַנד, אַז מיר זאָלן נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אינעם קאַמף פאַר אונדזערע לעבנס, אינעם קאַמף וואָס זיין באַדייטונג פאַרן אַמעריקאַנער פאָלק איז אומבאַשטרייטבאַר.

מיר האָבן קיינמאָל נישט ליב געהאַט צו זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און אויך איצט האָבן מיר בדעה בייצושטייערן אונדזער חלק. איך האָף, אַז דו וועסט קאָנען שעפּן אין מיין ליבע אַזויפיל כוח וויפל עס גיט מיר דיין ליבע. דיין געטרייער מאַן

יוליוס

16-טער מערץ 1952

מיין פאַרגעטערטע פרוי,

די גלענצנדיקע ידיעות, וואָס מיינע שוועסטער האָבן מיר געבראַכט אין שייכות מיטן מיטינג אין „טעמפּל פּיטיען“ און אויך וועגן אַנדערע אַקציעס, באַווייזן, אַז די שלאַכט האָט זיך גוט אָנגעהויבן; ס'איז נאָך בעסער ווי איך האָב פאָרויסגעזען. מען דאַרף האָפן, אַז מענטשן, וועלכע זענען אָביעקטיוו, צי דאָס זענען ליבעראַלן, צי קאָנסערוואַטיסטן, וועלן זיך אָנשליסן אין דער פאַרטיידיקונג פון אונדזער זאַך. ווייל אין קאָן שטייען איצט די רעכטן, די זיכערקייט און דאָס לעבן גופא פון אַלע ערלעכע מענטשן צו וועלכער ריכטונג זיי זאָלן נישט געהערן.

פאַראַן נאָך אַ וויכטיקער פאַקטאָר: דאָס איז די נויטווענדיקייט צו באַקעמפן דעם אַנטיסעמיטיזם, וואָס שפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער אַפּערע קעגן אונדז. ס'איז אַ פאַקט, אַז טראָץ אונדזער אומשולד, נוצן זיי ברייט אויס דעם אורטייל און שרייען: „איר זעט, דאָס זענען די ייִדן די פאַראַנטוואָרטלעכע“. כ'האָב ווייטער צוטרוי אָבער איך מאַך מיר נישט קיין אילוזיעס, וואָס שייך די שוועריקייטן, וואָס שטייען פאַר אונדז. אונדזער משפחה איז פאַר אונדז אַ גרויסער אָנשפּאַר.

װעטל, די שלאַכט האָט זיך ערשט אָנגעהויבן. װעגן דײַנע אויגן צו דער צוקונפט. דײַן ליבנדיקער מאַן

י כ ו י ל י י

1952 27=טער מערץ

מײַן טײַערע,

ליכט פון מײַן לעבן, רויז פון מײַן האַרצן, די, מײַן פאַרגעטערטע פרוי, װעלכע מען האָט מיר אַװעקגערִיסן, דו, דאָס טײַערסטע, װאָס כ'האָב אויף דער װעלט. װען כ'זע דײַן שיין פנים, פול מיט אויסדרוק, װײס איך, אַז מיר זענען בלויז אײנס. װאָס שײַך מיר, באַװונדער איך, װי אַזוי עס בליט זיך פאַנאַנדער אונדזער ליבע, אָט דאָ, אין דער=אָ ראָם.

כ'בין איבערצײַגט, אַז די פיזישע צעשײדונג האָט ניט דעם מינדסטן אײנפלוס אויף אונדזער ליבע, און אויך ניט אויף אונדזער פולשטענדיקער פאַרשטענדעניש. מען מוז אָבער נאָך אַביסל װאַרטן, מײַן טײַערע, ביז מיר װעלן װידער זײַן פאַראײניקט, װאַרטן יעדער אין זײַן קלײנער אײמהדיקער קאַמער. בלײַב אַזוי װי דו ביסט, מײַן עטל. כ'װיל ניט, דו זאָלסט װערן אַנדערש.

דײַן ליבנדיקער מאַן

ב ו י ל י י

1952 31=טער מערץ

מײַן טײַערער,

איך פרעג מיך צי װײסטו װי שטאַרק ליבעסװיכדיק דו ביסט? איך הער ניט אויף זיך צו װוּנדערן, װאָס בלויז דער פאַקט דיך צו זען און צו הערן אײניקע מינוט שטאַרקט מײַן גאַנץ װעזן.

צו דעם אַלעמען האָב איך נאָך מיטװאָך באַקומען אַ בריװ פון דײַן שװעסטער עטל מיט אַ פּאָר װערטער פון מיכאָעלן. אָט װאָס ער שרײַבט: „טײַערע מאַמע, מען האָט זײער שײן געפײַערט מײַן געבורטס=טאָג דעם 9=טן מערץ 1952. כ'האָב זיך זײער גוט געװײַלט. עס זענען געקומען די מומע עטל מיט איר משפחה, די מומע לענאַ מיט איר משפחה און אַ... עטל האָט געבראַכט אַ געבורטסטאָרט און צוקערלעך. מיר האָבן זיך געשפּילט אין „מוזיק פון שטולן" און איך האָב געשפּילט פּיאַנאָ. אַ האַנק פאַר די קאַרטלעך. קושן פון מיכאָעלן און ראָבערטן". די מוזט װאַרטן ביז די צװײטע װאָך, כּדי צו זען די װוּנדערבאַרע האַנטשריפט פון אונדזער ייִנגל און זײַנע זיסע אָרטאָגראַפישע פעלערן.

און איך בריוו שרייבט עטל כמעט נאָר וועגן יום־טוב. זי און לענאַ האָבן איינגעקויפט קוכנס, צוקערלעך, ליכט, שאָקאָלאַד, פּאַפּירענע הינטלען און אייז־קרעם. זיי האָבן אים אויך געקויפט ספּאָרט־לייבלעך מיט לאַנגע אַרבל, ספּאָרט־העמדער און הייזלעך. פון זיין חבר האָט מיכאָעל באַקומען אַ מין שעכטל פאַרבן און פון ראָבי אַ וועב־וואַרשטאַט, מיט וועלכן די מוטער פון זיין חבר האָט אים געהאָלפן זיך באַנייען.

טייערער, האָב מיך ווייטער ליב, איך גייטיק זיך אַזוי אין דיין אָנשפּאַר און אין דיין איינשטימיקייט. די איינזאַמקייט איז אכזריותדיק. מיין גאַנצע ליבע
עטל

2־טער אַפּריל 1952

מיין טייערער,

ווי גליקלעך איך בין ווען כ'בין מיט דיר. די לופט גופא ענדערט זיך. דער דרוק ווערט לייכטער. דער ווילן צו לעבן, צו אַרבעטן, צו בויען שטראָמט ווידער אין מיר!

4־טער אַפּריל

טייערער,

היינט אינדערפרי גייט אַוועק אַ בריוו צו די קינדער, אין וועלכן איך קלער זיי אויף פאַרוואָס זייער באַזוך איז אָפּגעלייגט און פאַרזיכער זיי אין אונדזער ליבע. כ'האָב דערהאַלטן צוויי פּרעכטיקע גראַטולאַציע־קאַרטלעך לכבוד פּסח. אויך באַקומען אַ בריוו פון עטלען. צווישן אַנדערן שרייבט זי: „גאָט צו דאַנקען, די קינדער פילן זיך איצט גוט, אָבער פאַר יעדעם מאָל ווען מיכאָעל גייט ביינאַכט אין קאַבינע מוז ער וועגן דעם מודיע זיין דער מאַמען און וועקט זי אויף. מען לאָזט אַ קליינע ליכט צווישן פאָרצימער און דעם באָד־צימער. אפשר וועסטו זאָגן מיכאָעלן, אַז ווען ער וועקט אויף די באָבע, איז איר דערנאָך זייער שווער איינצושלאָפן".

איך בעט דיך, טייערער, ווען דו וועסט זען דעם קומענדיקן וויק־ענד עטלען און דייווי, באַמי דיך צו זיין רואיק, קלאָר און אַנטשלאָסן ווי דו קאָנסט זיין. איך ווייס ניט ווי אַזוי אונטערצושטרייכן די גרויסע וויכטיקייט פון דעם.
מיינע צערטלעכקייטן.
עטל

13-טער אַפּריל 1952

מיין טייערסטע פרוי,

צי ווייסטו, ווי וווּנדערבאַר ס'איז צו זען, אַז דו פילסט זיך גוט. כ'האָב באַאָבאַכטעט דיין פּנים, בעת דו האָסט זיך צוגעהערט צו די אַלע גוטע נייעס, וואָס מאַני האָט געבראַכט. דאָס איז געווען הערליך. איך האָב אויך אַ פלי געטאָן צו נייע הייכן, דערוויסנדיק זיך די גלענצנדיקע אַרבעט פון אונדזער אַדוואָקאַט און די טעטיקייט פונעם קאָמיטעט און פון אָט דער מאַסע גוטע, בראַווע מענטשן, וועלכע אונטערשטיצן אונדזער קאַמף פאַר גערעכטיקייט.

מוט, עטל! אויב מיר מוזן שוין לעבן אין אָט דעם קאָשמאַר, טאָ לאָמיר ווייניקסטנס אַזוי האַנדלען, אַז אונדזער פאַרהאַלטן זיך גופא זאָל ביישטראָגן צום וויל פונעם פאָלק. מיר האָבן געגעבן דעם באַווייז, אַז ס'איז נישט לייכט אויף אונדז אָנצוואַרפן אַ שרעק. די אַרבעטער פון אונדזער לאַנד איז אויך נישט לייכט צו טעראָריזירן, ווען זיי ווייסן וועגן וואָס עס גייט.

מיר האָבן אין די לעצטע צוויי יאָר געלאָזן הינטער זיך אַ גרויסן אָפּשניט ליידן, און מיר דערנענטערן זיך איצט צו אונדזער רעהאַביליטאַציע. איך שיק דיר מיין גאַנץ האַרץ.

יוליוס

17-טער אַפּריל 1952

מיין וווּנדערבאַרע עטל, מיין טייערע,

ס'איז האַלב זיבן אָוונט און דער בין השמשות טועט אויף גיך אָפּ פאַר דער נאַכט; אַ פייגל-פאַרפאָלק, פליסטערנדיק אַ געזאַנג, פלאַטערט אַרום דעם פענצטער, וואָס געפינט זיך אַנטקעגן מיין קאַמער. יאָ, מיין טייערע, דער זומער דערנענטערט זיך און די האַלבע שעה זון, וואָס כ'האָב היינט געהאַט, פאַרגרעסערט נאָך מיין פאַרלאַנג צו זיין פריי.

עס פאָדערט זיך אַן אומגעהויערע אַרבעט, כדי צו קאָנען קעגנווירקן די פיינטלעכקייט פון די פירער פון די אַזוי גערופענע „ליבעראַלע“ אָרגאַניזאַציעס. אַפילו ווען עס האַנדלט זיך צו פאַרטיידיקן דעם שלום האָבן אָט-די „פירער“ זיך אָפּגעזאָגט אַרויסצוטרעטן. פאַראַן אַ סך אַזעלכע, וועלכע וואָלטן יאָ געוואָלט אַרויסטרעטן לטובת אונדז, אָבער זיי האָבן מורא מען זאָל זיי נישט צוקלעפּן קיין שטעמפּל אַלס „נישט-כשרע“ מענטשן.

כ'האָף, אַז די קינדער וועלן זונטיק קומען. דערווייל לאָז אַלץ גיין און פאַרשאַף זיך נישט קיין בייז בלוט. דיין מאַן, וועלכער ליבט דיך,

יוליוס

19=טער אַפּריל 1952

מיין טייערע,

לויט דעם ווי עס שרייבן די צייטונגען און לויט דעם אַלעמען, וואָס ס'האָט מיר דערציילט מיין טייערע שוועסטער לענאַ ווערט קלאָר, אַז אין קאָמיטעט שליסן זיך אָן וואָס אַמאָל מער אַנהענגער. מענטשן הייבן אָן צו פרעגן ווי לאַנג אונדזער ענין קאָן זיך נאָך פאַרציען. די גרויסע צאָל אָנטיילנעמער אויף די פאַרזאַמלונגען, די באַשטייערונגען, וואָס מען שיקט אַריין אין קאָמיטעט און די בריוו, וואָס קומען צו אים כסדר אָן, באַרעכטיקן דעם גאַנצן צוטרוי, וואָס מיר האָבן געשאָנקען דעם אַמעריקאַנער פאָלק.

אין אָנבליק פון אַזעלכע רעזולטאַטן שרייט שוין די פּראָפעסיאָנעלע האַס=פּראָפּאַגאַנדע, אַז דאָס זענען „רויטע“. אַזוי אַרום ווילן זיי אָפּשרעקן די ערלעכע מענטשן. עס איז צו דערוואַרטן, אַז זייער קאַמפּאַניע פון וואַרפן שמוץ זאָל זיך נאָך אויסברייטערן. מיט מיין גאַנצער ליבע

י ו ל י ו ס

6=טער מאַי 1952

מיין טייערער יוליוס,

געכטן האָב איך באַטראַכט די פּאָטאָ פון מאַיקען מיט זיינע אַראָפּפאַלנדיקע האָר אויפן שטערן און זיין פאַררוקטן קראַוואַט און ס'האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז מיין מוטער=האַרץ וועט פּלאַצן. כ'וואָלט געוואָלט האָבן אַן ענלעכע פּאָטאָ פון ראָבי, אָנשטאָט אַ געוויינלעכע מינוטן=פּאָטאָגראַפיע. כ'וועל וועגן דעם רעדן מיט עטלען.

דעם 14=טן מאַי, ווען מדינת=ישראל וועט פייערן איר 4=טן געבוירן=טאָג, וועט אונדזער טייערער ראָבי פייערן זיין פינפטן געבוירן=טאָג. זאָלן ביידע מצליח זיין!

ליבער מיינער, כ'פאַרלאָז דיך; כ'קוש דיך ביזן מאָמענט, ווען כ'וועל דיך ווידער זען פון דער צווייטער זייט שטייג. כ'האָב דיך אַזוי ליב.

ע ט ל

## קאַפּיטל VIII

# „עס בלייבט אונדז אַזוי פיל זאַכן צו דערפילן אין לעבן"

[אין פֿרילינג 1952 האָט אַ גרופּע אַמעריקאַנער אומדערהויקענע מוטיקע פֿרויען זיך אַוועקגעלאָזט אין „טאָג פֿון דער מוטער" צו די טויערן פֿון „טויטן־הויז" אין אָסינינג, כּדי צו באַקומען אַ דערלויבעניש אויף צו זען עטל. דער צוגאַנג צו דער תּפֿיסה איז זיי פֿאַרבאָטן געוואָרן און די פֿרויען האָבן איבער־געשיקט צו עטלען פֿאָלגנדיקן בריוו:

„אַלס פֿרויען און מוטערס זענען מיר שטאָלץ מיט אייער מוט און אייער אומגעבראָכענעם און בײַשפּיללאָזן כּוח, וואָס איר ווײַזט אַרויס טראָץ אייער איזאָלאַציע אין „טויטן־הויז", וווּ איר לעבט איבער אַ גרויל וועגן וועלכן מיר קאָנען זיך בלויז מאַכן אַ פֿאָרשטעלונג. מיר וועלן נישט רוען אַזוי לאַנג ביז די אומזריותדיקע באַדינגונגען אייערע וועלן נישט געמילדערט ווערן און ביז ס'וועט אײַך צוריקגעגעבן ווערן די מעגלעכקייט צו האָבן אַ קאָנטאַקט מיט דער מענטש־הייט. אין אונדזערע היימען, אין שעהן פֿון גליק אָדער פֿון זאָרגן, הערן מיר נישט אויף צו טראַכטן וועגן אײַך און מיר פֿאַרשטייען, אַז אונדזער אייגענע זיכערקייט איז ענג געבונדן מיט אייער אומגליק, וואָס האָט צעבראָכן אייער לעבן.]

29־טער מאַי 1952

טײַערע,

די האָפֿענונגען פֿון אַלע מענטשן וועלן אין אָט דעם טאָג פֿונעם „מעמאָריאַל דעי" * זײַן געוואָנדן אויף שלום. יעדן טאָג לייען איך אויפֿמערקזאַם די צײַטונגען, כּדי צו געפֿינען אַ סימן פֿון נאָענטן אײַנשטעלן דעם שלום אויף דער וועלט און כ'בין זיכער, אַז דער רוב מענטשן טוען דאָס זעלבע.

* קריסטלעכער געדענק־טאָג נאָך די טויטע.

אונדזער ווידערשטאַנד־כּוח נעמט זיך נישט בלויז דערפֿון, וואָס מיר זענען אומשולדיק, נאָר אויך פֿון אונדזער באַוווּסטזיין איבער דער גרויסער וויכטיקייט פֿון דעם, וואָס שפּילט זיך דאָ אָפּ אַרום אונדז. מיר זענען געווען קלאָר, אויפֿריכטיק, גראָדליניק, פֿריי, ווייל מיר האָבן נישט וואָס צו באַהאַלטן. נישט מיר, נאָר אונדזערע אָנקלאָגער האָבן אימות־מוות פֿאַרן אמת. נישטאָ קיין אַנדער דערקלערונג פֿאַר די שקרים און דעם שמוץ, וואָס זענען געדרוקט געוואָרן אַרום אונדזער ענין, ווי אַן אָרגאַניזירטע קאַמפּאַניע, כּדי אונדז פֿאַרצושטעלן אין ערגסטן ליכט און נישט צו דערלאָזן די מענטשן זאָלן באַטראַכטן די פֿאַקטן גופֿא. ווייל אונדזערע שונאים ווייסן, אַז זיי קאָנען נישט ברענגען קיין שום באַווייזן.

דערמאָן זיך, מיין פֿרוי, אַז איך ליב דיך.

יוליוס

2־טער יוני 1952

מיין וווּנדערבאַרע עטל,

פֿאַראַן אַ גוטע ידיעה, מיין טייערע. אין צען טעג אַרום וועט אונדזער אַדוואָקאַט דאָ זיין ביי אונדז מיט דער ווענדונג און די קאָנקלוזיעס פֿאַרן העכסטן געריכט. מיין האַרץ, מיר האָבן דורכגעמאַכט אַ לאַנגן וועג, מוזט זיך באַוואָפֿענען מיט נייעם מוט און זיין גרייט צו פֿאַרברענגען נאָך אַ פּאָר סעזאָנען אין אָסינינג. כ׳האָף, אַז מיר וועלן האָבן אַן אָנגענעמען זומער, וועלכער וועט אונדז ברענגען גוטע נייעס.

כ׳האָב נאָר וואָס ווידעראַמאָל באַטראַכט דעם פּאָרטרעט פֿון אונדזער קליינעם ראָבי, פֿאָטאָגראַפֿירט צוזאַמען מיט זיין באָבען. כ׳בין אַזוי, עטל, גערירט דערפֿון. איך זע מיין טייערע מוטער, אַזאַ מיטלייד־נדיקע, אַ געעלטערטע דורך דער צייט, פֿון די ליידן און שווערע נסיונות און דאָך — אַ סימבאָל פֿון מוט און פֿון כּוח. צוליב זיי אַלע, צוליב די, וועלכע מיר האָבן ליב און צוליבן גאַנצן אַמעריקאַנער פֿאָלק איז נייטיק, אַז מיר זאָלן דערגרייכן אַן ענדגילטיקן זיג.

ווי עס שטאַרקט זיך דאָס האַרץ, ווען מען זעט מיט וואָס פֿאַר אַן ענטוזיאַזם און פֿרייד מיין ברודער און מיינע שוועסטער נעמען אויף די הילפֿס־קאַמפּאַניע לטובֿת אונדז. לאָמיר שעפּן נייעם מוט אין די נייע פֿריינדשאַפֿטן, וואָס רינגלען אונדז אַרום. אַדאַנק זיי וועט מען אונדז מער נישט קאָנען צעמישן די קאָרטן.

מיין גאַנץ האַרץ.

יוליוס

16=טער יוני 1952

מיין טייערער יוליוס,

דעם גאַנצן טאָג האָב איך אַזוי שטאַרק געוואָלט מיט דיר רעדן. באַמי זיך צו איבערצייגן דאָס נאַרישע האַרץ, אַז אומרויִקע שמועסן קומען פֿאַר גאַר מיטוואָך. אָט דאָס נאַרישע האַרץ רעכנט זיך בכלל נישט מיט מיר און זעצט פֿאָר צו בענקען נאָך דיר. ס'איז מיר פֿולשטענדיק קלאָר אַז דיין האַרץ איז פּונקט אַזוי פֿאַרמייעט ווי מיינס.

מיין טייערער, דיין געבוירן=טאָג איז אַדורך אָנעם מינדסטן קוש, נישט פֿון דיין פֿרוי, נישט פֿון די קינדער. ער איז געקומען און אַוועק, נישט אונטערשיידנדיק זיך פֿון אַלע אַנדערע אומענדלעכע טעג, וועלכע מיר לעבן דאָ.

כ'האָב דיך אַזוי ליב, אַזוי ליב, און די פֿעלסט מיר אַלץ מער און מער. גיב מיר אַ קוש, איידער כ'שלאָף איין, ווי דו פֿלעגסט עס טאָן אַמאָל, מיין טייערער מאַן. דיין פֿרוי און דיינע קינדער פֿאַרגעטערן זייער וווּנדערבאַרן פּאַפּאַ. דיין ליבנדיקע פֿרוי

עטל

18=טער יוני 1952

מיין טייערער מאַן,

ווי האָט עס געקאָנט געשען, אַז איך זאָל פֿאַרגעסן אַזאַ גרויסן טאָג? הגם עס איז מיר אַ שרעקלעכע חרפּה, מוז איך זיך מודה זיין, אַז כ'האָב אומבאַמערקט דורכגעלאָזט די דאַטע. כ'האָב נאָר איין אַנטשולדיקונג: דאָס לעבן דאָ איז אַזוי אָנגעזעטיקט מיט אומגליק, מיט דערנידעריקונג, אַז איך ווער גלייכגילטיק צום גאַנג פֿון דער צייט און דאָס אַזוי ווייט, אַז כ'האָב פֿאַרגעסן אין דער וויכטיקער דאַטע פֿון 18=טן יוני.*

עטל

19=טער יוני

וואָס זאָל איך טאָן? דיין פֿאַראומערטע פֿרוי פֿאַלט אַריין אין אַ געוואָראָם=טעגישער שטימונג. פֿונדעסטוועגן באַמיט זי זיך צו זיין אַ פֿרוי מיט אַ לייטישן אויסזען. ליידער, האָבן ביז איצט אַלע מיינע באַמיאונגען מיר נישט מער געגעבן ווי דריי קליידער, וואָס זענען אָן שום פֿאָרם.

---

* דער יאָרטאָג פֿון זייער חתונה. (איבערז.)

צי קושט דו מיך פון צייט צו צייט פאַרן שלאָפן גיין? איך פאַרגעס דאָס קיינמאָל נישט צו טאָן? אָ, טייערער, וואָס פאַרא גרויליקע קאָמעדיע זיי שפּילן מיט אונדז! שרעקלעך, שרעקלעך אַליין...

עטל

19-טער יוני 1952

מיין וואונדערבאַרע עטל,

זייט דעם, ווי איך האָב געלייענט דעם באַריכט פון די געשעענישן, וועלכע האָבן דערפירט דערצו, אַז דער מיטינג איז נישט פאָרגעקומען (דער מיטינג האָט געזאָלט פאָרקומען דעם 18-טן יוני אין דער מוזיק-אַקאַדעמיע אין ברוקלין) האָב איך אומזיסט געזוכט עפּעס וועגן דעם אין די צייטונגען. כ'האָב נישט געפונען קיין צייכן פון דעם אַלעמען, וואָס איז פאָרגעקומען. בלויז „קאָמפּאַס"* האָט פּראָטעסטירט קעגן אָט-דעם אַנטי-דעמאָקראַטישן אַקט. אָבער ווי קומט עס, וואָס מען האָט דאָס נישט פאַרגעסן און וואָס מען רעדט מער נישט וועגן דער פאַרזאַמלונג?

טייערע, אַנטשולדיק מיר, וואָס כ'האָב זיך אויפגעפירט ווי אַן עגאָיסט בעת אונדזער קורצער באַגעגעניש. דאָס קומענדיקע מאָל וועל איך דיר פאַרגיטיקן

אין מיין זכרון טויכן אויף די דערינערונגען פון אונדזער געמיינזאַמען לעבן. ווי וואונדערבאַר דאָס איז געווען! יעדערער האָט געאַרבעט און אַריינגעטראָגן אין געמיינזאַמען לעבן זיין טייל, זיינע זאָרגן און פרייד און זיין ליבע.

עטל, דו דאַרפסט וויסן, אַז מיר איז נישט אַזוי לייכט זיך אויסצודריקן, שריפטלעך. איך וואָלט ליבערשט געוואָלט דיר אַלץ זאָגן פּנים אל פּנים.

דיין שטענדיק ליבנדיקער מאַן

יוליוס

26-טער יוני 1952

גוט מאָרגן, טייערע,

היינט האָבן זיך פינף פון אונדז איבערגעצויגן. איצט געפין איך מיר נעענטער צו דיר. מ'האָט מיר באַשטימט אַלס רעזידענץ די קאַמער נומער איינס אין מערבדיקן פליגל. כ'האָב צוויי שעה צייט געוואַשן די קראַטעס, דעם וואַש-בעקן און דעם דיל. כ'האָב זיך באַגאָסן מיט שווייס, אָבער איצט וועט מיין קאַמער אויסזען רייז פיל, איך מיך פיל בעסער. נישט לאַנג צוריק איז זי געווען פריש איינ-

---

* „קאָמפּאַס"—א פּראָגרעסיווע צייטונג, וואָס דערשיינט שוין נישט מער. (איבערז.)

געקאָכט. ס'איז אויך פאַראַן אַ נייער מאַטראַץ. דאָס וואָס ס'וועט מיר דאָ פעלן, איז די אָנגענעמע געזעלשאַפט פון די מענטשן, מיט וועלכע כ'האָב געלעבט בשכנות מער ווי אַ יאָר צייט.

כ'שטעל זיך פאָר ווי פיל גאַל עס גיסט איצט אויס האָוואַרד רעשמאָר אין „דזשורנאַל אַמעריקען", וועלכער ליגט זיך אין דער לענג און אין דער ברייט, כדי נישט צו דערלאָזן צו עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען לטובת אונדז. איך שטעל מיר אָבער אויך פאָר, אַז דער קאָמיטעט דאַרף מאַכ' אַ שיינע אַרבעט.

עס שרעקט מיך אַביסל דער קומענדיקער וויזיט פון אונדזערע ייִנגלעך. ס'איז אָבער אַ פאַקט, אַז יעדער וויזיט איז אַ מער אייגנגעבענער ווי די פאַרגאַנגענע. די טעמפּעראַטור ווערט שטיקנד, איך האָף אָבער, אַז אינגיכן וועלן די קינדער זיין אויפן דאָרף. כ'בין זיכער, אַז לעבן די סימפּאַטישע פריינד וועלן זיי אַ סך געניסן, זיך שפּילן, פאַרוויילן. כ'דאַרף אָפּשמועסן מיט מיין משפּחה וועגן מיין מוטערס וויזיט. כ'האָב נישט שטאַרק ליב, זי זאָל אַליין רייזן.

באַמי זיך, מיין האַרץ, צו זיין רואיק און באַהערשט. פאַרגעס נישט, אַז טראָץ די שווערע וואָלקנס, טראָג איך ווייטער פאַר דיר דעם פאַקל. שטענדיקע צערטלעכקייטן.

י ו ל י ו ס

29=טער יוני 1952

האַלאָ, טייערע,

אונדזער ווענדונג צום העכסטן געריכט פילט מיך אָן מיט ענטוזיאַזם, און איך האָף, אַז אויב די ריכטער וועלן זי באַטראַכטן ווי עס באַדאַרף צו זיין, וועלן מיר אונדזערס דערגרייכן. דאָס איז אַ וואונדערבאַרער יורידישער דאָקומענט, פּרעכטיק צונויפגעשטעלט, אי קורץ, אי שאַרף און ער אַנטהאַלט שלאָגעוודיקע אַרגומענטן. כ'וואָלט געוואָלט, אַז די ווענדונג און די צוגאַבע זאָל ווי אַממייסטן פאַרשפּרייט ווערן.

דער באַזוך פון מיין שוועסטער איז דורך געלענצנד. זי איז געבליבן ביז דער לעצטער מינוט. אַ געוויסע פּערזאָן, וועלכע איז געקומען דאָ באַזוכן אַ צווייטן אַרעסטאַנט, האָט זי מיטגענומען אין שטאָט מיט איר אויטאָ. כ'בין געווען אויסער זיך פון פרייד פון די ידיעות, וואָס זי האָט מיר געבראַכט וועגן די פאַרזאַמלונגען. ס'האָט מיך אויך דערפרייט די ידיעה, אַז האָוואַרד רעשמאָר האָט אַ ליגנט געזאָגט, ווען ער האָט פאַרעפנטלעכט, אַז דער ראַבינער שאַרף וועט נישט אָנטייל נעמען אין די פאַרזאַמלונגען, ווייל מ'האָט זיי פאַרגעוואָרפן, אַז זיי געפינען זיך „אונטער אַ קאָמוניסטישער השפּעה".

צי ווייסטו, מיין טייערע, אַז איך בין בלויז דרייסיק פוס=טריט פון דיר! אָבער די אייזערנע טירן פאַרוואַנדלען זיי אין אַן אַסטראָנאָמיש מהלך. מיר דערנענטערן זיך צום ענדגילטיקן באַשלוס און כ'האָב אַ גוטע האָפענונג, אַז מיר וועלן באַפרייט ווערן. כ'האָב דיך ליב מיט מיין גאַנץ האַרץ

י ו ל י ו ס

2=טער יולי 1952

מיין זיס ווייבעלע *

איבער מיין טיש, און באַדעקנדיק אַ גרויסן טייל פון וואַנט, איז אויסגעשפּרייט אַ גאַנצע זייט פון „ניו יאָרק טיימס" פון 5=טן יולי פון פאַרגאַנגענעם יאָר, אויף וועלכער ס'איז אָפּגעדרוקט די „דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט".** די זייט איז שוין געל געוואָרן און אין ווינקל, לעבן דער אַנדערער אונטערשריפט, געפינט זיך אויך מיין נאָמען. אַזוי ווי מיין לאָיאַלקייט לגבי מיין לאַנד איז נאָך נישט איבערגעשטיגן געוואָרן פון קיין שום אַנדערן אַמעריקאַנער, וועל איך אַלץ לאָזן אויפן זעלבן אָרט, ווייל דאָס איז אַ פּאַסיקע דעקאָראַציע פאַר מיין תפיסה=קאַמער. דורך אונדזער פאַרהאַלטן זיך אינעם דאָזיקן ענין, אין וועלכן אונדזערע לעבנס שטייען אין קאָן, אילוסטרירן מיר די גרונט=פּרינציפּן פון אונדזער דעמאָקראַטיע. מען קאָן נאָך פאַרקריפּלען די פאַקטן אָדער פאַרדרייען בכיוון די אַמעריקאַנער געשיכטע וויפל מען וויל, אָבער דאָס וועט מער נישט קאָנען פאַרשטעלן איר פּראָגרעסיוון דראַנג. איך גרייט זיך צום 4=טן יולי דורך לייענען די „געשיכטע פון אַמעריקע" פון בירד און דורך שטודירן די באַדייטונג פון די געשעענישן, וועלכע קומען פאָר היינט. די נייע טיראַנען אַנטקרעפטיקן אונדזערע קאָנסטיטוציאָנעלע גאַראַנטיעס און באַדראָען די פרייהייט און דאָס לעבן פונעם פאָלק. דער אמת איז אויף אונדזער זייט און מיר מוזן זיגן. דיין ליבנדיקער מאַן

י ו ל י ו ס

---

* יידיש אין טעקסט.

** פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

13־טער יולי 1952

עטל טייערע,

בריוו האָט מיר געבראַכט אויסגעצייכנטע ידיעות פֿון די קינדער און וועגן דער טעטיקייט פֿון קאָמיטעט. מיר מוזן איצט באַזאָרגן, אַז מיין מוטער זאָל ווערן אונטערזוכט דורך אַ ספּעציאַליסט אייִדער דער צושטאַנד פֿון אירע אויגן פֿאַרערגערט זיך. כ'בין געווען שרעקלעך דערשיטערט, ווען כ'האָב זיך דערוווּסט, אַז זי ליידט בסדר אויף די אויגן.

כ'האָב געלייענט אַ נאָטיץ אין „העראַלד טריבון", וואָס באַשטעטיקט דאָס, וואָס מיין ברודער האָט מיר געזאָגט: ס'איז טאַקע אמת, אַז אין גאַנצן לאַנד אָרגאַניזירן זיך קאָמיטעטן פֿאַר דערגרייכן גערעכטיקייט פֿאַר אונדז.

עס איז שוין צוויי יאָר ווי מיר זענען אָפּגעריסן געוואָרן איינער פֿון צווייטן און ווי מ'האָט אונדז אַפֿילו פֿאַרבאָטן צו געפֿינען אַ שטאַרקונג אין די וואַרעמע צערטלעכקייטן פֿון אונדזער ליבע. אָבער די ליידן אונדזערע האָבן אונדז נישט געענדערט, זיי האָבן נישט אונטער־געבראָכן אונדזער קעגנזייטיקע פֿאַרשטענדעניש. דאָס מערקווירדיקע אין אונדזער גאַנצער טראַגעדיע איז טאַקע דאָס, וואָס מיר וועלן געווינען דערויף אין פֿאַרשידענע הינזיכטן און איך מיין דאָס אין מאָראַלישן זין.

די פֿראַגע פֿון שלום האָט אַן אויסערגעוויינלעכע באַדייטונג פֿאַר אונדזער סיטואַציע, ווייל אויב די ביז איצטיקע פּאָליטיק פֿון קאַלטער מלחמה וועט ווייטער באַהערשן דאָס העכסטע געריכט וועלן מיר קיין רעוויזיע פֿון פּראָצעס נישט דערגרייכן.

איך שיק דיר די גאַנצע ליבע פֿון מיין האַרץ.

י ו ל י ו ס

22־טער יולי 1952

יוליוס מיין טייערער,

איך מוז איצט איבעררייסן דאָס לייענען און דיר איבערגעבן אַ וווּנדערבאַרע ידיעה. צוזאַמען מיט דיין בריוו איז היינט נאָכמיטאָג מיר אָנגעקומען אויך אַ בריוו פֿון די קינדער. דאָס זאָל זיין אַן ענטפֿער אויף דיין בריוו פֿון דער פֿאַר־גאַנגענער וואָך. כ'וועל דיר אים, פֿאַרשטייט זיך, לייענען מיטוואָך. אָבער כ'האָב נישט געקאָנט וואַרטן נישט אָנצוזאָגן דיר פֿריער די ידיעה.

די קאָנסט גאָרנישט וויסן מיט וואָס פֿאַרא דורשט איך וואַרט יעדעס מאָל דיך צו זען מיטוואָך, דיינע וואַרעמע ווערטער שטאַרקן מיך יעדעס מאָל.

די שרעקלעכע היץ האָט מיר צוגענומען דעם חשק צו שפּילן אין פּילקע, צו שרייבן, צו יעטוועדער זאַך, וואָס פֿאָדערט אָן אָנשטרענג.

טייערער, כ'ווער אומגעדולדיק. איך רייס זיך צו דיר מיט פֿאַרצווייפֿלונג און אַלץ וואָס איך קאָן טאָן איז בלויז אימפּראָוויזירן מיט אַ פֿאַרשאָלטן שטיקל בלייפֿעדער אויף אַ פֿאַרשאָלטן שטיקל פּאַפּיר. ביסט מיר היינט טייערער ווי ווען עס איז. דיין אָרעמע פֿרוי, וועלכע איז אַליין.

עטל

24-טער יולי 1952

מיין צובעטנדיקע פֿרוי,

שטעל דיר פֿאָר, אַז זינט אונדזער לעצטער באַגעגעניש, פֿיל איך זיך, ווי איך וואָלט באַקומען פֿליגל. ביסט געווען אַ פּראַכט אין דיינע נייע קליידער. זיי גיבן דיר אַזאַ מאָדנע פֿרישקייט און לאָזן האָפֿן, אַז אינגיכן וועסטו זיי טראָגן, מיין טייערע, אין אַ מער גינסטיקער אומגעבונג.

אונדזערע יינגלעך זענען אַנטציקט פֿון לאַגער און פֿון זייערע פֿעריען ביי זייערע נייע פֿריינד. יעדע וואָך האָבן זיי קלינגען צו מיין מוטער. דאָס שמועסן מיט זיי דורכן טעלעפֿאָן וועט איר פֿאַרשאַפֿן פֿאַרגעניגן. מאַיקעס בריוו איז געווען אַ שטראַלנדיקער. לויט ווי איך שטויס זיך אָן האָט ער אויף אַ גרויסער צאָל פֿראַגן אין שייכות מיט אונדזער ענין, וועלכע האָבן אים פֿריִער געמאַטערט, באַקומען פּאַסיקע ענטפֿערס פֿון די פֿריינדלעכע און האַרציקע מענטשן, וואָס געפֿינען זיך דאָרט.

אָ! טייערע, די טעג זענען אַזעלכע לאַנגע, די שעהן ציִען זיך אומענדלעך און איך וואָלט דאָך געדאַרפֿט זיין לעבן דיר. די גאַנצע ליבע פֿון מיין האַרץ דיר

יוליוס

3-טער אויגוסט 1952

טייערער,

איך בין בוכשטעבלעך אויסער זיך, פֿאַרכישופֿט, אַנטציקט! וועסט נישט טרעפֿן פֿון וואָס? כ'האָב געהערט „דעם אַלטן טאָסק“ דיריגירן די זומער-סימ-פֿאָניע נבצ. וואָס פֿאַרא פּרעכטיקן טאָן דער דאָזיקער מענטש קאָן אַרויסבאַקומען פֿון זיין אָרקעסטער. ס'איז ממש אומגלויבלעך.

אַלץ איז אין אָרדענונג, טייערער. איך רייס איבער דאָס שרייבן און וועל איצט ווידמענען אַביסל מיין אויפֿמערקזאַמקייט מיין „אַלטן טאָסק“.

3=טער אויגוסט 1952

טייערע,

נאָך אַ טאָג, נאָך אַ וואָך, נאָך אַ חודש. די צייט פליט — אָן אונדז — און אונדז לאָזט מען זיך מוטשען אין אָן אומענדלעכער, טאָגטעגלעכער איינזאַמקייט. מיר זענען באַרויבט פון אַלץ, וואָס איז אונדז טייער, — אַחוץ פון אונדזער שטאָלץ. ווי אַזוי זאָל אַ לעבעדיקער מענטש אין אַזעלכע באַדינגונגען אויפהאַלטן זיין כוח? בלויז דורך דער כסדרדיקער באַהויפּטונג פון די יסודותדיקע פּרינציפּן פון זיין לעבן און שטיצנדיק זיך אויף זיין דורכגעטראַכטער דערקלערונג פון וועלכער ער שעפּט די דערמוטיקונג, וואָס גיט אים כוח אויסצוהאַלטן.

...כ׳באַמי זיך כסדר צו לאָזן דורכגיין די צייט מיט לייענען, שרייבן, מיט פּאַריאָגן פון זיך די ווייטיקפולע מחשבות. אָבער כ׳האָב כסדר דאָס פולע באַוווסטזיין פון דער פּאַקטישער לאַגע...

דאָס איז אונדזער פּאָרטרעט, מיין טייערע. אפשר איז עס צוליב דעם, וואָס מיר האָבן נאָך אַזויפיל צו טאָן אין לעבן, וואָס מיר ליבן אַזוי דאָס לעבן, אַז אונדזער צעשיידונג איז אַזוי פּיינלעך. און דערביי — דאָס קאָן זיך דוכטן ווי אַ סתירה — אויב מיר זענען פעיק אויפצוהיטן אונדזער לעבנס=כוח, איז עס טאַקע צוליב דעם, וואָס מיר ווייסן דאָס אַלץ.

דערמאָנסט זיך אונדזערע זומער=פעריען מיט די יינגלעך? קאָנסטו אונדז נאָך זען אַלע צוזאַמען אויפן האָרף אָדער ביים ים? דער פאַקט וואָס די מענטשן ווייזן אונדז ארויס זייער סימפּאַטיע און קומען צוהילף אונדזערע קינדער, דערלייכטערט אונדזערע ליידן און אונדזער שרעקלעכן אַנגסט. אָבער איך פיל זיך, ווי מען וואָלט מיך באַגנבעט. צוויי יאָר, יאָרן, באַזונדערס ווייטיקע פאַר אונדזערע קינדער, זענען אונדז צוגערויבט געוואָרן. מיין איינציקע האָפענונג איז, אַז מיר וועלן מער נישט דאַרפן לאַנג וואַרטן, כדי צו זיין ווידער צוזאַמען מיט אונדזערע קינדער. שוין גענוג! אָ, טיראַנען, ביי די צוויי אומשולדיקע מענטשן, ביי זייער אומשולדיקער משפּחה האָט איר שוין אַרויסגעריסן מער ווי אייער פונט פלייש און בלוט!

דעמאָסקירנדיק פאַר דער עפנטלעכקייט דעם בלבול, האָפן מיר צו ווערן קאָמפּענסירט פאַר אונדזערע יסורים. ווייניקסטנס וועלן אַנדערע אומשולדיקע נישט ווערן אַזוי לייכט געפּייניקט, ווי מען האָט דאָס געטאָן מיט אונדז.

מיין גאַנצע ליבע דיר.

יוליוס

4=טער אויגוסט.

טייערע,

איך אייל זיך דיר צו וויסן צו געבן (אן אייגצלהייט פון מיטוואָך), אז כ'האָב געהאט זייער אן אָנגענעמען באַזוך פון מיין ברודער בערני אין ־אָם האָט געהאָלפן צו נייטראַליזירן דאָס געפיל פון פוסטקייט, וואָס מאַטערט געווייג־לעך ביעתן וויק־ענד.

יוליום טייערער, ס'האָט זיך באַוויזן נאָך איינער פון דיינע פייע־לעכע בריוו. ביסט אַזוי ערנסט, אַזוי אויפריכטיק. מיין בענקשאַפט נאָך דיר איז אַזוי שטאַרק און כ'וואָלט דיך איינגעשלונגען. כ'האָב דיך ליב, טייערער.

עטל

7=טער אויגוסט 1952

מיין טייערער,

כ'בין היינט אזוי איינזאַם, אזוי איינזאַם, אז איך מוז צו דיר רעדן. נעכטן נאָך האָב איך געהאט דעם באַוווסטזיין, אז איך בין די פאַרשפּרייטערין פון גוטע נייעסן און איך האָב זיך באַמיט צו שפּילן ווי אַמביציעסטן מיין ראָל. צום באַדויערן, ווי גרויס עס זאָל נישט זיין די פרייד, וואָס עס גיבן אונדזו אונדזעריע קורצע באַגעגענישן, פאַרגיטיקט זי אָבער נישט די אומענדלעכע שעה־ פון אונדזער צעשיידנקייט.

11=טער אויגוסט

היינט אינדערפרי האָב איך פאַרענדיקט א בריוו צו די קינדער, ס'איז ארויסגעקומען רעלאַטיוו גוט. יאָ, מיין טייערער, כ'האָב זיי איבערגעגעבן דיין בקשה וועגן קאַרבאָן און זיי דערמאָנט זיי זאָלן שיקן פאָטאָגראַפיעס. כ'וועל דיר איבערגעבן איינצלהייטן בעתן „וואונדערבארן מיטוואָך“. אוי, פאר מיר איז ערשט „קלאָגענדיקער מאָנטיק“ (נאָך ביים ראנד פון „יאומערדיקן זונטיק“) און דער „באַרמהערציקער דינסטיק“ איז נאָך ווייט! צו אלדי טייוול, ווי דו פעלסט מיר! מיין גאנץ הארץ.

עטל

פ.ס. מיין טייערער, דו זינגסט מיר ליבעזאנגען אויף גאָר אן אויסטער־לישן אופן. נאטירלעך, אז דאָס געפעלט מיר נישט. ניין, עס געפעלט מיר אינגאַנצן נישט!

14־טער אויגוסט 1952

טייערסטע,

כ׳קאָן לייענען און לייענען דיינע בריוו הונדערט מאָל. יעדעס מאָל גייט פון זיי אויף א נייע פרישקייט. דער כאַראַקטער גופא פון אונדזער ענין און דער אופן פון אונדזער אַרעסטירט זיין מיט דער כסדרדיקער טויט־דראָונג איבער אונדזערע קעפּ רופט אַרויס ביי אונדז שטאַרקע, געוואַלטיקע עמאָ־ציעס, אָן א שיעור אַנגסט, אָבער דאָס אַלץ — ווי מיר ווייסן פון דערפאַרונג — שטויסט אונדז בלויז ווייטער צו קעמפן, כדי צו דעראָבערן צוריק אונדזער נאָרמאַל לעבן.

מיר קאָנען דאַנקען גאָט, וואָס מיר האָבן דערגרייכט אַז די מדינה פון פאַרשטענדעניש, וועלכע דערלויבט אונדז זיך אָפּצוגעבן א קלאָרן, אָפענעם דין וחשבון איבער אונדזער לאַגע, נישט אָפּהענגיק דערביי אויף קיין רגע פון אונדזער וועג — פון אונדזער קאַמפּאַניע פאַר דער אָנערקענונג פון אונדזער אומשולד.

יאָ, מיין פריינט, אונדזער לעבן און פרייהייט זענען פאַר אונדז אויסער־געוויינלעך וויכטיק. אָבער פאַר דער פּאָליטישער אַנטוויקלונג פון לאַנד האָט אונדזער ענין א נאָך וויכטיקערע באַדייטונג. מיט געליבטע מיינע, מיר זענען נישט אַליין. מיר זענען סאָלדאַטן פון אן אַרמיי, וועלכע וואַקסט מיט יעדן טאָג און וועלכע שלאָגט זיך פאַר דער גערעכטיקייט און פאַרן שלום. דיין פריינט,

י ו ל י ו ס

17־טער אויגוסט 1952

גוטמאָרגן, טייערע,

אין א פּאָר וואָכן אַרום וועלן שוין איינציקע פון אונדזערע פריינט צוריק זיין פון די פעריעס און אונדזער שטימונג וועט זיך ווידער פאַרבעסערן. כ׳האָב געהאַט א גרויסן פאַרגעניגן פונעם באַזוך פון מיין שוועסטער, פאַרגעניגן פון דער קאָנפערענץ אין טשיקאַגאָ און פון דער טעטיקייט פון קאָמיטעט וועגן וועלכער זי האָט מיר דערציילט.

יעדער באַזוך פון מיין משפּחה איז פאַר מיר א קוואַל פון מוט און איך בין זיכער, נישט איבערטרייבנדיק, ווען איך זאָג, אַז יעדער וויזיט ברענגט נאָך מער דערמוטיקונג מיינע משפּחה־מיטגלידער, וועלכע וויזיטירן מיך. זיי פאַרזיכערן מיר שטענדיק, אַז נאָך די זעונגען מיט אונדז הייבט זיך שטענדיק זייער שטי־מונג און זיי זענען בכוח איבערצוגעבן די בעסטע ידיעות די אַלע, וועלכע אינטע־רעסירן זיך מיט אונדזער זאַך.

צופעליק איז דאָ פארבייגעגאנגען דער שעף פון די וועכטער און מיר האָבן געהאט אן אָנגענעמען שמועס. דאָס איז באמת א ליבלעכער מענטש.

עטל שרייבט אין איר בריוו, אז ב. האָט זי די פארגאנגענע וואָך איינגעלאדן קיין ניו־יאָרק און ער האָט איר געזאָגט, אַז די קינדער זענען גליקלעכער. ער האָט זיי צערטלעך ליב. ראָבי פארבאהאלט זיך שוין נישט אין די ווינקלען, זיין שעמעוודיקייט איז פארשוואונדן און מיכאָעל האָט צוגענומען אויף דער וואָג.

טייערע, לאָמיר זיין די הערשער איבער זיך; מען דארף זיך גרייטן בייצושטיין א שרעקלעכן שטורעם, וואָס באדראָט אונדז. מיר מוזן זיך באשליסן צו שטיין פעסט מיט ביידע פיס אין דער ווירקלעכקייט, נישט לאָזן זיך אריינציען אין באטראכטונגען, וואָס זענען אויסערן ענין און דער עיקר נישט לאָזן זיך אריינציען אין קיין היסטערישער פאניק. איך בין איבערצייגט, אז אלץ וועט גוט זיין, אָבער מיר דארפן גרייט זיין אויף אלעמען. דאָס מאָל וועל איך צונויפזאמלען ביז מיטוואָך אלע ניגונים, וואָס כ'האָב אין מיין הארץ — איך בין זיכער, אז זיי וועלן א סך לייכטער טרעפן צו דיין הארץ ווי אלע מיינע ווערטער, וואָס איך גיס אויס מיט אזויפיל שוועריקייטן אויפן פאפיר. מיין גאנצע ליבע דיר

י י ל י ו ב

19־טער אויגוסט 1952

יוליוס טייערער,

טרערן פון אנגסט האָבן זיך א גאָס געטאָן פון מיינע אויגן, ווי נאָר כ'האָב געלייענט דיין בריוו. כ'קען דיין פיין, ווייל זי איז אויך מיינע. כ'ווער כסדר געשליידערט אויף אן אָקעאן פון גערעכטן צאָרן, געוואָגן קעגן דער נידעריקייט און די אומווירדיקייטן, וועלכע פייניקן אונדז. טייערער, איך דריק דיך צו זיך אין מיינע ליבנדיקע אָרעמס, איך דערוואַרעם דיך מיט מיין ווארעמקייט. כ'פיל זיך אזוי קליין, אזוי נישט גענוגנדיק שטאַרק דיר צו העלפן, ווי כ'וואָלט געוואָלט אין אָט די ביטערע שעהן. און פונדעסטוועגן וויל איך אזוי שטאַרק גלייבן, אז דו האָסט מיר צו פארדאנקען א ביסל, נאָר א קליין ביסל פון יענער אויסערגעוויינלעכער אַנטשלאָסנקייט, וועלכע דו ווייזט אַרויס. דיין פרוי אויף תמיד.

ע ט ל

24=טער אויגוסט 1952

האלאָ, טייערע,

דו פעלסט מיר שרעקלעך און כ'פיל זיך איינזאם. אונדזער גורל איז שוין געווען טרויעריק און ווען ס'קומען נאָך צי די אומגייטיקע שווועריקייטן מאכט עס באמת קראנק. מיר מוזן אָבער אנאליזירן יערן אינצידענט און זיין פארהעל=טעניש צו אונדזער אלגעמיינער לאגע.

דו מוזט פארשטיין, אז דאָס, וואָס איך שרייב דאָ, איז ווי כ'וואָלט געשריבן פאר זיך אליין. ווי כ'וואָלט גערעדט צו זיך אליין. ווען כ'וועל דיך זען, וועל איך דיר דערציילן וועגן אן אומאנגענעמער דערפארונג.

אויף זיינע לעצטע פאָטאָגראפיעס שיקלט מיכאָעל גאָר שטאַרק. אזוי ווי די האָסט שוין פארנאָטירט צו לאָזן אונטערזוכן ראָבים געהער, פארשרייב אויך צו לאָזן אונטערזוכן מיכאָעלס אויגן.

כ'האָב דערקלערט באריכות אונדזערע פלענער בנוגע די קינדער פאר מיין שוועסטער. מיר האָבן געהאט אן איינגעגעבענעם שמועס און כ'האָב זיך באמיט זי צו מאכן פריילעך. יאָ, מיין פרוי, מיר זענען, אדאנק אונדזער פארשטענדעניש, בארופן צו שפילן די ראָל פון טרייסטער פאר אונדזער ליבער פאמיליע און פאר אונדזערע פריינד. און פון דער דאָזיקער ראָל שעפן מיר א בארעכטיקטע סאטיספאקציע. מיין גאנץ הארץ געהערט דיר, מיין ליבע.

יוליוס

## קאַפּיטל IX

# „זיי איילן זיך אונדז צו טייטן"

[סוף זומער 1952 זענען די בריוו פון עטלעך געוואָרן אַלע מאָל זעלטענער. עס פלעגן דורכגיין טיילמאָל לאַנגע וואָכן אָן אַ שום שריפטלעכע ידיעה פון איר. יוליוס האָט שפּעטער אין אַ בריוו צו זיין אַדוואָקאַט געשריבן: „ס'איז לעבערלעך צו זאָגן צו אַ מוטער זי זאָל זיך נישט איבערנעמען מיטן גורל פון אירע קינדער". אין די שרעקלעכסטע מינוטן, וואָס זי האָט איבערגעלעבט האָט אָבער עטל ווייטער געשריבן בריוו פול מיט צערטלעכקייטן צו מיכאָעלן און צו ראָבי. דאַקעגן אין די זעלבע בריוו, וואָס זי האָט צו יענער צייט געשריבן צו איר מאַן און צום אַדוואָקאַט בלאָך פלעגט זי אויסדריקן איר צאָרן און אויפברויז קעגן דער שרעקלעכער אומגערעכטיקייט.]

1=טער סעפּטעמבער 1952

פאַרגעטערטע פרוי מיינע.

די ערשטע ווערטער, וואָס מיין מוטער האָט אַרויסגעבראַכט פון מויל זענען געווען: „דיין עטל איז באמת וואונדערבאַר, זי שיקט דיר אירע בעסטע גריסן" דער באַזוך איז זייער גוט דורכגעגאַנגען. זי איז געווען ביי די קינדער און זי האָט זיך איבערצייגט, אַז זיי זענען אין גוטע הענט. זי איז רואיק וועגן זיי. עס בלייבט איצט נאָך איין זאָרג: צי וועלן זיי זיך שנעל צוגעוווינען צו דער נייער שול? מיר וועלן דאָס זעען בעת זייער קומענדיקן באַזוך.

יאָ, מיין טייערע, דער זומער ענדיקט זיך און איצט וועט אומפאַרמיידלעך קומען אַ באַשלוס. עס הייבט זיך אָן דער אַנטשיידענער פּעריאָד פון אונדזער פּראָצעס.

אָ, גליקלעכער טאָג! ער דערנענטערט זיך דער מיטוואָך. מיין גאַנץ האַרץ דיר!

יוליוס

7-טער סעפּטעמבער 1952

עטל, זוניקער שטראַל מיינער,

ווי נאָר כ'הויב אָן צו שרייבן צו דיר דערפיל איך גלייך א גרויסע דערלייכטערונג. איך מוז זיך מודה זיין, אַז כ'האָב היינט איבערגעלעבט איינעם פון די פאַרומערטע טעג, ווען עס פייניקט מיך די זאָרג פאר די קינדער און די בענקשאפט נאָך דיר. דערצו נאָך מאטערט מיך היינט א פאַרקילונג, וואָס צענעמט מיר אלע גלידער, גענוג אָבער יאוש. דער מיטוואָך דערנעענטערט זיך שוין.

עס זעט אויס, אַז א סך מענטשן הייבן אָן צו פאַרשטיין דעם פּאָליטישן כאראקטער פון אונדזער פּראָצעס. זיי הייבן אָן צו פאַרשטיין צו וואָס דאָס אַלץ צילט, און ווען זיי שטעלן זיך איין פאר אונדז מוזן זיי דאָס מיטן געדאַנק, אַז זיי טוען א וויכטיקע ארבעט פאר דער פאַרטיידיקונג פון די דעמאָקראַטישע פרייהייטן און פארן קאמף פאר שלום.

דאָס איז א שווערע שלאַכט, אָבער מיר מוזן זיין אויף דער הויך פון דער אויפגאַבע. די אויפגאַבע פון דער איצטיקער שעה און די גערעכטיקייט פון אונדזער זאך צווינגען אונדז צו קעמפן ביזן ענדגילטיקן נצחון.

לאַנגזאַם אָבער זיכער דערנענטערן מיר זיך צו דער האַנט פון העכסטן נסיון, פון באַשלוס פון העכסטן געריכט. איך בין אָפּטימיסטיש, אָבער קיינער קאָן נישט פאָרויסזען די אייגנטימלעכקייטן פון געריכט.

איך נויטיק מיך אין דיר מער ווי אין אַלעמען. אינגאַנצן דיינער,

יוליוס

11-טער סעפּטעמבער 1952

מיין זיסע עטל,

גראָד ווען מיר האָבן געזאָגט, אַז מיר האָבן נישט באַקומען קיין דירעקטע ידיעות פון אונדזערע קליינע יינגלעך, האָט מען געבראַכט א פּרעכטיקן בריוו, פול מיט נייעס. דו פאַרשטייסט מסתמא, אַז איך חלש וואָס גיכער צו זען זייערע בילדער. כ'האָב זיי תיכף געענטפערט און כ'שלאָג דיר פאָר, דו זאָלסט עס אויך טאָן. אפשר קאָנען מיר זיי פרעגן, צי ס'איז פאַראַן א וואַקאַציע-לאַגער? פאַר ראָבי וועט עס באַשטימט זיין בעסער. דער טאָן פון זייער בריוו ווייזט, אַז זיי פילן זיך זיכערער, אַז זיי געניסן פון פלעגע און אויפמערקזאַמקייט, וואָס וועט זיי העלפן איבערטראָגן דעם ווייטיק, וועלכן עס רופט אַרויס ביי זיי אונדזער פּראָצעס.

כ'וועל פאַנאַנדערשיקן די לשנה-טובה-קאַרטלעך סוף וואָך. יעדעס מאָל ווען עס קומט א יידישער יום-טוב איז מיין גייסט געוואָרן צו מיין פאַמיליע און צו-

אַלץ, וואָס אָט דער יום־טוב באַדייט פאַר זיי. זיי לײַדן נאָך מער אין אָט די טעג. קודם כל מײַן מוטער. איינגיכן וועלן מיר אַלע דערוואַרטן מיט געשפּאַנטע נערוון די אַנטשיידונג פון העכסטן געריכט. מײַן גאַנצע ליבע פאַר דיר,

יוליום

15־טער סעפּטעמבער 1952

מײַן טײַערער יוליום,

אַלץ מער און מער פאַרשליס איך זיך אין מיר. גאָר דעמאָלט ווען דו ביסט מיט מיר, גיי איך אַרויס פון מײַן פאַרשלאָסנקייט. פון טאָג צו טאָג ווערט אומרוער צעשיידונג אַלץ אומדערטרעגלעכער. פון טאָג צו טאָג מוזן מײַן גייסט און מײַן האַרץ אויסשטיין אַלץ שרעקלעכערע אָנגריפן.

כ'ווייס, אַז קיין שום דרוק, ווי שטאַרק ער זאָל נישט זײַן, וועט אונדז קיינמאָל נישט צווינגען צו פאַרלייקענען קיין שום פּרינציפּ, אָבער דאָס דאָזיקע וויסן פאַרמינערט נישט אָט דאָס האַרץ־רייסעניש, וואָס מאַכט אונדז קראַנק.

טײַערער, מײַן פלאַמענדיקע ליבע צו דיר איז שטאַרקער ווי מײַן ווייטיק. האַלט מיך אין דײַנע אָרעמס, מײַן האַרץ איז אַזוי איבערפולט פון באַנגער צו דיר.

שטענדיק דײַן פרוי,

עטל

23־טער סעפּטעמבער 1952

גוט מאָרגן, טײַערינקע מײַנע,

ס'איז אָן ספק אַ בין גאָר לאַנגווײַליקע באַשעפטיקונג דאָס לייענען אויפמערקזאַם דעם מיט קליינעם שריפט געשריבענעם באַריכט פון פּראָצעס. איך לייג דיר פאָר צו קאָנצענטרירן דײַן אויפמערקזאַמקייט אויפן עדות־זאָגן פון דייוו אַ ן ־רוט. דאָס איז דאָס וויכטיקסטע.

כ'האָב באַקומען אַ גרויסע צאָל גראַטולאַציע־קאַרטלעך צום נײַעם יאָר פון אומבאַקאַנטע פרײַנד. עס דערמוטיקט אַזוי שטאַרק צו זען ווי פרעמדע מענטשן גידענקען אין אונדז, ווען מיר זיצן דאָ פאַרשפּאַרט.

וואָס פאַרא באַדײַטונג קאָנען האָבן די גירעכטעכקייטן פון די, וועלכע ווילן אונדז לעגאַלערהייט דערמאָרדן. דו וועסט זיך אויפהייבן העכער פון דעם, ווייל דו ביסט די גוטסקייט גופא. לאָמיר זיך ווינטשן, אַז דאָס נײַע יאָר זאָל אונדז צוריקברענגען אין אונדזער היים, צו אונדזערע קינדער. דײַנער אויף אייביק,

יוליום

25-טער סעפּטעמבער 1952

טייערסטע עטל,

איך ווייס נישט צי דו וועסט קאָנען געפֿינען א פּאָר מינוטן פֿון גליק אין דעם טאָג פֿון דיין געבורטס-טאָג, וועלכן דו פֿאַרברענגסט שוין צום דריטן מאָל אין תּפֿיסה און וואָס איז אַן אמתע פֿאַרגוואַלטיקונג פֿון יעטוועדער גערעכטיקייט און פֿון יעטוועדן געזעץ.

און פּאָרט וועלן מיר פֿייערן דעם טאָג פֿון דיין געבורט. מיר וועלן פֿייערן דעם טאָג אויף גאָר א ספּעציפֿישן אופֿן: אין דעם טאָג וועלן מיר זיך ווידעראמאָל צוזאָגן צו קעמפֿן ביזן סוף פֿון אונדזערע כּוחות פֿאַרן העכסטן גוטס פֿון אונדזערע קינדער, פֿאַר אונדזער משפּחה און פֿאַר אַלע משפּחות.

איך ווינטש דיר אַ פֿריילעכן געבורטס-טאָג, מיין טייערע פֿרוי, און איך בין פֿול מיט האָפֿענונג, אַז דיין קומענדיקן געבורטס-טאָג וועלן מיר פֿאַרברענגען צוזאַמען, מיט דיר, מיט די קינדער ביי אונדז אין דער היים. זיי מוטיק, מיר האָבן שוין דורכגעמאַכט א גרויסן טייל פֿון וועג.

כ'האָב ענדלעך באַוויזן איבערצולייענען דעם גאַנצן פּראָטאָקאָל פֿון פּראָצעס. לויט מיין באַשיידענער מיינונג האָט אונדזער אַדוואָקאַט אונדז גוט פֿאַרטיידיקט און גאָר צוליב דער שטעלונג פֿון ריכטער און פֿון פּראָקוראָר איז דער פּראָצעס געווען אַן אומגעזעצלעכער און אַן איינזייטיקער. דאָס ערגסטע איז אין דעם פּרט געווען דער באַשלוס פֿון אַפּעלאַציע-געריכט, וואָס איז אין ווידערשפּרוך מיט די ביזאיצטיקע לעגאַלע איינשטעלונגען און מיט די קאָנסטיטוציאָנעלע גאַראַנטיעס פֿון די רעכטן פֿון בירגער און וואָס באַגנוגנט זיך גאָר פּשוט נישט צו ענטפֿערן אויף די פֿראַגן, וואָס מיר האָבן געשטעלט.

איך ווינטש דיר, אַז דו זאָלסט נאָך האָבן א סך געבורטס-טאָגן און אין גליקלעכערע אומשטענדן.

מיין גאַנץ האַרץ.
י ו ל י ו ס

29-טער סעפּטעמבער 1952

טייערער,

נאָך דיין אַוועקגיין מיטוואָך איז דאָס צוריקקערן זיך צו דער ווירקלעכקייט געווען א ברוטאַלער קלאַפּ. דאָס, וואָס דו האָסט מיר געזאָגט וועגן דיינע פּראָב-לעמען, האָט מיך, נאַטירלעך, דערשלאָגן. די אוממענטשלעכקייט פֿון מענטש לגבי מענטש האָט מיר תּמיד פֿאַרשאַפֿט גרויסע פּיין. צום גליק איז די ווונד

דאָסמאָל נאָר א צייטווייליקע. און כ'האָב זיך ווידער אָנגענומען מיט מוט און מיט נייע כוחות. בפרט נאָך, אז כ'האָב אזוי פייערן מאַן, וועלכער האָט מיר אזוי צערטלעך גראַטולירט צו מיין געבוירן־טאָג.

טייערער מיינער, ליבער, ווי איך האָב דיך ליב! און ווי יואָלט איך געוואָלט באַזיצן אָט די שיינע מידות, וועלכע דו שרייבסט מיר צו און זיך אַרויסווייזן ווירדיק פאַר דעם, וואָס דו גופא באַזיצסט.

נאָך אמאָל, מיין טייערער, מיין גאַנצן דאַנק פאַר דיין שיין קאַרטל. מיין גאַנץ האַרץ געהערט דיר. דיין ליבנדיקע פרוי,

עטל

2־טער אָקטאָבער 1952

א גוט מאָרגן דיר, מיין טייערסטע,

ס'האָט מיך באמת זייער דערמוטיקט, ווען כ'האָב דיך געזען אזוי מונטער און אזוי ליב. כ'בין פולשטענדיק איבערצייגט, ווען כ'זאָג, אז ווי נאָר כ'זע דיך, פיל איך זיך תיכף געשטאַרקט און זיכער אין אונדזער זיג.

לאָמיר זיך נישט שרעקן פאַר דער דערנענטערונג פון דער אנטשיידונג פון העכסטן געריכט. לאָמיר בעסער ווייטער אַלץ טאָן, כדי זיך אַרויסצובאַקומען פון אָט דער לאַגע. מיר טאָרן נישט לאָזן זיך דערדריקן דורכן יאוש. מיר האָבן זיך ביז איצט גוט פאַרטיידיקט און מיר וועלן נישט אויפהערן דאָס ווייטער צו טאָן.

כ'בין איצט איינגעשפּאַנט אין לייענען די סטענאָגראַמע פון פּראָצעס, כ'מאַך אַ סך נאָטיצן איבער די פראַגן, וועלכע מיר דאַרפן דיסקוטירן מיט אונדזער אַדוואָקאַט. יעדן טאָג אַרבעט איך דורך א העפט. כ'האָב געהאַט אָנגעהויבן דעם 6־טן העפט, ווען ס'האָט מיר געשטערט ביי דער אַרבעט דער יועלט־טשעמפּיאָן, וואָס זאָגט אונדז צו אינטערעסאַנטע פאַרמעסטן. כ'בין זיכער, אז מיר ביידע שטעלן אויף „דאזשערס".*

נאַטירלעך האָב איך געמיינט, אז כ'וועל געפינען עטלעכע גינסטיקע קאָמענטאַרן לטובת אונדז, וויניקסטנס אין דער ליבעראַלער פּרעסע. אָבער מיר מוזן זען די זאַכן רעאַל. דער פּאָליטישער האָריזאָנט איז נאָך אַלץ פאַרכמאַרעט און די מורא פּאַראַליזירט א סך אמאָליקע ליבעראַלן און פּראָגרעסיסטן און צווינגט זיי צו שווייגן. כ'בין נאָך אַן אָפּטימיסט, אָבער גרייט צו יעדער עווענטואַליטעט.

כ'פיל זיך אין איצטיקן מאָמענט זייער איינזאַם און דו פעלסט מיר געוואַלדיק. אָ, וואָלט איך בלויז געקאָנט דיך נעמען אין מיינע אָרעמס. אינגאַנצן דיינער,

יוליוס

---

* עקיפּע פון בעיס־באָל (איבערז.).

3־טער אָקטאָבער 1952

מיין טייערער מאַן,

ס'איז פאַר מיר געווען א גרויס פאַרגעניגן צו שרייבן צו די קינדער לכבוד מיין אייגענעם געבוירן־טאָג. נאָך מער: כ'האָב אַ פריילעכן סורפריז פאַר דיר — א נײַע קלייד, וואָס האָט אויף אן אומדערוואַרטן אופן געשטאַרקט מיין מאָראַל. כ'וועל מער נישט האָבן קיין רו, ביז דו וועסט עס האָבן געזען. קאָנסט זײַן זיכער, עס קלייַדט מיר באמת זייער גוט.

און צום סוף — דאָס וויכטיקסטע. דיין באַזוך, הגם ווי תמיד נישט קיין פולשטענדיקער, האָט מיר צוריקגעגעבן מוט אויף גאָר אן אויסערגעוויינלעכן אופן. מיין טייערער, וואָס איז אַזוי אינטעליגענט, און אַזוי פלייסיק, און אַזוי פול חן, גאָר פשוט — איך פאַרגעטער דיך, דיינע אויף תמיד,

עטל

5־טער אָקטאָבער 1952

גוט מאָרגן, טייערע.

א דאַנק פאַר דיין ליבן בריוו. געוויס וועל איך וואַרטן מיט אומגעדולד אויף דעם מאָמענט, ווען מיר וועלן זיין פאַראייניקט.

לויט דעם, וואָס כ'האָב געלייענט אין די צייטונגען וועט דאָס העכסטע געריכט באַטראַכטן אונדזער ווענדונג נישט פריער ווי דעם 13־טן אָקטאָבער. כ'האָב ברעה צו מאַכן אַ רעזומע פון די נאָטיצן (מער ווי 26 זייטן), וואָס כ'האָב פאַרצייכנט בעת די פאַרהאַנדלונגען פון פראָצעס, כ'וועל אויסקלייבן עטלעכע איינצלהייטן, כדי מיר זאָלן זיי מיטוואָך צוזאַמען באַטראַכטן. כ'האָב גענוי דורכגעשטודירט די פאַרהאַנדלונגען פון פראָצעס און איך דאַרף האָבן ווייניקסטנס זעקס שעה, כדי דורכצודיסקוטירן אַלע שטאַנדפּונקטן מיט דיר און מאַני.

זייט דעם ווי איך האָב דיך דאָס לעצטע מאָל געזען האָב איך שרעקלעך געליטן פון אונדזער צעשיידונג. איך גייטיק מיך דו זאָלסט מיך שטאַרקן מיט דיינע ווערטער. מיט דיין טיפער קלוגשאַפט, מיט דער וואַרעמקייט פון דיין ליבע. איך דאַרף דיך אזוי שטאַרק האָבן. אין מיין נשמה, אין מיין האַרץ איז אָבער פאַראַן דער באַוווּסטזיין, אַז אין א געוויסן טאָג וועלן מיר ווידער זיין איינס.

אינגאַנצן דיינער,

יוליוס

9-טער אָקטאָבער 1952

מיין ליבע עטל,

כ'בין אַבסאָלוט זיכער, אַז דער לעצטער בריוו פון אונדזערע זין האָט דיר דערוואַרעמט דאָס האַרץ. מען זעט, אַז זיי וואַקסן, אַרומגערינגלט מיט פריינדלעכקייט מצד פּראַקטישע מענטשן. דער פאַקט, אַז ס'איז געלונגען אַריינצוגעבן ראָבי אין קינדער-גאָרטן, באַווייזט די גיכקייט, מיט וועלכער זיי פירן אויס אונדזערע פאָרשלאָגן. אפשר וואָלסטו זיי געקאָנט שרייבן וועגן פּיאַנאָ-לעקציעס פאַר מיכאָעלן?

כ'רעדן, אַז מאָנטיק, נאָך איידער איך וועל זיי ענטפערן אויפן בריוו, וועלן מיר האָבן די אַנטשיידונג פון געריכט. אויב דו אָבער ביסט בכוח זיי צו שרייבן פריער נאָך, בעט איך דיך זאָלסט עס טאָן. אויב ניט, וועט דערווייל אָט דער בריוו מוזן גענוגענען. מאָנטיק אַ פערטל אויף צוועלף, וועט זיכער דער ראַדיאָ אין זייַנע ידיעות דערמאָנען וועגן באַשלוס פון העכסטן געריכט.

געדענק, מיין ליבסטע, אַז ווי די אַנטשיידונג זאָל ניט זיין, ענדערט זי גאָרניט ניט זיין אונדזער אומשולד, ניט אין אונדזער ווילן צו קעמפן מיט אַלע אונדזערע כוחות, מיט די זעלבע פּרינציפּן, פאַר אַ פולשטענדיקן זיג.

איין זאַך איז זיכער: דער פּאָליטישער קלימאַט פון לאַנד איז אַ קלימאַט פון מורא, אין וועלכן עס הייבט זיך אויף אַן אמתע היסטעריע קעגן די, וואָס ווילן זיך ניט אונטערוואַרפן. די וואַקסנדיקע טעטיקייט אָבער פון קאָמיטעט* שאַפט אַ קעגנגעוויכט. געמיינדיק אין באַטראַכט אונדזער פאַרהאַלטן זיך, איז אונדזער געוויסן ריין, אונדזער ערע גאַנץ. ליבסטע, מיר קאָנען זיין שטאָלץ מיט זיך.

כ'בין זיכער, אַז די צוקונפט וועט באַרעכטיקן אונדזער גלויבן אין די דעמאָקראַטישע פּרינציפּן פון אונדזער לאַנד און אין זיין באמת הערלעכן פאָלק. אין איצטיקן שווערן מאָמענט וואָלט איך געוואָלט קאָנען דיך אַרומרינגלען מיט מיין ליבע. אָבער, ווייס, אַז דו פאַרנעמסט דעם ערשטן פּלאַץ אין מיין האַרץ און אין מיין גייסט. אינגאַנצן דיינער,

יוליוס

---

* געמיינט דעם קאָמיטעט צו פאַרטיידיקן די ראָזענבערגס. (איבערז.)

חנעוודיק ווייבעלע *

דו ביסט געווען די שיינקייט פון אונדזער קאָנפערענץ און דיין ניי קלייד פּאַסט דיר אַזוי גוט און האָט אויף מיר געמאַכט אַ ווירקונג ווי אַ גוטער צייכן. דיין מאָראַל זעט אויס צו זיין אין האַרמאָניע מיט דיין טואַלעט און כ׳בין פיל מיט פרייד איבער אונדזער שמועס און זייער צופרידן איבער די ביז איצט דערגרייכטע רעזולטאַטן.

אַזוי ווי מיר קענען גענוי די מעגלעכקייטן פון די געזעצלעכע מאָסמיטלען, וועלכע זענען פאַר אונדז פאַראַן, קאָנען מיר אויפשטעלן אן אַנטשפּרעכנדיקן פּלאַן. אונדזער באַטייליקונג אין דער באַראַטונג ** איז געווען זייער אַ פרוכטבאַרע. וואָס שייך דיך, פאַרגעסער איך דיך, ליב איך דיך מיט מיין גאַנץ וועזן. אַדאַנק דיר און אַדאַנק דער זאָרג מיט דיר פיל איך זיך אין בעסטן צושטאַנד און דערוואַרט מיט באַגייטן צוטרוי די אַנטשיידונג פון העכסטן געריכט.

כ׳האָב פאַרבראַכט דעם גרעסטן טייל פון טאָג אויף צו מאַכן אַ רעזומע פון מיינע נאָטיצן איבער דער סטענאָגראַמע פון פּראָצעס. טייערסטע, כ׳מיין, אַז מיר טרעטן אַריין אין אַ נייער פאַזע פינעם קאַמף. איז וואָס פאַרא באַדייט קאָנען האָבן די שוועריקייטן, ווען מיר דערנענטערן זיך צום ענדגילטיקן זיג. מיין גאַנצע ליבע פאַר דיר.

י ו ל י ו ס

13⸗טער אָקטאָבער 1952

גוט מאָרגן, טייערע מיינע,

נאָר אַ וואָרט פון דערמוטיקונג פאַר אונדזער זאָרג. ביי מיר האָט זיך גאָרנישט געענדערט. מיין מוט, מיין האַלטונג, מיין פּאָזיציע בלייבן די זעלבע. ס׳דוכט זיך מיר, אַז דער העכסטער טריבונאַל האָט אַרויסגעוויזן אין אונדזער פאַל אַ גראָבע פאַראַכטונג פאַר דער יוסטיץ.

הגם כ׳האָב שוין געוווּסט וועגן דעם דורך די ראַדיאָ⸗אינפאָרמאַציעס פון דריי פערטל איינס, האָב איך גאָרנישט געזאָגט מיין מאַמען. כ׳האָב געוואָלט, אַז זי זאָל זיין אין דער היים, צווישן דער פאַמיליע, ווען זי וועט זיך דערוויסן די שלעכטע בשורה. מיר דאַרפן איר פאַרשפּאָרן, אויף וויפל עס איז נאָר מעגלעך, יעדע פּיין, ווייל זי איז זייער עמפּינדלעך און פולשטענדיק צעבראָכן. כ׳האָב זיך באַמיט צו שטילן איר אומרו, ווי אַזוי כ׳האָב נאָר געקאָנט. אָבער דאָס איז אַ צו

---

* יודיש אין טעקסט.

** פון די פאַרטיידיקער. (איבערז.)

שווערע אויפגאַבע ביי אַזעלכע באַדינגונגען, און וועלכע די באַזוכן קומען פאַר.

דער באַשלוס פון געריכט איבער אונדזער פאַל באַווייזט דעם אמת כאַראַקטער פון אונדזער רעגירונג אַ סך בולטער נאָך ווי די גאַנצע פּראָפּאַגאַנדע, וואָס קומט פון וואַשינגטאָן. זיי איילן זיך אונדז צו שיקן צום טויט, איידער דער טריבונאַל פון דער עפנטלעכער מיינונג וועט געבן זיין ענטפער דורך פּראָטעסטן קעגן אָט דער פּאָליטישער מאַכינאַציע. כ'גלייב, אַז אָט די לעצטע האַנדלונג פון העכסטן געריכט אין אונדזער לאַנד וועט באַווירקן אַ סך מענטשן אַקטיוו זיך צו באַטייליקן אין אונדזער פאַרטיידיקונג. דער קאַמף איז נישט פאַרענדיקט, ווייל דאָס פאָלק האָט נאָך צו זאָגן זיין וואָרט.

געוויס פאַרשטיי איך, אַז אונדזער וועג ווערט וואָס אַמאָל שווערער; שווערער מיט יעדעס מאָל, ווען אַ נייער וועג פון אַ געזעצלעכער אַקציע ווערט פאַר אונדז פאַרשפּאַרט. מיר זענען אָבער רעאַליסטן און מיר ווייסן, אַז אַנדערע פאַקטאָרן שפּילן אַ גאָר וויכטיקע ראָל אין אַזאַ פאַל ווי אונדזערער.

איך זע, אַז כ'האָב געדאַרפט שרייבן צו אונדזערע קינדער, אָבער כ'ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר כ'קאָן זיך איצט נישט איינשפּאַנען אין אַזאַ אַרבעט, וועלכע איז געוויינלעך אַזוי אָנגענעם פאַר מיר. אפשר נאָך דעם, ווי כ'וועל רעדן מיט דיר, וועל איך זיין פעיק זיי צו שרייבן.

מיין ליבסטע, מיר מוזן באַהאַנדלען אַ מאַסע פראַגן אין די קומענדיקע וויזיטן, ווייל די געשעענישן וועלן איצט פאָלגן גאָר גיך איינע נאָך די אַנדערע. כ'וואָלט געוועלט גוט דורכצוקוקן נאָך אַמאָל אונדזערע פּלענער בעתן קומענדיקן באַזוך ביי אונדזערע „ליבע"-קראַמעם.

כ'מוז דיר נאָך אַמאָל איבערחזרן, מיין זיס, ווונדערבאַר, ליב ווייבעלע, אַז כ'קוק אין דער צוקונפט מיט מוט און צוטרוי, אַראַנק דעם, וואָס דו און די קינדער שטעלן מיט זיך פאָר פאַר מיר.

אונדזער גלויבן אין די פּרינציפּן פון דער דעמאָקראַטיע און אין דער ווירדע פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט איבערצייגן מיך, אַז מיר וועלן סוף כל סוף זיגן. איינגאַנצן דיינער,

יוליוס

## קאַפּיטל X

# „מיר וואַרטן אויפן אורטייל פון פאָלק"...

[סוף 1952 האָבן זיך אָנגעהויבן די טראַגישסטע צייטן פאַר די ראָזענבערגס. נאָכן אָפּוואַרפן דורכן העכסטן געריכט די ווענדונג צו רעווידירן דעם פּראָצעס, האָט די אַמעריקאַנער רעגירונג אָנגעהויבן אַ שרעקלעכן שאַנטאַזש מיט זייערע לעבנס. אומאויפהערלעך און אויף פאַרשידענע אופנים האָט מען זיי געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זיי קאָנען אויסקויפן זייער לעבן. עטל און יוליוס האָבן ווייטער מיט פאַראַכטונג אָפּגעוואָרפן אַלע פאָרשלאָגן. זיי האָבן ווייטער רואיק געוואַרט אין זייערע טויט-קאַמערן, האָבן פאָרגעזעצט זיך צו פאַרנעמען מיט דער דערציונג פון זייערע קינדער, געשריבן צו זייער אַדוואָקאַט בריוו, וואָס זענען געווען געוואָנדן צו דער גאַנצער וועלט, און זיי האָבן ווייטער געגלייבט, אַז דער אמתער ריכטער וועט זיין דאָס אַמעריקאַנער פאָלק...]

18-טער אָקטאָבער 1952

ליבער מאַני,

צום גליק האָט איר אונדז אַזוי גוט געהאַט צוגעגרייט ביי אייער לעצטן באַזוך, אַז מיר האָבן אויפגענומען דעם לעצטן קלאַפּ מיט ווירדיקייט און קאַלטבלוטיקייט. איך מיין, אַז מיר האָבן אַזוי צו אורטיילן איבער אונדזער האַלטונג. ווייל אויב ס'איז פיינלעך צו האָבן דעם באַוווסטזיין וועגן דער נאָענטקייט פון אייגענעם טויט, איז עס נאָך מאַטערדיקער צו זען, ווי די אַטמאָספער ווערט אָנגעגליט און די נערוון ציען זיך צונויף ענגער אין מיטן העלן טאָג, בעת די מענטשן לויפן מיטן קאָפּ פאָרויס צו זייער אייגענער פאַרניכטונג און די ליבעראַלן טאַפּטשען זיך נעבעכדיק אַרום.

מאַנטיק, דעם 13=טן אָקטאָבער, האָט דער העכסטער טריבונאַל, מיטן אויסנאַם פון ריכטער בלעק, באַנוצט זיין אויטאָריטעט, מיט וועלכן ער איז אַזוי שטאָלץ, כדי אויסצומעקן דאָס וואָרט גערעכטיקייט פון זיינע סטאַטוטן. דורך זיין אָפּזאָג צו רעווידירן אַ פּראָצעס, וואָס שטעלט אין קאָן דאָס לעבן פון אַ יונג פּאָרפאָלק אָן שום שולד און די לעבנסוויכטיקע פראַגן פון אָפּהיטן די דעמאָקראַטיע פאַרן גאַנצן פאָלק, האָט ער זיך קלאָר אַנטשידן פאַרן אַרויסוואַרפן אויפן מיסט די געזעצלעכע פּראָצעדורן און די מענטשלעכע לעבנס, וועלכע הענגען פון זיי אָפּ.

נאָך מער: ער האָט געוויזן אַ פּראָצעס=קאָמעדיע און אַ פּאַראָדיע פון אַ גערעכטס=אורטייל, אַנטפּלעקנדיק אַזוי אַרום דאָס פולשטענדיקע פעלן פון דער אומאָפּהענגיקייט פון געדאַנק און פון האַנדלונג, וועלכע מיר האַלטן געוויינלעך פאַר קוואַליטעטן פון אַזאַ חשובער אינסטיטוציע ווי דער העכסטער טריבונאַל פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

עטל

28=טער נאָוועמבער 1952

ליבער מאַני,

כ'דערוויס זיך פון די צייטונגען, אַז דער יום=טוב איז אין פולן ברען, און אַזוי ווי די „יוסטיץ“ דערלויבט מיר נישט „צו מאַכן מיינע איינקויפן, וואָס פריער“, אָדער שפּעטער, אָדער בכלל, מוז עס שוין עמעצער אַן אַנדערער פאַר מיר מאַכן. כ'האָב זיך געוואָרפן אויף יעדן נומער „גאַרדיען“ אין דער האָפענונג צו געפינען דאָרט אָנווייזונגען פאַר דער ברענענדיקער און שווערער פראַגע פון ביכער פאַר די קינדער. נאַטירלעך וויל איך, זיי זאָלן האָבן: „זייט, מיין פריינט“, „טאַני און די פאַרכישופטע טיר“ און „די מענטשלעכע ראַסן“. אָבער דאָס איז נאָר אַ קליינער טייל. כ'וויל קיין זאַך נישט פאַרנאַכלעסיקן, וואָס קאָן ביישטראָגן צו דער אַנטוויקלונג פון אונדזערע קינדער. דאָס זעלבע איז נוגע די גראַמאָפאָן=פּליטעס. איר פרעגט זיך מסתמא פאַרוואָס כ'האָב נאָך גאָרנישט באַשלאָסן בנוגע שפּילצייג, קליידער. כ'קאָן אייך פאַרזיכערן, אַז איך שווים אין די רעקלאַמעס, אונטערשטרייכנדיק רעכטס, אויסשניידנדיק לינקס; איך באַשליס עפּעס און דערנאָך בייט איך מיין מיינונג.

איר זעט, כ'בין אַנטשלאָסן פאַרצוזעצן צו לעבן און צו מאַכן פּראָיעקטן, ווי מיך וואָלט נישט דערוואַרט קיין אַנדערע זאַך ווי די טומלדיקע אויפנאַמע פון אַ זון און דער ליבפולער קוש פון אַ מאַן.

עטל

22־טער דעצעמבער 1952

ליבער מאני,

כ׳האָב היינט געטראַכט וועגן 1933, ווען מיר האָבן געלעבט אין מיטן פון גרויסן קריזיס. כ׳בין דעמולט געווען צווישן די עלטערע שילער פון דער האַי־סקול (העכערע שול) פון סיוואַרד־פּאַרק. די פינאַנסיעלע לאַגע פון מיין פאַמיליע איז געווען אַ שווערע און נישט געקוקט אויף מיינע 15 יאָר, האָב איך שוין פאַרשטאַנען די אומשטענדן. כדי צו פאַרדינען אַביסל געלט, האָב איך זונטיק פאַרקויפט נאַש־וואַרג. אין די טעג, ווען מיין „מסחר" איז געגאַנגען גוט, פלעג איך פאַרדינען פון 40 ביז 80 סענט.

איינמאָל האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אין די היגטערשטע קוואַרטאַלן פון איסט־סאַיד, ביים ראָג דעלאַנסי־סטריט, כדי צו הערן אַן אָראַטאָר אויף אַ פאַר־זאַמלונג אונטערן פרייען הימל. ער האָט גערעדט וועגן דער קאַמפּאַניע פאַר באַפרייען טאָם־מוני, דעם אַרבעטער־פירער, וועלכן מען האָט אַריינגעזעצט אין תפיסה אויפן סמך פון אַ מאַכינאַציע. יענע נאַכט האָב איך דורכגעלייענט אַ בראָשור, וועלכע כ׳האָב געקויפט ביים רעדנער, און וועלכער כ׳האָב געפינען די פאַקטן בנוגע דעם דאָזיקן פּראָצעס. אויף צומאָרגנס בין איך אַוועק געבן 50 סענט.* דערנאָך האָב איך אָנגעהויבן צו פאַרטיילן בראָשורן און צו זאַמלען אונ־טערשריפטן ביי מיינע שול־חברים און שכנים אויף אַ פּעטיציע לטובת מוני.

אָט איז אַ צווייטער ענין נאָך גאַנץ פריש אין מיין זכרון. ער איז פאָרגעקומען אין מיין ערשטן יאָר אין סיטי־קאָלעדזש אין 1934. דער סטודענטן־ראַט האָט גע־האַט די אויפגאַבע אויפצוקלייבן דעם פּראָגראַם פון פאַרשידענע אימפּרעזעס פאַר די סטודענטן פון ערשטן יאָר, אימפּרעזעס, אין וועלכע אַלע סטודענטן האָבן געמוזט אָנטיילנעמען. דער פּרעזידענט פון קאָלעדזש, פרעדעריק ראָבינסאָן, האָט איין מאָל איבערגענומען אויסצואַרבעטן אַזאַ פּראָגראַם און האָט איינגעלאַדן אַ דעלעגאַציע פון אויסלענדישע סטודענטן פון פאַשיסטישן איטאַליע, כדי צו שאַפן צווישן די אַמעריקאַנער סטודענטן אַ סימפּאַטיע לגבי דעם פאַשיסטישן רעזשים.

ווען דער פּרעזידענט האָט זיך אויפגעשטעלט צו געמינען דאָס וואָרט, איז ער אויפגענומען געוואָרן מיט אַ פייפעריי. ער האָט זיך געמוזט צוריק אַוועקזעצן, נישט קומענדיק צום וואָרט. עס איז אים פונדעסטוועגן געלונגען אויסצו דער־קלערן, אַז „מיר פירן זיך אויף ווי גאַסן־יונגלעך". כדי צו באַרואיקן דעם עולם, האָט מען דערלויבט דעם פאָרזיצער פון דער סטודענטן־פאַראייניקונג, עדי אַלעק־סאַנדער, אַרויפצוגיין אויף דער טריבונע. פאַר אַ פולשטענדיק רואיקער אַודי־טאָריע האָט ער אַזוי אָנגעהויבן זיין רעדע: „מען האָט מיר דערלויבט צו רעדן

* פאַר דער קאַמפּאַניע לטובת מוני. (איבערז.)

בתנאי, אַז כ'זאָל נישט זאָגן קיין איין פּיגעלער וואָרט קעגן פֿאַשיזם, כ'וויל אָבער פֿינדאַנגען זיך וועגן מיט אַ באַגריסונג צו אונדזערע ברידער, שקלאַפֿן און קרבנות פֿון איטאַליענישן פֿאַשיזם".

דאָס איז געווען גענוג. די פֿאַשיסטישע סטודענטן האָבן אים אַוועקגעריסן פֿון מיקראָפֿאָן און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשלעג. דריי טויזנט שטימען האָבן געהילכט אין רויִקן זאַל: „אַבאַסאָ איל פֿאַשיזמאָ" (אין איטאַליעניש: „נידער מיטן פֿאַשיזם").

אין דעם מאָמענט האָט דער פּרעזידענט אַרויסגערופֿן די סמעטענע פֿון דער שטאָט ניו־יאָרק און די סטודענטן האָבן געהאַט די פּריווילעגיע צו באַקומען אַ לעקציע איבער בירגער־רעכט מיט דער הילף פֿון פּאַלקעס. אין אַ פּאָר טעג אַרום זענען אַלע סטודענטן אַרויס מיט בענגלעך מיט אויפֿשריפֿטן: „כ'בין אַ גאַסן־ייִנגל, כ'האָב פֿיינט דעם פֿאַשיזם". די שפּעטערדיקע געשעענישן — דער „הומשע" ביי זיין ציוויליזאַציע־מלאכה אין אַביסיניע מיט דער הילף פֿון באָמבעס, שרפֿות און הריגות — האָבן געוויזן, אַז מיר זענען געווען גערעכט. אָבער דערווייל זענען 21 סטודענטן געוואָרן אויסגעשלאָסן פֿון אוניווערסיטעט.

אין דער שול האָב איך גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער קאַמפּאַניע פֿאַר באַפֿרייען די ייִנגלעך פֿון סקאָטסבאָראָ.* אַ חוץ מיין שטודיום האָב איך געווידמעט מיין פֿרייע צייט פֿאַר גוטע אַקציעס פֿון אָט דעם מין. ווי טויזנטער אַנדערע יונגעלעכע האָב איך געלייענט, שטודירט, געשפּילט אַן אַקטיווע ראָל און זיך געבילדעט.

כ'האָב אָנגענומען אַ שטעלע פֿון אַ פּאַרקויפֿער אין אַ געשעפֿט אויף לענאָקס־עוועניו, נישט ווייט פֿון דער 125־טער גאַס, אויף אַ האַלבן טאָג, כּדי צו קאָנען ווי ס'איז דורכלעבן. יעדן טאָג פֿלעג איך, גייענדיק פֿון דער שול צו מיין אַרבעטס־פּלאַץ, דורכגיין דעם נעגער־קוואַרטאַל. דאָרט האָב איך געזען, וואָס דאָס הייסט ראַסן־דיסקרימינאַציע. איבערבאַפֿעלקערטע חורבות, פֿינפֿאונצוואַנציק ביז פֿופֿציק פּראָצענט העכערע פּרייזן אויף די זעלבע אַרטיקלען אין פֿאַרגלייך מיט אַנדערע קוואַרטאַלן און העכערע דירה־געלט. די אָנגעשטעלטע פֿון די קראָמען זענען געווען אַלע ווייסע. ס'פֿלעגן פֿאָרקומען צאָרנייקע אינצידענטן, און מען האָט באַשולדיקט די פּאָליציי, אַז זי פֿלעגט זיך אַרויסווייזן אין זיי גאָר ברוטאַל.

איין מאָל, ביינאַכט, ווען כ'האָב געאַרבעט אין קראָם, האָט פּאַסירט אַן אינ־צידענט אויף לענאָקס־עוועניו. אַן אויטאָבוס, וואָס איז געפֿאָרן מיט דער פֿולער גיכ־שווינדקייט, האָט איבערגעפֿאָרן אַן עלטערן נעגער. מען האָט אים אַריבערגעטראָגן אין נאָענטסטן אַפּטייק. דאָס בלוט האָט זיך פֿון אים געגאָסן. אַ פֿוס איז אים

* נעגערישע ייִנגלעך, פֿאַראורטיילטע דורך די לינטש־ריכטער אויף עלעקטרישער שטול. (איבערז.)

נאָכגעהאָנגען, כמעט אַן אָפּגעשניטענער. די אַמבולאַטאָריע, וועלכע מען האָט אַליאַרמירט, האָט ערשט דריי פערטל שעה שפּעטער זיך אָפּגערופן, בעת אַ מענטש איז אויסגעגאַנגען פון בלוט־פאַרלוסט. כ'האָב געמוזט אַפוואַשן דאָס בלוט, אָט די לעבנס־סובסטאַנץ, און כ'וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דאָס פאַר־ברעכן, וואָס האָט דערלויבט, אַז אַזאַ זאַך זאָל פּאַסירן מיט אַ מענטשלעכן וועזן.

איך דערצייל אייך דאָס, כדי צו ווייזן, אַז ס'זענען דאָ געוויסע זאַכן, וועלכע מען לערנט נישט אין שול, נישט אין די ביכער, נאָר וועלכע מען מוז האָבן געזען.

דאָס איז אַ טייל פון מיין דערפאַרונג און אַ ביישטראָג אויסצופורעמען מיין אמתע פּערזענלעכקייט, די פּערזענלעכקייט פון אַ פּראָגרעסיוון מענטש. איז עס צוליב דעם, וואָס זיי לאָזן אונדז נישט מער ווי דריי וואָכן צו לעבן? מען האָט מיר געזאָגט אויף אַ סך פאַרשטעלטע אופנים: איר קאָנט ראַטעווען זיך און אייער פרוי. שליסט אָפּ אַ געשעפט, מאַכט דאָס, וואָס ס'פאַרלאַנגט די רעגירונג.

צי קאָן איך איצט אָפּלייקענען אַלע די אמתן, וועלכע כ'האָב געלערנט? צי קאָן איך אָפּלייקענען די פּרינציפּן, וועלכע זענען אַ טייל פון מיר גופא? דאָס וועל איך קיינמאָל נישט קאָנען. כ'קאָן נישט מאַכן פון מיין לעבן אַ ליגן, ווי די גרינגלאָס, די בענטלעים. מיין גאַנץ לעבן און מיין גאַנצע וועלט־אָנשויונג דער־לאָזן עס נישט. און ס'איז קלאָר, אַז כ'האָב קיינמאָל נישט געקאָנט באַגיין דאָס פאַרברעכן, וואָס מען הערקלערט מיך אין אים שולדיק. דער גאַנצער אמת איז, אַז מיר זענען פולשטענדיק אומשולדיק.

ס'איז ערב ווייַנאַכט. מיט 16 יאָר צוריק איז אין אָט דער וואָך פאַרגעקו־מען דאָס סאַמע וויכטיקסטע געשעעניש אין מיין לעבן: כ'האָב באַגעגנט מיין פרוי. איר קענט דאָך מיין עטל. כ'קאָן איר גאָר נישט געווג זינגען קיין שבחים. מיר וואָלטן געקאָנט זיין אַזוי גליקלעך צוזאַמען. מיר באַגערן זיך ווידער צו פאַראייניקן און לעבן מיט אונדזערע ביידע זין. מיר ווילן לעבן, מיר ווילן עס מיט אַלע אונדזערע כוחות, דעריבער קעמפן מיר מיט אַזוי פיל עקשנות.

מיר זענען איבערצייגט, אַז דאָס פאָלק וועט אַזוי האַנדלען, אַז דאָס זאָל נישט זיין אונדזער לעצטע ווייַנאַכט.

תמיד אייער

י ו ל י ו ס

25־טער דעצעמבער 1952

טייַערער מאַני,

ס'איז ווייַנאַכט אין הויז פֿון די פֿאַרמישפּטע צום טויט. ווי געוויינלעך, האָב איך אויך הייַנט געטרונקען אַ קאַווע צו פֿרישטיק. דערנאָך האָב איך זיך אָוועקגעשטעלט אין דער מיט פֿון מייַן בעטאָנענער קאַמער און כ'האָב דערפֿילט ווי פֿון אַלע זייַטן, פֿון לינקס, פֿון רעכטס, הינטער מיר, אונטער מייַנע פֿיס און איבער מייַן קאָפּ רינגלען מיך אַרום פֿעסטע, דראָענדיקע, בעטאָנענע ווענט. ווו איך זאָל נאָר נישט אויסציִען די האַנט איז בעטאָן, חוץ אויף איין אָרט, ווו ער האָט אָפּגעטראָטן פֿאַר די שווערע קראַטעס, וואָס פֿאַרבאָטן דעם קאָנטאַקט מיטן דרויסן. די לופֿט און די ליכט פֿון דער נאַטור קומען אַרייַן דורך די שפּאַרינעם צווישן די קראַטעס.

כ'בין אַביסל לענגער געשטאַנען אַזוי און געטראַכט: ס'איז געבויט פֿעסט, ווירקזאַם אָבער קאַלט. בלויז איין ליכטיקער פּונקט איז פֿאַראַן אויף דער לינקער וואַנט — די פּאָרטרעטן פֿון עטלען און די ייִנגלעך, וואָס האַלטן זיך אויפֿן וואַנט מיט שטיקלעך קלעפּ־פּאַפּיר. פֿאַראַן נאָך אַ לייַכטנדיקער פּונקט: דאָס איז דער שטויס גראַטולאַציע־קאַרטלעך צו ווייַנאַכט, וואָס ליגט אויף מייַן ביוראָ. אַפֿילו דאָס בלאַט מיט דער דעקלאַראַציע פֿון אומאָפּהענגיקייט, וואָס כ'האָב דעם 4־טן יולי 1951 אַרויסגענומען פֿון „ניו־יאָרק־טיימס“, איז פֿאַרגעלט געוואָרן דורך דער צייַט און איז נישט מער ווי אַן אָפּגעבליאַקעוועט שטיקל פּאַפּיר און מאַכט דעם אייַנדרוק, ווי ס'וואָלט געווען אַ טייל פֿון דער בעטאָנענער וואַנט, און דאָך איז אין אָט דעם קבר פֿאַראַן אַ וואַרעמקייט: דאָס איז די וואַרעמקייט, וואָס לעבט אין מיר גופֿא.

כ'האָב געטראַכט וועגן אַנדערע ווייַנאַכט־טעג, און גלייַך האָט זיך מייַן געדאַנק איבערגעטראָגן צו מייַן וווּנדערבאַרער פֿרוי און צו מייַנע טייַערע קינדער. ווו פֿאַרברענגען זיי איצט די צייַט? וואָס טוען זיי איצט? מייַן געדאַנק האָט זיך ווייטער איבערגעטראָגן צו מייַנע מיטמענטשן, צו דער וועלט. ס'איז אמת, אַז איך לייַד דערפֿון וואָס כ'בין פֿון זיי אָפּגעשיידט, אָבער אין גרונט גענומען פֿיל איך זיך נישט שטאַרק אומגליקלעך, ווייַל אין זייער צוטרוי, מיט וועלכן זיי באַשענקען אונדז געפֿין איך אַ באַווייַז, אַז דאָס, וואָס מיר האַלטן פֿאַר ריכטיק און גוט איז ריכטיק און גוט און אַז דער וועג, אויף וועלכן מיר זייַנען שטענדיק געגאַנגען, איז אַ ריכטיקער.

עס בלייַבט נישט קיין סך צייַט, אָבער איך בין פֿול מיט האָפֿענונג, אַז אונדזער באַפֿרייַאונג וועט קומען. אין די דרייַ וואָכן, וואָס בלייַבן אונדז צו לעבן, קאָן מען נאָך טאָן אַ סך און מען דאַרף טאָן.

תמיד אייַערער

יוליוס

פּ.ס. די גראַטולאַציע-קאַרטלעך און דערמוטיקונגס-בריוו הערן נישט אויף צו שטראָמען און איך גלייב, אַז די מאַכט-אָרגאַנען לאָזן צו צו אונדז בלויז אַ קליינעם טייל פֿון דער קאָרעספּאָנדענץ, וואָס קומט אָן פֿאַר אונדז. די אַלע סימפּאַטיע-אויסדריקן דערמוטיקן אונדז און מיר שיקן אונדזערע אויפֿריכטיקע ווינטשן אַלע אונדזערע פֿרײַנד.

27-טער דעצעמבער 1952

טייערער מאַני,

ס'איז קאַלט געווען הײַנט אינדערפֿרי צו שפּאַצירן אין הויף. דער ווינטער נעמט די מאַכט. אַן אײַז-קאַלטער שטורעם-ווינט האָט געווילדעוועט איבערן הויף, בײַסנדיק מיר די אויערן און אָנפֿילנדיק מײַנע נאָזלעכער מיטן שאַרפֿן ריח פֿון די פֿיש פֿון טייך האָדסאָן. אַ מעווע, געשטויסן פֿון ווינט, האָט פֿאַנאַנדערגעשפּרייט אין דער הויך אירע פֿליגלען און אַרומקרײַזנדיק גראַציעז, האָט זי פֿאַרשטעלט דאָס שטיקל הימל, וואָס מײַנע אויגן האָבן געקאָנט זען. פּלוצלינג האָט זיך אין דער הייך באַוויזן מיט גערויש די דערפֿינדונג פֿון מענטש, דער רעאַקטיווער אַעראָפּלאַן, און באַלד האָבן קנוילן פֿון ווײַסע וואָלקנס, וואָס האָבן געבילדעט אַן אומענדלעכע קייט איבערן הימל, אים פֿאַרבאַהאַלטן פֿאַר מײַן אויג.

כ'האָב ווײַטער געשפּרייזט איבערן הויף און מײַנע בליקן זענען געפֿאַלן אויף ווײַסע שטרײַפֿן קאַלך, וואָס האָבן אויסגעזען ווי זיי וואָלטן געצייכנט אויסטערלישע ליניעס אויף דער ציגל-וואַנט פֿון טורמע-הויז. כ'האָב אָנגעהויבן טראַכטן וועגן דעם צונויפֿמישטעל פֿון בוי-מאַטעריאַלן. ווי אַ בליץ האָט זיך אין מײַן מוח גיך דורכגעטראָגן אַ ריי בילדער: די מינעראַלן פֿון קוילן און אײַזן זענען אַרויסגעריסן פֿונעם אינגעווייד פֿון דער ערד און געבראַכט געוואָרן אויף לאַסט-וואַגאָנעס אין די פֿאַבריקן; פֿון די הויך-אויוונס איז אַרויס-געגאַנגען אײַזן און שטאָל, און הערנאָך האָט מען באַאַרבעטע און אויסגע-שמידטע מאַטעריאַלן געבראַכט קיין סינג-סינג. קוואַליפֿיצירטע אַרבעטער האָבן דאָ אויסגענוצט אַלע קוואַלן פֿון דער וויסנשאַפֿט, אויף וועלכער עס שטיצט זיך די מאָדערנע אינדוסטריע, כּדי אויפֿצובויען אָט-די פֿעסטע געביידע, וואָס מען רופֿט תּפֿיסה. אין דעם מאָמענט האָט דער וועכטער מיך דערמאָנט, אַז מײַנע 15 מינוט שפּאַציר זענען פֿאַרענדיקט. כ'האָב צום לעצטן מאָל אַרײַנגעצויגן אין מײַנע לונגען די פֿרישע פֿרײַע לופֿט און כ'בין צוריקגעגאַנגען אין מײַן קאַמער.

טאָג און נאַכט, ווען איך שפּרייז הין און צוריק אין מיין קאַמער, ווען איך בין אויסגעצויגן אויף מיין בעט, שטראָמען אין מיין מוח אומצאָליקע געדאַנקען.. עס פאַרבלייבט אַזוי ווייניק צייט, פאַראַן אַזוי פיל צו זאָגן, אַזוי פיל צו טאָן אין צוויי וואָכן. פון וואָס אָנהייבן? ווענען דאָס זאָגן? ווי אַזוי?

איך בעט אייך, מענטשן: הערט, קוקט, זעט, הערט אייך צו, פאַרשטייט. באַקענט אייך מיטן אמת און קוקט אייך צו צו די פאַקטן. זאָל יעדערער פאַר זיין אייגענער פאַרטיידיקונג, פאַרטיידיקן דאָס רעכט און דאָס לעבן.

כ'האָב פיל מאָל אָנגעהויבן צו שרייבן צו מיינע זין. כ'האָב אויפגעשריבן אַ פּאָר שורות און דערנאָך צעריסן דאָס פּאַפּיר. כ'האָב אָפּגעלייגט דאָס שרייבן צו זיי אויף שפּעטער און דערווייל האָב איך געוואָלט אָנשרייבן אַ בריוו צו עטלען, אָבער אויך דאָס איז מיר געווען אוממעגלעך. ס'איז דאָך גאָריש צו זאָגן צו אַ מוטער זי זאָל זיך נישט איבערנעמען מיטן גורל פון אירע קינדער.

מיר, ווייערע עלטערן, פאַרשטייען, וואָס פאַראַ שרעקלעכער נסיון דאָס איז פאַר אונדזערע קינדער און מיר ווייסן, אַז דאָס וועט לאָזן אַ חותם אויף זייער לעבן. און ווען איך קוק אויף מיין פרוי דורך דער דראָטענער פאַרצוימונג און זע אירע טרערן, וואָס פאַרגיסן איר געזיכט און איר קערפּער, וואָס קעמפט מיט אַלע כוחות, כדי איינצוהאַלטן דאָס געוויין, פרוון איך זי באַרואיקן. אין דער זעלבער צייט אָבער ווייגט אַלץ אין מיר גופא. די פּיין פון אונדזערע קינדער איז די גרעסטע אומגערעכטיקייט און דער שרעקלעכסטער גרויל פון אַט־דער גאַנצער דראַמע. פאַר זיי און פאַר זייערס גלייכן דאַרף מען דערגרייכן, אַז די גערעכטיקייט זאָל זיגן. תמיד אייער

יוליוס

פּ. ס. צי וואָלט מען געקאָנט דערגרייכן, אַז די פּ.ב.י. זאָל אונדז אָפּגעבן אונדזערע פאַמיליע־בילדער? דאָס זענען די איינציקע בילדער פון די קינדער זייט זייער געבורט. פאַראַן אויך דאָרט פיל־מינוטן־בילדער פון עטלען און מיר. איר וועט, פאַרשטייט זיך, זען, וואָס מען קאָן אויפטאָן.

1952 28־טער דעצעמבער

מיין טייערסטע פרוי.

כ'האָב געקלערט, מיין היים־געליבטע, ווי שרעקלעך כ'בין צעדודערט דורך דעם, וואָס כ'קאָן דיר נישט געבן קיין גרויסע טרייסט אין איצטיקן מאָמענט פון שווערע ליידן. ס'איז לעכערלעך צו זאָגן צו אַ מוטער, זי זאָל זיך נישט איבער־נעמען מיטן גורל פון אירע קינדער. מיר גיבן זיך אָפּ אַ דין־וחשבון וועגן די

ליידן און שרעק פון אונדזערע זין. קיין שום באַטראַכטונגען און די גאַנצע יוסטיץ פון דער וועלט וועלן נישט קאָנען פאַרריכטן אָט־דאָס פאַרברעכן. און פונדעסטוועגן, מיר ביידע, דו און איך, מוזן זיך פאַרהאַרטעווען, הגם אונדזער צעריסן האַרץ און געמאַטערטער גייסט בעטן זיך רחמים. מיר מוזן דערפילן אונדזער פליכט לגבי זיי און לגבי זייער גלייכן.

כ׳ווייס, וואָס דו פילסט, מיין ליבסטע. דו פעלסט מיר שרעקלעך. ס׳איז באמת אוממעגלעך זיך פאָרצושטעלן, אַז אָט די גראַטעסקע נעץ פון אימה איז געשפּונט געוואָרן, כדי אונדז צו פאַרוויקלען. עטל, מיין ליבע צו דיר איז אַזוי שטאַרק, אַז זי גיט מיר דעם כוח גובר צו זיין דעם שטענדיקן דרוק. ס׳איז דאָ איין זאַך, אין וועלכער איך בין זיכער: דיין ליבע צום אמת און די גערעכטיקייט וועט זיגן איבער דער שרעק, וואָס באַפאַלט אונדז.

דערלויב מיר צו שיקן דיר מיין גאַנצע ליבע און אַלץ, וואָס איך ליב און האַלט פאַר שיין און קאָסטבאַר. דו האָסט מיר געוויזן, ווי הערלעך ס׳איז זיך אויפצופירן אַזוי ווי אַ באמת גוטער מענטש.

יוליוס

28־טער דעצעמבער 1952

ליבער מאַני,

כ׳באַמי זיך צו דערקלערן פאַר מייגע זין דורך אַלץ, וואָס איך זאָג און שרייב, דעם זין פון אונדזער לאַגע. אין איין זאַך בין איך זיכער: ווען זיי וועלן זיין גרעסער, וועלן זיי וויסן, אַז מיר, זייערע עלטערן, האָבן די גאַנצע צייט געהאַט דעם אמת אויף אונדזער זייט, און זיי וועלן זיין שטאָלץ פון דעם.

מיר זענען נאָך אָפּטימיסטיש, אָבער מיר האָבן מורא, אַז די מטורפים, אין זייער איילעניש צו פאַרדעקן אָט די געמיינע מאַכינאַציע, זאָלן נישט פאַרניכטן אונדזערע לעבנס.

מיר איז געקומען אַ געדאַנק: וואָס פאַר אַן אויסגאַנג דער פּראָצעס זאָל נישט האָבן, צי וועט דען דער ריכטער קויפמאַן ווען נישט אין קאָנען דערקלערן זיין האַלטונג פאַר זיינע אייגענע קינדער, וועלכע וועלן אַמאָל לייענען די פאַקטן?

די באַווייזן, וועלכע זענען געוואָרן אָנגעוואָרן, כדי אונדז צו פאַרמשפּטן, זענען געווען פון אַזאַ מין, אַז זיי וואָלטן נישט געווען גענוג צו פאַרמשפּטן אַפילו אַ קעשענע־גנב. געזעצלעך, יורידיש, מאָראַליש, לויטן פולשטענדיקן אמת, זענען מיר אינגאַנצן אומשולדיק. ווען כ׳וואָלט גאָר געהאַט די מעגלעכקייט צו רעדן אייגציקווייז מיט אַלע מענער, מיט אַלע פרויען אויף דער וועלט, בין איך זיכער, אַז זיי וואָלטן פאַרשטאַנען די סכנה און וואָלטן באַרעכטיקט אונדזערע

באַהויפּטונגען. אונדזער אַקטיוויטעט מאָר נישט קיין רגע שטיין בלייבן. די גערעכטיקייט פאַרלאַנגט, אַז מיר זאָלן לעבן, כדי צו קאָנען זיך פאַרטיידיקן פאַרן געריכט און באַקומען אונדזער פולשטענדיקן רעוואַנש. דאָס מענטשלעכע געוויסן און אונדזער נאַציאָנאַלער כבוד פאַרלאַנגען עס.

מיין טיפע אָנערקענונג און פריינדשאַפט פאַר אַלע אונדזערע פריינד און פאַרבינדעטע.

יוליוס

1953 1-טער יאַנואַר

גוט מאָרגן, טייערסטע מיינע,

כ'ווינטש דיר אַ גוט יאָר, עטל, געליבטע. זאָל דאָס נייע יאָר ברענגען גליקלעכערע געשעענישן פאַר אונדז ווי דאָס פאַרגאַנגענע. דער אַפּעלאַציע-טריבונאַל האָט געענדיקט דאָס יאָר, ווייזנדיק ווידער ווי מען פאַרנעמט זיך מיט פאָרמאַליסטיק. נאָר אויב כ'זאָל אורטיילן לויט דעם, וואָס איך לייען אין די צייטונגען, זעט אויס, אַז מען הייבט אָן צו דערזעען דאָס בייז, וואָס מען האָט אונדז אָנגעטאָן דורך דעם טאַראַראַם, וואָס זיי האָבן געמאַכט אַרום אונדזער ענין.

לויט דער מיינונג פון די צוויי טריבונאַלן האָבן די פאַרמשפּטע „פאַרנאַכלעסיקט" דורכצופירן רעכטצייטיק די נייטיקע פּראָצעדורעס. דעריבער קאָן דער טריבונאַל נישט אָננעמען אונדזער ביטע. אויף דעם אַלץ ענטפער איך: דריידלעך.

כ'גלייב, אַז אַן אמתע יוסטיץ פאַרנעמט זיך מיטן תוך און נישט מיט די פאָרמען פון פּראָצעדור. אויב פון אָנהייב אָן איז באַגאַנגען געוואָרן אַן אומגערעכטיקייט, טאָ וואָס האָט עס צו טאָן מיט אַ טערמין?

מער ווי תמיד בין איך אַנטשלאָסן צו קעמפן ביזן לעצטן אָטעם-הויך, כדי באַקאַנט צו מאַכן דעם שווינדלעריש יוסטיץ-טעות. כ'האָב צוטרוי און האָפענונג, אַז אונדזערע ביידע לעבנס וועלן פאַרשוינט ווערן.

ליבע מיינע, דו האָסט מיר אַזוי שרעקלעך געפעלט אָט דעם ערב-ניי-יאָר און דעם גאַנצן היינטיקן טאָג. מיין היים-געליבטע, איך שיק דיר מיין האַרץ און מיין נשמה.

תמיד דיינער,

יוליוס

3=טער יאַנואַר 1953

ליבער מאָני,

פאַר נאָט און פאַר לײט מוז איך פּראָקלאַמירן פאָלגנדיקע אמתן:

1) מיר זײַנען פולשטענדיק אומשולדיק ראָס קאָן מען נישט ענדערן.

2) אַ מאָנסטרעזע מאַכינאַציע, װעלכע דינט פּאָליטישע צװעקן, האָט פאַרקריפּלט דעם ראָזענבערג=פּראָצעס. דער ריכטער און דער אַטערנעי* פון דיסטריקט האָבן פון אָנהײב אָן אױסגעפירט די רעכאָטע אױף אַ פאַלשן װעג, אַרײַנטראָגנדיק דאָס פּראָבלעם פון קאָמוניזם און פון די פּאָליטישע איבערצײַגונגען, כדי צו פאַרטונקלען דעם ענין און אױפצורײצן קעגן אונדז די לײדנשאַפטן פון די געשװױרענע ריכטער.

דער הױפּט=ריכטער האָט געטאָן אַלץ, װאָס ער האָט געקאָנט, כדי אַרױס=צובאַקומען בײַ די געשװױרענע אַ שולדיקײט=פּסק. יעדעס מאָל װען די רעכאָטע האָט אָנגענומען אַ װענדונג לטובת אונדז, איז ער אַרױסגעטרעטן און גענומען שטעלונג קעגן אונדזערע אינטערעסן. ער האָט דערלױבט אַ פאַרנװאַלדיקונג פון אונדזערע רעכט, און האָט נישט דערלאָזט אונדזער אַדװאָקאַט צו פאַרטײדיקן אונדז אױף אַ געהעריקן אופן. ער האָט נישט דערלױבט די געשװױרענע צו אױסטײלן די אָנקלאַגע לױט דער דעפיניציע פון באשולדיקונגס=אַקט, אױף אַן אָביעקטיװן אופן.

װאָס שײך אונדז, זײַנען מיר איבערצײַגט אין דער גערעכטיקײט פון אונ=דזער זאַך און מיר װילן נישט, מען זאָל זיך באַנוצן מיט אונדז קעגן די, װעלכע קעמפן פאַר שלום, פאַר פרײַהײט און פאַר רעכט.

אײַלט זיך נישט צו פיל, מײַנע הערן, א דריק צו טאָן אױפן שאַלטער. געדענקט, אַז דאָס איז אַ מעסער מיט צװײ שאַרפן. די װעלט באַטראַכט אױפ=מערקזאַם די האַנדלונג פון אונדזער רעגירונג אינעם דאָזיקן ענין, און דאָס געװיסן פון אַלע מענטשן מיט גוטן װילן איז פאַרװוּנדעט דורכן ברוטאַלן גזר און שרעקלעכן װײטיק=מעת פון ראָזענבערג=פּראָצעס.

די צײַט איז קורץ. ס'זײַנען אונדז געבליבן בלױז צען טעג צו לעבן. איך װעל טאָן, װאָס איך קאָן, כדי דורכצופירן אין אָט דער צײַט װאָס מער אַרבעט.

אײַער יוליוס

3=טער יאַנואַר 1953

מײַער מאָני

הײַנט זײַנען געקומען אונדזערע מײַערע קינדער און מיר האָבן אַלע צװאַ=מען פאַרבראַכט צװײ שעה. פון די אױגן פון אונדזער קלײנעם ראָבי האָבן מיר אַרױסגעלײענט צוטרױ, און מיר האָבן געפילט אַ װאַרעמע און צערטלעכע ליבע

* פּראָקוראָר (איבערז.)

אין אַלע זיינע ווערטער בעת מיר האָבן זיך צוזאַמען געשפּילט. מיר האָבן געזען דורך די קראַטעס פון פענצטער אַ מעווע און אַ דאַמפער, וועלכער האָט געצויגן נאָך זיך אַ ריי מיט שיפלעך אויפן האָריזאָנט. דערנאָך האָט ראָבי פּלוצלינג איבערגעריסן זיין צייכענען און צווינגענדיק אויך מיך איבערצורייסן די צייכענונגען, וואָס כ'האָב אָנגעהויבן צו מאַכן, האָט ער זיך ארויפגעוואָרפן אויף מיין האַלדז, ארומגענומען מיך מיט זיינע קליינע אָרעמס און געקושט מיך אין די באַק. מיין זונעלע איז געווען גליקלעך צו זיין מיט זיין טאַטן. אונדזער קליין יינגעלע פאַרשטייט אונדז.

מיכאָעל איז געווען צעטומלט און אומרואיק און מיר, זיינע עלטערן, האָבן פאַרשטאַנען, וואָס עס מאַטערט אים. מיין פרוי האָט געוווּסט ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיט אים, זי פאַרמאָגט אַן אויסערגעוויינלעכע פאַרשטענדעניש. זי האָט אים אַלץ אויפגעקלערט מיט געדולד, לויט זיין פאַרשטאַנד און איר געלונגט שטענדיק צו באַרואיקן און צו געווינען אים. כ'האָב צוגעזאָגט מיכאָעל צו שפּילן מיט אים אין שאָך. כ'האָף צו דערפילן מיין צוזאָג אַ געוויסן טאָג.

פאַרן אוועקגיין האָב איך געהאָלפן מיכאָעלן אָנטאָן דעם מאַנטל. פּלוצלינג האָט ער זיך אָנגעקלאַמערט אין מיר מיט ביידע הענט און מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ האָט ער געמורמלט: „איר דאַרפט צוריקקומען אהיים. יעדן טאָג דריקט עס מיך, אפילו ווען איך ליג מיך שלאָפן“. כ'האָב אים שנעל אַ קוש געגעבן און בלויז געזאָגט „ס'וועט אַלץ גוט זיין!“ כ'בין נישט פעיק געווען עפּעס אַנדערש צו זאָגן.

ווען כ'בין צוריקגעקומען אין מיין איינזאַמער קאַמער און די טיר האָט זיך פאַרקלאַפּט הינטער מיר, האָב איך זיך צעזאַמענגעבראָכן און געוויינט, ווי אַ קליין קינד. ס'האָט געוויינט אין מיר דער טיפער צער פון מיינע קינדער. מיט דער פּלייצע אָנגעשפּאַרט אין די קראַטעס, פאַרמאַכט צווישן בעטאָנענע ווענט, ווי אין אַ קעסטל, האָב איך זיך אונטערגעגעבן דעם ווייטיק, וואָס האָט מיר צעריסן דאָס האַרץ און כ'האָב פאַרגאָסן אַ ים טרערן

9־טער יאַנואַר 1953

ליבער מאַני,

ס'ווערט מיר קלאָר, אַז די אומשטערבלעכקייט פונעם ריכטער איירווינג קויפמאַן איז ענדלעך געזיכערט: די קומענדיקע דורות וועלן ציטירן זיין באַגרינדונג אונדז אָפּצוזאָגן די באַגנעדיקונג ווי אַ כאַראַקטעריסטישער מוסטער פון געשיקטער פאַלשקייט און פון גייסטיקער אומערלעכקייט.

אויסערגעוויינלעך אומגעניי און אומערלעך, באַנוצנדיק יענעם מין פֿון בלומרשטע באַטראַכטונגען, וואָס באַקליידן מיט בלומרשטער גלויבווירדיקייט אַ פֿאַלשע אינטערפּרעטאַציע פֿון די פֿאַקטן, שטרעבט ער זיך אָן אַרויסצווייזן זיך טיפֿזיניק — און איז אין דער אמתן בלויז נאַריש.

ווי פֿאַרליבט אונדזער גוטער ריכטער איז נישט אין ציטאַטן, וועל איך זיך פֿאָרט דערלויבן פֿאָרויסצוזאָגן, אַז נאָכן האָבן שטודירט פֿאָלגנדיקע אויסצוגן פֿון דער „הייליקער יאָהאַנע", פֿון בערנאַרד שאָו, וועט ער זיין ווייניקער געניינט זיי צו באַנוצן קעגן די ראָזענבערגס. איר געדענקט מסתמא, ווי דזשאָן דע=סטאָ=גומבער, דער ענגלישער גלח, וועלכער איז געווען צווישן די פֿאַרביסנסטע אָנהענגער, צו פֿאָדערן צו פֿאַרברענען יאָהאַנע, האָט ביים זען דעם שייטער=הויפֿן פֿאַרלאָזט דעם פּלאַץ און איז אַנטלאָפֿן, געפּייניקט פֿון געוויסנביסן, וויינענדיק און שרייענדיק. „איך וויסט נישט, איך האָב נישט געזען. ס'איז אַזוי לייכט צו רעדן, ווען מען האָט נישט געזען. איך פֿאַרשיכורט זיך מיט ווערטער. איך פֿאַרמשפּט זיך צום אייביקן פֿייער, ווייל האָב געוויזט זיך אייך אויס העלער, צו גיסן אייל אויפֿן גיהנום=פֿייער פֿון אייער אייגענעם צאָרן, ווען איר רירט אָבער אָן די זאַך מיט די אייגענע הענט, ווען איר זעט, וואָס איר האָט געטאָן, ווען אַט די זאַך דערלאַנגט אייך אַ בלענד אין די אויגן, ווען עס גיט אייך אַ זעץ אין די נאָזלעכער און אַ ריס אין האַרצן — דעמאָלט, אָ, דעמאָלט, גאָט, נעמט אַוועק פֿון מיר אָט דאָס בילד! אָ יעזוס, באַפֿריי מיך פֿונעם פֿייער, וואָס פֿאַרברענט מיך. אין מיטן פֿון שייטער=הויפֿן האָט זי געשריען: יעזוס, יעזוס! יעזוס! איצט איז זי ביי דיר און איך, איך בין אין גיהנום אויף אייביק".

און אָט דאָרט וועט זיין דער ריכטער קיינמאָל פֿאַר אַ פֿאַרברעכן, „וואָס איז ערגער פֿון אַ מאָרד".

עטל

12=טער יאַנואַר 1953

טייערער מאַני,

די טומלדיקע פּראָפּאַגאַנדע=קאַמפּאַניע קעגן אונדז דערגרייכט איצט אַ שפּיץ, וואָס האָט נישט איר גלייכן. נו, יאָ! בלויז די מאַסע פֿון צייטונגס=פּאַפּיר דראָשט איבער. אָבער דאָס מאַכט אויך טראַכטן. ס'איז אַן אַרבעט פֿון קורצזיכטיקע. די מאַכט=אָרגאַנען אין זייער פֿאַרבלענדטקייט דערגייען ביז שגעון. צי איז דאָס נישט דערפֿאַר, ווייל ס'איז זיי נישט לייכט איבערצוצייגן די עפֿנטלעכקייט?

ס'איז קלאָר, די סיטואַציע איז אָנגעלאָדן מיט ערנסטע געפֿאַרן. נישט בלויז אונדזערע לעבנס שטייען אין קאָן, נאָר אויך די זיכערקייט און די רעכט פֿון אונדזערע מיטבירגער. אויב וואַשינגטאָן זאָל אײַנגאַנצן פֿאַרלירן אי דעם פֿאַרשטאַנד, אי דעם געוויסן חוש, קאָנען זיי דעמאָלט דערלויבן דעם תּלין אָנצודריקן אויפֿן שאַלטער, כּדי אונדז צו דערמאָרדן.

איך מוז איצט איבעררײַסן, מען נעמט צו די פּעדער אויף בײַנאַכט. זאָגט אונדזערע פֿרײַנד זיי זאָלן פֿאָרזעצן זייער גוטע אַרבעט. זיי זענען וווּנדערבאַר. מיר קאָנען נאָך אַרויס זיגרייך פֿון אָט דער שלאַכט. תּמיד אײַערע,

י ו ל י ו ס

16־טער יאַנואַר 1953

ליבער מאַני,

ס'איז איצט קלאָר, אַז די מיינונג פֿון קויפֿמאַן, וועלכע מען קאָן באַצײַכענען מיט די ווערטער: „דער טויט איז די בעסטע זאַך פֿאַר די קאָמוניסטן און פֿאַר די, וואָס מען האַלט פֿאַר קאָמוניסטן", איז אויסגעאַרבעט געוואָרן, כּדי צו דינען אַלס מיטל פֿאַר דער פֿאַשיסטישער פּראָפּאַגאַנדע דורך: 1) דעם סטעיטס־דעפּאַרטאַמענט, כּדי צו פֿאַרויאיקן די אויפֿגעבראַכטקייט אין גאָר דער וועלט קעגן דער מאָנסטרעוזער מאַכינאַציע און דעם ברוטאַלן גזר, וואָס האָט אויפֿגערודערט דאָס געוויסן פֿון דער מענטשהייט. 2) אויף אָנרעגונג פֿון יוסטיץ־מיניסטעריום, כּדי מען זאָל קאָנען אָנהייבן אַ פּרעסע־ און ראַדיאָ־קאַמפּאַניע קעגן דער וואַקסנדיקער פּראָטעסט־באַוועגונג אין לאַנד און דער עיקר כּדי נישט צו דערלאָזן, אַז אַ גאַנץ פֿאָלק זאָל זיך דערוויסן, דאָס אין ראָזענבערג־פּראָצעס איז באַגאַנגען געוואָרן אַ שוידערלעכער יוסטיץ־טעות.

ווי זיי האָבן דאָס מורא פֿאַרן אמת! מיר ביידע, אָרעמע קליינע מענטשן, אַפֿילו פּנים אל פּנים מיטן טויט זענען מיר שטאַרק דורכן באַוווּסטזײַן פֿון אונדזער אומשולד און איבערצייגט אין דער גערעכטיקייט פֿון אונדזער זאַך. אַפֿילו די סאַמע קונציקסטע פּיראַמידע פֿון שיינגערערישע סילאָגיזמען, אויב זי איז באַזירט אויף אַ גרויסן ליגן, ווערט פֿולשטענדיק צעשמעטערט דורכן אמת און די פֿאַקטן.

מיר זענען איבערצייגט, אַז דאָס פֿאָלק וועט נישט דערלאָזן דאָס בלוט פֿון די ראָזענבערגס זאָל באַפֿלעקן די אַמעריקאַנער יוסטיץ, אַזוי, אַז מען זאָל עס מער נישט קאָנען אָפּוואַשן. אײַער

י ו ל י ו ס

19־טער יאַנואַר 1953

ליבער מאַן,

א סך וואַסער איז דורכגעפֿלאָסן אונטער די בריקן זינט מיין לעצטן בריוו. די דאָזיקע פֿאָרויסזאָגונג פֿון די ראָזענבערגס, אַז דאָס פֿאָלק וועט זיך אָפּזאָגן צו אַקצעפּטירן אַ לעגאַלן מאָרד, איז טויזנטפֿאַכיק באַשטעטיקט געוואָרן.

דאָ און דאָרט דערמאָן איך זיך אַ דאַטע. מיין נאָטיץ־ביכל דערמאָנט, אַז מיטוואָך, דעם 17־טן דעצעמבער 1952, זענען געקומען צו מיר מיט אַ באַזוך עטלעכע הערן, מיט די געהעריקע פֿולמאַכטן, באַגלייט דורכן וועכטער. זיי האָבן זיך נאָכגעפֿרעגט וואָס איך מאַך און צי האָב איך וועלכע נישט איז ווונטשן, אחוץ, נאַטירלעך, דעם ווונטש, וועלכן כ'וואָלט געקאָנט האָבן, אָפּצושטעלן די האַנט פֿון תּלין, וואָס האָט געוואָלט אַראָפּדריקן דעם שאַלטער אין איינעם פֿון די טעג אין דער וואָך פֿונעם 12־טן יאַנואַר. און זונטיק, דעם 21־טן דעצעמבער, זייענדיק אין מיין קאַמער, האָב איך זיך „צוגעהערט“ צו די געזאַנגען, וואָס מער ווי טויזנט מענטשן האָבן געזונגען אונטער אַ שלאַקס־רעגן אויפֿן וואָקזאַל פֿון אָסינינג. (כ'זאָג „צוגעהערט“, אין דער אמתן האָב איך נישט געקאָנט זיי פֿיזיש הערן). ס'האָט מיך דערמאָלט באַהערשט אַזאַ געפֿיל פֿון רו, פֿון זיכערקייט און פֿון גייסטיקער פֿאַראייניקונג, אַז נישט די לייד, נישט דאָס אַליינזיין, נישט די סכּנה האָבן געקאָנט עס אונטערגראָבן.

דער 14־טער יאַנואַר איז געקומען און איז אַוועק, פּונקט ווי די אַנדערע פֿיבערדיקע טעג פֿאַר אים, ווען די אָפּיציעלע פּערזאָנען פֿון כּל־המינים זענען געקומען מיט זייערע באַזוכן און ווען די טינטלער האָבן זיי אויף אַזאַ „נאָבעלן“ אופֿן געהאָלפֿן אין זייער רכילות־קאַמפּאַניע.

ס'זענען אָבער דאָ זכרונות, וואָס זענען נישט פֿאַרשריבן אין קיין שום נאָטיץ־ביכל. די זכרונות פֿון אונדזערע איבערלעבענישן, וועלכע זענען געקומען ווי מעטעאָרן אין אַ באַטויבנדיקן סדר, ווען מען זעט זיי איצט פֿון אַ געוויסן צייט־אָפּשטאַנד. זענען זיי אויס ווי פֿאַרלאָשענע שטערן, בלייכע, פֿאַרבלאָזע און פֿאַרגעסענע. וואַרפֿנדיק פֿונדאָסניי איבער דער פּלייצע פֿון דער גיך־לויפֿנדיקער קעגנוואַרט אַ בליק אויפֿן עבר, דערמאָן איך זיך זייער דייטלעך, ווי יעדער טאָג האָט זיך געצויגן לאַנג, אומענדלעך און האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט אַנטהאַלטן רייכע הבטחות. כ'האָב געשריבן צו מיין מאַן: „דער קאַמף ברענט, כ'בין רויִק“. און מיינע קינדער האָב איך אָנשטאָט אַ ווונטש־קאַרטל צו חנוכּה געשיקט אַ קליינעם געדיכט, אַ פֿריילעכס און חנעוודיקס, וואָס כ'האָב אויסגעשניטן אינעם זונטיק־נומער פֿון „טיימס“.

דאָס אַלץ געהערט שוין צו דער פֿאַרגאַנגענהייט. די אַנטשיידונג דערנענטערט זיך, און פֿאַר אונדז, וואָס מיר זיצן דאָ און קעמפֿן פֿאַרן לעבן אין אַ צייט־אָפּשניט

זאָס ווערט מיט יעדער רגע שמאָלער, דערשיינט זי, אויפֿן גיגאַנטישן הינטערגרונט פֿון א יאָר־הונדערט פֿול מיט געוואַלט־אַקטן, מטושטש און מאָדנע, אָן קאָליר, אָן פֿאָרם. און פֿאָרט איז עס דאָך אין תוך גענומען א פּשוטע אַנטשיידונג, באַזירט אויף עטלעכע פּשוטע הגהות:

ערשטנס: ווי מען זאָל נישט באַגרינדן דעם פּראָצעס, האַלטן הײַנט מיליאָנען מענטשן אין גאַנץ דער וועלט און צווישן זיי עטלעכע פֿון די באַדײַטנדיקסטע פּערזענלעכקייטן פֿון אונדזער צײַט, אַז דער אָפּזאָג פֿון טריבונאַל צו רעווידירן דעם ראָזענבערג־פּראָצעס באַשטעטיקט דאָס, וואָס מיר באַהויפּטן זינט צוויי יאָר. יעלכע מיר האָבן כמעט אײַנגאַנצן פֿאַרבראַכט אין טויטן־הויז, און נעמלעך: אַז מיר זענען פּאָליטישע קרבנות פֿונעם קאַלטן קריג. דעריבער האָבן זיך מיליאָנען מענטשן מיט זייער גאַנצער קראַפֿט אַנטקעגנגעשטעלט דער אויספֿירונג פֿונעם אורטייל.

צווייטנס: דער פּאַרנעם פֿון דער פּראָטעסט־באַוועגונג — אייגנטלעך שוין איר עקזיסטענץ גופֿא — באַווײַזט אַזוי דײַטלעך דעם פּאָליטישן אַספּעקט פֿונעם פּראָצעס, אַז דאָס האָט דערהפֿירט געוויסע קרייזן צו פֿאַרצווייפֿלטע באַמיונגען אָדער צו פֿאַרמינערן די באַדײַטונג פֿון דער האָזיקער באַוועגונג דורך איבערטרײַבן די באַדײַטונג פֿון די, וועלכע העצן קעגן אונדז, אָדער צו באַצייכענען די גאַנצע פּראָטעסט־באַוועגונג ווי א „קאָמוניסטישע אָפּעגסיווע“.

דריטנס: בעת די גאַנצע וועלט איז אויפֿגערודערט און פֿלאַקערט פֿון פֿאַרטיידיקונג־רעדעס און אויפֿרופֿן, זעען מיר אַזא פֿאַרפּלעפֿנדיקן ספּעקטאַקל: די שטאַרקסטע נאַציע אויף דער ערד שטייט מיט געבונדענע הענט און פֿוס, אָן אָנמעכטיקע און קאָן נישט קומען צו זיך צו טאָן דאָס נייטיקע, ווײַל ס'איז תמיד לייכטער צו באַגיין נײַע פֿעלערן ווי צו פֿאַרריכטן די באַגאַנגענע.

פֿערטנס: רעזומירנדיק אַלץ אין די פּשוטסטע ווערטער, (דעם אמת געזאָגט, אין אַבסורדע ווערטער) פֿרעג איך פֿולשטענדיק אויפֿריכטיק: „צי לוינט זיך טאַקע צו פֿאַרניכטן צוויי יונגע, לעבנספֿולע מענטשן, איבער וועמענס שולדיקייט ס'איז דאָ — לויט אַלעמענס מיינונג — א באַגרינדעטער ספֿק, כדי צו ראַטעווען דעם פּרעסטיזש פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן?“

די אַנטשיידונג איז א פּשוטע, ווײַל „פֿאַרלירן דעם פּרעסטיזש“, באַגנעדיקנדיק די ראָזענבערגס, הייסט באַווייזן אויף דעם סאַמע צינגעגלעכסטן אופֿן, אַז די יוסטיץ איז עפּעס אַנדערש ווי אַן אומבררחמנותדיקער צאָנראָד, וואָס איין מאָל אַוועקגעלאָזט אין גאַנג ווי א גרוילעכער און מאַיומדיקער פֿראַנקענשטיין, ווערט שטאַרקער פֿון דער האַנט, וועלכע קאָנטראָלירט די הייבערס פֿון דער מאַשין און זעצט פֿאָר בלינד זײַן משוגענעם לויף.

מיר וואַרטן אונטערן פֿאַרפֿינצטערטן הימל פֿון א דראָענדיקן גורל. מיר וואַרטן און מיר האָפֿן, און מיר פֿאַרלירן נישט די איבערצייגונג, אַז די זון וועט

נאָך שיינען אויף אָט דער ערד, אויף וועלכער מיר זענען געבוירן געוואָרן, אויף אָט דער „געבענטשטער ערד פון פרייהייט" — אויף דער ערד פון אמעריקע.

עטל

21־טער יאַנואַר 1953

טייערע מאַני,

איך שרייב אייך דעם בריוו, כדי אייך צו וויסן צו געבן, אַז מיין מוטער איז ביי מיר געווען מאָנטיק. איך וויל אייך איבערגעבן אונדזער שמועס, וואָס וועט אייך אינטערעסירן. איך בין נאָך אויסער זיך פון איר אומפאַרשעמטער אומערלעכקייט.

כ'האָב איר אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז ווי שטאַרק דייוו זאָל זיך נישט שרעקן פאַר רעפּרעסיעס, וואָס איז אומבאַגרינדעט, איז דאָך מיין לעבן איצט אין געפאַר און נישט זיינס. און אויב איך, וואָס דערוואַרט דעם טויט אויפן עלעקטרישן שטול, האָב נישט קיין מורא ווייטער צו פּראָקלאַמירן מיין אומשולד און אָפּצולייקענען זיין אויסגעטראַכטע געשיכטע, איז פאַרוואָס זאָל ער, וועמענס לאַגע ס'איז א סך א בעסערע, נישט פירן זיך ווי א מענטש און אָנערקענען, אַז ער האָט געזאָגט ליגן? ער וואָלט דאָך אויף אזא אופן געהאָלפן אָפּראַטעווען מיין לעבן, אָנשטאָט צו לאָזן מיך אומברענגען, כדי צו ראַטעווען זיין פּאָזיציע.

אונדזער שמועס איז פאָרגעזעצט געוואָרן און איך ציטיר אים אייך מער ווייניק בוכשטעבלעך:

זי: „וואָס וואָלט געווען אזוי שרעקלעך, ווען איר וואָלט באַשטעטיקט דאָס, וואָס ער האָט דערציילט?" איך בין געבליבן געפּלעפט. „וואָס, האָב איך געענטפערט, זיך לאָזן באַשולדיקן אין א פאַרברעכן, וואָס כ'בין קיינמאָל נישט באַגאַנגען? דערלויבן, אַז מיינער, מיין מאַנס און מיינע קינדערס נאָמען זאָל אַרומגעשלעפּט ווערן אין בלאָטע, כדי אים צו פאַרהיטן? ווי אזוי קאָן איך דערציילן אַ געשיכטע, וואָס איך ווייס, אַז זי איז פאַלש און וואָס וועט אונדז, מיין מאַן און מיך פאַרוויקלען אין פאַלשקייטן. וואַרט א מינוט, מעגלעך, אַז איך פאַרשטיי דיך נישט אינגאַנצן גוט. וואָס ווילסטו אייגנטלעך זאָגן?"

צי איר וועט עס גלייבן צי נישט, זי האָט אזוי געענטפערט: „יאָ, דו האָסט מיך גוט פאַרשטאַנען; איך וויל זאָגן, אַז אויב ס'איז אפילו א ליגן, האָסטו געדאַרפט זאָגן, טראָץ אַלעמען, אַז ס'איז אמת. אין אזא פאַל מיינסטו וואָלסטו דאָ געווען? ניין, ווען דו וואָלסט באַשטעטיקט די רייד פון דייוו, אפילו ווען ס'איז א ליגן, וואָלסטו נישט געהאַט אזא גורל!"

כ'האָב פּראָטעסטירט. טיף געטראָפן, ווי איר קאָנט זיך נאָר פאָרשטעלן, האָב איך געזאָגט: „אָבער, מאַמע, צי וואָלסטו געוואָלט איך זאָל אָפּגעבן א פאלשע שבועה?" זי האָט גלייכגילטיק געהויבן מיט די אַקסלען און איבערגעחזרט מיט עקשנות: „וואָלסט דעמאָלט האָ נישט געווען".

צי קאָנט איר זיך איינאָרדענען צו ברענגען צו אונדז די קינדער זונטיק דעם 31־טן אינדערפרי? יוליוס און איך האַלטן, אז מיר דאַרפן זיי זען אפילו אין פאַל ווען די ווענדונג אונדז צו באַגנעדיקן וועט אָפּגעוואָרפן ווערן. באמיט אייך אויסצופירן עס וואָס בעסער. זאָגט אָבער נישט די קינדער פריער ווי א טאָג פאר דעם באזוך, ווייל מאיכען יועט עס צופיל דערשיטערן. מיין פריינדשאַפט

עטל

30־טער יאַנואַר 1953

טייערע מאַני,

כ'האָב הייַנט אינדערפרי געזען יוליוסן. אזוי ווי איך האָב זיך דאָס פאָרגעשטעלט, וואָלט ער געוואָלט איר זאָלט קומען צו אונדז ווי שנעל ס'איז נאָר מעגלעך און איר זאָלט אָננעמען א געוויסן באשלוס וועגן די קינדער. דינסטיק איז א באזונדער באַקוועמער טאָג, ווייל איך זע יוליוסן ביז 10 אזייגער פרי און בין גרייט אויפצונעמען א צווייטן באזוך, (אפילו ווען כ'וועל פאָרויס נישט וויסן וועגן אייער קומען). אויב אָבער ס'איז נישט מעגלעך, קאָן אויך זיין מיטוואָך אָדער דאָנערשטיק.

אייער בריוו איז אָנגעקומען צו דער ריכטיקער צייט, כדי מיך ארויסצורייסן פון גרויליקן לאַנגווייל, וואָס איז אן אומפאַרמיידלעכער רעזולטאַט פון מיין איינזאַמען פאַרשפּאַרט זיין. כ'וויל דערמיט נישט זאָגן, אז איר זענט זיך טועה, מיינענדיק, אז מיין מוט איז נישט געבראָכן. איך האַלט אין מיין צוטרוי און מיין מוט. דאָס שטערט פונדעסטוועגן נישט, אז דאָס אָרעמע האַרץ מיינס, דאָס צאַפּלדיקע און משוגענע האַרץ זאָל רעוואָלטירן, זאָל אויסגעהונגערט און דורשטיק זיין נאָך מענטשלעכע, שעפערישע באַציונגען. דאָס ענדערט אויך נישט די טרויעריקע און אומענדלעכע מאָנאָטאָניע פון מיין לעבן דאָ.

דערלויבט מיר צו דאַנקען אייך פאר דער פריינדשאַפט, אייער פאַרשטענדניש און אייער גוטסקייט. זיי האָבן מיך טיף גערירט און ארויסגערופן א שטראָם טרערן, טרערן פון אמתן גליק. ביי מיר, וואָס כ'האָב אין מיין קינדהייט נישט פאַרזוכט קיין צערטלעכקייטן, נאָר געווען צוגעוווינט צו האַרטע, באַליידיקנדיקע ווערטער, רופט אזא ווארעמע פריינדשאַפט ארויס שטאַרקע עמאָציעס און טיפע געפילן פון ענוות און דאַנקבאַרקייט.

כ'בין דעריבער נאָך מער צוגעגרייט צו די אָנגריפֿן קעגן אייער ערלעכקייט און אייער גוטן ווילן. איידער נאָך מיר וועלן זיך זען און דיסקוטירן מיט אייך אָט־די פֿראַגע ווי עס באַדאַרף צו זיין, וויל איך אייך זאָגן, אַז מיין מאַן און איך ווילן בעסער שטאַרבן אומשולדיק, ווי זיך דערנידעריקן צו לעבן ווי שולדיקע. און קיין שום מענטש, אַפֿילו נישט איר, וועמען מיר האָבן ליב ווי אַן אייגענעם ברודער, קאָן נישט דיקטירן קיין באַדינגונגען די ראָזענבערגס, וועלכע הערן נאָר די באַפֿעלן פֿון זייער האַרץ און זייער נשמה, די באַפֿעלן פֿון אמת און געוויסן און פֿון דער גאָט־געבענטשטער פֿריינדשאַפֿט, וואָס מיר האָבן פֿאַר אינדזערע חברים.

עטל

1־טער פֿעברואַר 1953

מיין פּרעכטיקער נאַכטיגאַל,

אָ פֿרייד פֿון אַלע פֿריידן! כ'האָב געהערט ווי דו האָסט געזונגען „אווע מאַריאַ" און „אַלעלויאַ". שטעלסט זיך פֿאָר ווען די טיר וואָלט אָפֿן געווען! וואָס פֿאַר א וווּנדערבאַרן קאָנצערט מיר וואָלטן ביידע געגעבן! אין מיין זכרון האָבן אויף א מאָמענט איבערגעטוישט די צייטן, ווען דו פֿלעגסט אָפֿט זינגען מיינע באַליבטע פֿאָלקס־לידער און ניגונים...

מיין שוועסטער איז דאָס מאָל געבליבן ביז האַלב פֿיר, אַן אַנדער באַזוכער האָט זי מיטגענומען מיט זיין אויטאָ. אונדזער זעונג איז געווען א געלונגענע. כ'וועל דיר ביים קומענדיקן צוזאַמענטרעף דערציילן די נייעס, וואָס זי האָט נישט געהאַט קיין צייט דיר איבערצוגעבן. איך בין צופֿרידן צו וויסן, אַז לענאַ פֿילט זיך גוט.

גלייב מיר, טייערע, איך מוז קעמפֿן מיט זיך, כדי צופֿיל נישט צו טראַכטן וועגן גורל פֿון אונדזערע טייערע קינדער. מיין האַרץ ווערט אין מיר צעריסן פֿון בענקשאַפֿט נאָך זיי. אָ, טייערע, וואָס פֿאַרא גליק וואָלט דאָס געווען צוריק צו זיין פֿאַראייניקט אין אונדזער פֿאַמיליען־נעסט. כ'האָב אָקאָרשט געטראַכט וועגן די גליקלעכע מאָמענטן, וועלכע מיר האָבן איבערגעלעבט. דו פֿלעגסט טראָגן ראָבי אויף דיינע פּלייצעס און איך מיכאָעלן און מיר פֿלעגן אַזוי לויפֿן מיט זיי. צי געדענקסטו די פּראָצעסיעס, וואָס מיר פֿלעגן איינאָרדענען בעת אונדזער קליינטשיקער איז געגאַנגען שלאָפֿן? דו האָסט געעפֿנט די פּראָצעסיע, האַלטנדיק ראָבי פֿאַר די פֿיס. איך האָב אים געהאַלטן פֿאַר די אַקסלען און מיכאָעל איז געגאַנגען אין דער מיטן, אונטערשפּאַרנדיק מיטן קאָפּ די פּלייצעס פֿון זיין ברודער. וואָס פֿאַרא פֿריילעכע שפּיל דאָס איז געווען! אונ־

זערע אָרעמע, אומשולדיקע קינדערלעך ווערן אכזריותדיק געפייניקט אָן א פארוואָס. דאָס וועט קיינער פון אונדז קיינמאָל נישט פארגעסן. לאָמיר ווייטער האָפן, אז א געוויסן טאָג וועלן מיר געווינען דעם פּראָצעס און מיר וועלן אונדזערע קינדער צוריקגעבן זייער גליק.

כ׳האָב דיר צו זאָגן א סוד, מיין פרוי, כ׳בין ביז גאָר פארליבט אין דיר.

דיין מאַן

יוליוס

8-טער פעברואר 1953

טייערע עטל,

דער וויק-ענד האָט הייַנטיקס מאָל אויסגעזען צו זיין זייער א לאנגער, קיינער פון אונדזער משפחה איז נישט געקומען מיך באזוכן. זייט פרייטיק, ווען כ׳האָב דיך פארלאָזן הער איך נישט אויף צו טראכטן וועגן דיר.

איך פיל דיין טיפן ווייטיק, וואָס מאטערט דיך און דער עיקר די שרעקלעכע פייניקונגען, טויזנטער מאָל פארפילפאכט דורך דעם, וואָס מיר מוזן זיצן און וואַרטן אויפן טויט. אויב דיינע הייסע טרערן און דיין הארצרייסנדיק געוויין, וואָס דו קאָנסט נישט דערשטיקן אין זיך, דריקן אויס דיינע אינערלעכע ליידן, איז מיין איצטיק שווייגן אן אויסדרוק פון א געוואלדיקן פיין, וואָס איז אן אָפּבילד פון דיינעם. ס׳איז נישט מעגלעך דיך צו בארואיקן און צו פארהיטן פון די מאַרטירן, וואָס פארלאָזן אונדז קיינמאָל נישט אין אָט-דעם שרעקלעכן אָרט. מיר האָבן אָבער טראָץ דעם אלעמען באוויזן צו בלייבן שטאַרק און אונדזער צוזאמענבונד איז געוואָרן אומצערייסבאר.

די גרעסטע שרייבער פון אלע צייטן האָבן באשריבן די ליבע און האָבן געוויזן די שיינקייט און די נאָבלקייט פון דער פולער און קעגנזייטיקער אקצעפּטירונג צווישן מאַן און פרוי. אָבער קיין שום זאַך קאָן נישט פארגליכן ווערן צו דער פיינלעכער פולקאָמענקייט, וואָס האָט דערגרייכט אונדזער ליבע, אפילו אויפן שוועל פון טויט.

אויסנוצנדיק דעם גרויסן כוח פון אונדזער ליבע אויף צו דינען די אממיינסטן נאָבעלע אינטערעסן פון אונדזערע קינדער, פון דער מענטשהייט, האָבן מיר געגעבן, גלייב איך, אַ באַדייטונגספולן אויסדרוק פאַר די גרעסטע און שענסטע אספּיראציעס פון דער מענטשהייט. מיין גאַנץ הארץ געהער דיר, מיין טייערע. דיין איבערגעגעבענער מאַן,

יוליוס

9־טער פעברואר 1953

טייערע מאני,

די לעצטע וואָכן הערט מען אַלץ מער א שווידער־לעבע נייעס. ס'גייען אַרום קלאַנגען, אַז איך דאַרף פאַרשוינט ווערן און מיין שטראָף וועט געמילדערט ווערן צוליב הומאַניטאַרישע טעמים, ווייל כ'בין אַ פרוי און אַ מוטער, בעת מיין מאַן זאָל ווערן פאַרברענט אויפן עלעקטרישן שטול. אחוץ דעם האַסט מען, אַז אַזוי אַרום וועלן מיינע „סודות פון א שפּיאָנין" ניט שטאַרבן מיט מיר און כ'וועל האָבן די מעגלעכקייט צו פאַרלייקענען מיינע דערקלע־רונגען. נאָך מער: אַזוי אַרום זאָל מען אַרויפלייגן אויף מיינע פּלייצעס די לאַסט פון דער אַנטשיידונג איבערן גורל פון מיין מאַן און מיינע הענט זאָלן זיין באַפלעקט מיט זיין בלוט, אויב כ'וועל זיך אָפּזאָגן אים צוצורעדן „אַרויס־צוגיין מיט לשון".

מען באַט מיר, הייסט עס, איצט אָן מיין לעבן צום אויסטויש קעגן לעבן פון מיין מאַן. כ'דאַרף נאָר, הייסט עס, נאָכפּאָלגן דעם האַזיקן וועג, וועלכער ווערט מיר אַזוי ריטערלעך אָנגעצייכנט און אים לאָזן שטאַרבן, זיך ניט אומ־קוקנדיק אפילו. וואָס פאַר א טייוולאָנישע מאַכינאַציע! עס ברויזט אין מיר א קאַלטער גרימצאָרן און כ'וואָלט געקאָנט ברעכן פון שווידער און עקל. די האַזיקע „רעטער" קלייבן זיך איצט אויסצוגראָבן א קבר, אין וועלכן כ'וועל לעבן, אָן א לעבן און וועל זיין געשטאָרבן אָן א טויט. די טעג וועלן זיין אָן האָפענונג, און די נעכט אָן רו. תמיד וועל איך זען פאַר מיר דאָס ליבע געזיכט און וועל מיינען, אַז כ'האָב זיין ליבע שטים. תמיד וועל איך מורמלען, ווייטע־דיק, די האַרץ־רייסנדיקע געזעגענונג־ווערטער, און וועל זיך בייגן אונטער דער לאַסט פון א מאָרד, וואָס מען קאָן מער ניט אָפּרופן.

און אונדזערע קינדער! וואָס פאַר א ווערט האָט אַזא רחמים, וואָס וועט דערהרגענען זייער פאָטער און באַפרייען זייער מוטער, אַ פאַרמשפּטע צו אַן אייביקן פּוסטן לעבן! בעסער וועל איך באַגלייטן מיין מאַן אין טויט איידער צו לעבן אין חרפה. אַזאַ פאַר אַזאַ חסד.

כ'וועל ניט מהלל זיין דעם בונד פון דער הייראַט, דאָס גליק און די גאַנצקייט פון אונדזער ליבע, כדי צו שפּילן די ראָל פון א פּראָסטיטוירטע פאַר די פּאָליטישע אַלפאָנסן. מיין מאַן איז אומשולדיק, אַזוי ווי איך גופא. קיין שום מאַכט וועט אונדז ניט צעשיידן, ניט אינעם לעבן און ניט אינעם טויט.

עטל

11־טער פעברואר 1953, 6 אין אָוונט

טייערע מאַני,

פרעזידענט אייזנהאַוער קלערט איצט אַביסל מער אויף איבער זיין גרויסן „קרייץ־צוג" און דערמאָנט מיך אין באַקאַנטן פסוק פון תנ"ך — מער נישט, ס'איז דאָ אַ באַדייטנדיקער אונטערשייד אין די ראָלן: „הקול קול יעקב והידים ידי עשו" („די שטים איז די שטים פון יעקב אָבער די הענט זיינען די הענט פון עשו"). וואָס פאַר אַ קאָמעדיע! גוטמוטיקע רייד פאַרדעקן דאָ צביעות־דיק אַ באַרבאַרישן אַקט. דער דאָזיקער ברוטאַלער און אכזריותדיקער באַשלוס איז געבוירן געוואָרן דורך דער משוגעת.

דורך זיין הייניטיקער האַנדלונג ווערט דער אויספירנדיקער אָרגאַן פון אונדזער רעגירונג* מיטפאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַ מאָרד, ווייל מיר זיינען אומשולדיק. דאָס איז דער ריינער אמת.

עס איז נייטיק, אַז אַלע זאָלן זיך באַקענען מיט די אמתע פאַקטן. ליידער זיינען די נייעס, וואָס עס גיבן די פרעסע און די אַנדערע אינפאָרמאַציע־קאַנאַלן, נישט דער אמת, נאָר אַ צעקאַליעטשעטע, פאַרדרייטע און מבולבלע אינטער־פּרעטאַציע פון די פאַקטן. נאָר די פולשטענדיקע קאָפּיע פון דער סטענאָגראַפיע פון פּראָצעס און פון דער דעבאַטע פון געריכט איבער אונדזער אַפּעלאַציע, באַגרינדעט אויפן פאַקט, וואָס אונדזער פאַראורטיילונג איז נישט געווען גע־זעצלעך, קאָן דינען אַלס באַזע פאַר אַן ערלעכער און אָביעקטיווער פעסטשטע־לונג פון אמת און גערעכטיקייט אינעם דאָזיקן ענין.

ס'איז קלאָר, אַז אונדזער פּראָצעס דאַרף דינען קודם־כל, כדי אויסצואיבן אַ דרוק אויף די פּאָליטישע קעגנער און צו צווינגען זיי זיך אונטערצוואַרפן. אַזאַ לאַגע קאָן בלויז פירן צו אַ געסטאַפּאָ אין דער אינערן־פּאָליטיק און צו אַ מלחמה אין דער אויסערן־פּאָליטיק.

מיר האָפן, אַז די פעסטקייט, מיט וועלכער מיר בלייבן ביי אונדזערע פּרינציפּן, וועט דינען, לכל־הפּחות, אַז אַ סך אַנדערע זאָלן אויסמיידן אויסצו־שטיין אַזאַ מין טעראָר, ווי דער, וואָס מיר מוזן אַריבערטראָגן.

מיר בעטן בלויז, אַז מען זאָל פאָרזעצן צו קעמפן פאַר דער גערעכטיקייט. אינפאָרמירט זיך וועגן די פאַקטן און פאַרטיידיקט דעם אמת.

מיר זעצן פאָר צו קעמפן מיט מוט און מיט גלויבן פאַר אונדזער לעבן און אונדזער ליבע.

יוליוס

---

* געמיינט דעם פּרעזידענט, וועלכער האָט לויט דער אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע די עקזעקוטיווע מאַכט.

12-טער פעברואַר 1953

טייערע מאַני,

מיר זענען געוואָרן אינפאָרמירט, — און כ'בין זיכער, אַז דאָס איז אַזוי — אַז אַרום סוף וואָך וועט מיסטער ליאָנס שיקן דעם איינציקן קאָמפּלעטן פּראָטאָקאָל פון אונדזער ענין צום גענעראַל-פּראָקוראָר. אַלע צייטונגען האָבן מיטגעטיילט, אַז 4,30 נאָכמיטאָג האָט „מיסטער הערבערט בראַונעל יוניאָר* איבערגעגעבן די סטענאָגראַמע פון פּראָצעס אין ווייסן הויז". 5 אַזייגער מיט 7 מינוט נאָכמיטאָג איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ לכתחילה צוגעגרייטע דערקלערונג. דאָס באַווייזט דער גאַנצער וועלט, אַז פּרעזידענט אייזענהאַוער האָט קיינמאָל נישט געלייענט די סטענאָגראַמע פון פּראָצעס, און נישט געזען אונדזער באַגנעדיקונגס-בקשה. דערביי איילט זיך די פּרעסע, וועלכע פילט זיך דאָ אומבאַקוועם, צוצוגעבן, אַז ער האָט באַטראַכט אָביעקטיוו דעם ענין און האָט „געמאַכט דעם אויספיר, אַז דאָס פאַרברעכן האָט אַנטהאַלטן שרעקלעכע מעגלעכקייטן אין דער אַטאָמישער ערע און האָט דעריבער באַשלאָסן, אַז געזעצלעך קאָן ער נישט אַנולירן דעם אורטייל".

מען דאַרף נישט האָבן קיין שום תירוץ — די הערשאַפט פון געוואַלד-טעט אַרויס אָפן אויף דער אַרענע. ווידער דערמאָנט מען נישט אונדזער באַהויפּטונג, אַז דער אורטייל איז באַזירט אויף אַן איינזייטיקער באַטראַכטונג, פול מיט פאָראורטיילן, אַז ער נעמט זיינע באַגרינדונגען פון אַנדערע קוועלן און נישט פון דער סטענאָגראַמע פון פּראָצעס און אַז ער איז נישט באַגרינדעט נישט אויף די פאַקטן פון פּראָצעס, נישט אויפן געזעצלעכן רעכט.

אַחוץ די אַלגעמיינע פראַזן, וועלכע מען קייט איבער זינט אַ לאַנגע צייט, זענען אינעם טעקסט פון דער דעקלאַראַציע פון פּרעזידענט פאַראַן גאָר גראָבע אומגענויקייטן. מען זעט ביים לייענען די דעקלאַראַציע, אַז:

1) דער פּרעזידענט האָט נישט געקאָנט „ערנסט און אויפמערקזאַם באַהאַנדלען די סטענאָגראַמע פון פּראָצעס", ווייל דער גענעראַל-פּראָקוראָר האָט געבראַכט די סטענאָגראַמע 4,30 און אין אַ האַלבער שעה אַרום איז די צוגעגרייטע דעקלאַראַציע שוין געווען פאַרעפנטלעכט.

2) דאָס געריכט האָט נישט דערלאָזט אַלע מעגלעכקייטן פון עדות זאָגן. ווען מיר האָבן געבעטן אַן אוידיענץ, כדי צו באַווייזן, אַז אונדזער פאַראורטיילונג איז געווען אומגעזעצלעך, האָט דער ריכטער ריאַן אונדז אָפּגעזאָגט די דערלויבעניש צו ברענגען דאָקומענטן און אַרויסצורופן עדות, וועלכע וואָלטן געקאָנט באַשטעטיקן אונדזערע באַהויפּטונגען.

3) די געשווירענע ריכטער זענען געווען אויפגערייצט און איינגעשטעלט

* יוסטיץ-מיניסטער פון די פאַראייניקטע שטאַטן. (איבערז.)

קעגן אונדז דורך דער פּיינטלעכער אַטמאָספער פון דער פּרעסע, דורכן אומדערלאָזבאַרן אופן, אין וועלכן דער פּראָצעס איז געוואָרן געפירט, דורך דער באַשולדיקונג אין קאָמוניזם, וואָס האָט גאָרנישט געהאַט צו טאָן מיטן פּראָצעס און וואָס איז אָבער געווען מסוגל אויפצורייצן די לײַדנשאַפטן.

4) דאָס העכסטע געריכט האָט נישט געהאַט באַשטעטיקט דעם אורטייל, נישט רעווידירט יורידיש דעם פּראָצעס. דאָס איז די מיינונג פון ריכטער פראַנקפורטער.

מיליאָנען מענטשן, צווישן זיי געלערנטע, אָנגעזעענע יוריסטן, חשובע פאַרשטייער פון קלער, שרייבער און קינסטלער, גוט־באַקאַנטע פּאָליטישע טוער פון אַלע ריכטונגען, וועלכע זענען אומבעסטן באַרופן צו אורטיילן איבער אַזעלכע פראַגן, האָבן אויסגעדריקט זייערע ערנסטע ספקות בנוגע דער באַרעכטיקונג פונעם אורטייל. די ליבע צו אונדזערע קינדער און אונדזער קעגנזײַטיקע ליבע, וואָס מיר טראָגן טיף אין אונדזערע הערצער, פאָדערן, אַז מיר זאָלן בלײַבן בײַ אָט די אמתן, אויב נייטיק — אפילו ביז צום טויט, וואָס וועט צעשטערן אונדזער פאַמיליע.

מיר זענען נישט די ערשטע קרבנות פון־דער טיראַניע. זעקס מיליאָן פון אונדזערע גלויבנס־ברידער און מיליאָנען אַנדערע קרבנות פון פאַשיזם זענען געוואָרן פאַרמשפּט צום טויט. די קריגס־פאַרברעכער, וועלכע האָבן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין אָט די פאַרברעכנס, ווערן טעגלעך איינער נאָכן אַנדערן באַפרייט דורך די פאַרשטייער פון אונדזער רעגירונג. איצט וויל די רעגירונג אין נאָמען פון סווערענעם אַמעריקאַנער פאָלק באַשמוצן דעם גוטן נאָמען פון אונדזער לאַנד מיטן בלוט פון די ראָזענבערגס. מיר האָפן, אַז דאָס פאָלק וועט אויפהייבן אַן אַלאַרם־געשריי קעגן אָט דער נייער און ערנסטער סכנה, וואָס דראָט אײַנצושלינגען מיליאָנען קרבנות, אָנהייבנדיק מיט דער פאַראורטיילונג פון צוויי אומשולדיקע אַמעריקאַנער.

איצט איז דער ענין ארויס אין דער עפנטלעכקייט, פאַר די אויגן פון אַלעמען. דאָס יוסטיץ־מיניסטעריום האָט באַהאַלטן פאַרן פּרעזידענט און פאַר דער עפנטלעכקייט דעם רוף צו גנאָד פונעם פּויפּסט. עס האָט באַהאַלטן פאַר דער עפנטלעכקייט דעם אמתן פאַרלויף פונעם פּראָצעס און די אמתע געפילן פון מיליאָנען מענטשן. פון אָנהייב אָן האָט דאָס יוסטיץ־מיניסטעריום נאָכגעפאָלגט אָט דעם פּלאַן פון פאַרשווערונג קעגן אונדז. מען האָט זיך צוגעאײַלט צו לאָזן אונטערשרייבן דעם פּרעזידענט די דעקלאַראַציע, כדי צו פאַרווישן פולשטענדיק די מאָנסטרועזע ארויספאָדערונג קעגן דער יוסטיץ, פון וועלכער צוויי אומשולדיקע אַמעריקאַנער זענען די קרבנות.

שטענדיק אייער,

יוליוס

12־טער פֿעברואַר 1953

מיין געליבטע,

נאַטירלעך האָט איזענהאַוער נישט געקאָנט לייענען די סטענאָגראַמע פֿון פּראָצעס און ער האָט אויך נישט געקאָנט זען אונדזער ווענדונג. כּדי צו פֿאַרשלייערן די דאָזיקע באַשיינפּערלעכע סתירה, זאָגט מען, אַז ער האָט פּער־זענלעך שטודירט דעם פּראָצעס, וואָס פֿאַרא צביעות! ער גיט זיך אַפֿילו נישט די מי צו זיין גענוי און זיין איילעניש אויסצונוצן די אָפּגעפּרישטע איבער־בלעבלעכע פּראָצעס. ער גייט אַזוי ווייט ביז צום דערקלערן, אַז דאָס העכסטע געריכט האָט רעווידירט אונדזער פּראָצעס. אַ מפֿורשער שקר! עס קאָן אים געלינגען אונדז איבערגעבן צום טויט, אָבער ער פֿאַרווונדעט דאָס געוויסן פֿון דער וועלט.

כ׳האָב היינט געשריבן עמיל, אָבער נישט זייער לאַנג. ס׳איז מיר שווער אויסצודריקן ווי געזעריק וואָס איך פֿיל. ווי זיכער, אַז אַלע מיינע מחשבֿות גייען צו דיר. כ׳האָב זיך קיינמאָל נישט פֿאַרגעשטעלט, אַז כ׳וועל קאָנען עמעצ־ ליבן אַזוי שטאַרק, ווי איך ליב דיך.

ווי דיר, מיין חיים־געליבטע, אַזוי איז אויך מיר שווער צו טראַכטן וועגן דער ווירקונג, וואָס די נייע ווענדונג פֿון אונדזער ענין וועט האָבן אויף אונדזערע טייערע יינגלעך. דער צער איז צו גרויס, ווייל מיר קאָנען גאָרנישט טאָן, כּדי זיי צו פֿאַרשפּאָרן די שווערלעכע קאָנסעקווענצן פֿון אונדזער עקזעקוציע. און מיר קאָנען אויך נישט פֿאַרלייכטערן דעם טיפֿן ווייטיק, וואָס זיי וועלן מוזן איבערטראָגן. כ׳וועל מוזן געפֿינען די כּוחות, כּדי גובֿר צו זיין מיין פּיין און אָנהייבן צו שרייבן זיי אַ לאַנגן בריוו. מיר מוזן עס טאָן און דערנאָך וועלן מיר זען, צי ס׳איז נישט בעסער צו שיקן דעם בריוו צו מאַני, ער זאָל אים האַלטן ביי זיך ביז מאָמענט, ווען ער וועט געפֿינען פֿאַר ריכטיק אים פֿאָרצולייענען פֿאַר אונדזערע קינדער. מיר מוזן איצט זאָרגפֿעליק אָננעמען אַלע מאָסמיטלען, כּדי אַלץ, וואָס איז נייטיק, זאָל געטאָן ווערן, נישט וואַרטנדיק אויף דער לעצטער מינוט. כ׳מיין, אַז מיר דאַרפֿן עס אַרומרעדן מיט אונדזער אַדוואָקאַט ביי אונדזער קומענדיקער באַראַטונג.

זיי וויסן, מיין געליבטע, אַז כ׳בין גליקלעך, וואָס דו האָסט מיין לעבן געגעבן אַזאַ שיינעם זין. אין גאַנצן דיינער,

יוליוס

15־טער פעברואַר 1953

מיין טייערע, ליבע עטל,

אין מיטן פון דער צערודערונג און אויפרעגונג פונעם באַזוך פון די קינדער און פון דער גיכקייט, מיט וועלכער ס'הייבט זיך ווידער אָן צו אַנטוויקלען אונדזער ענין, האָב איך נישט געהאַט קיין צייט דיר צו זאָגן, אַז דו ביסט רייצנד און אַז כ'האָב דיך אַזוי ליב. נעמענדיק אין באַטראַכט די באַדינגונגען, האָבן מיר זיך גוט געהאַלטן און נישט פאַרלוירן אונדזער צייט".*

ווי וווּנדערבאַר איז עס, טראָץ דער שווערער אַטמאָספער, צו זיין אַט אַזוי צוזאַמען פאַראייניקט ווי אַ גליקלעכע פאַמיליע. דאָס איז ווערט אַלע קרבנות. די קינדער זענען אויף אַ בעסערן וועג. מיכאעל זעט אויס אַ סך בעסער, אָבער כ'בין איבערצייגט, אַז אונדזער קליינטשיקער דאַרף נאָך האָבן אַ סך הילף. ביידע זענען פיזיש דערשעפּט און כ'פיל, אַז אַ צו גרויסע לאַסט דריקט אויף זייער גייסט. צי קאָנען זיי די מענטשן באמת באַגרייפן, אַז אונדזער גאַנץ האַרץ קומט צום אויסדרוק אין אונדזערע ליד און מעשים? אין די אויגן פון די, וואָס קענען דעם אמת, איז אונדזער האַלטונג אַ גוטע און אַ שיינע. אין די אויגן אָבער פון די, וואָס האַסן דעם אמת, איז די האַלטונג אונדזערע אַ „פּראָוואָצירנדיקע און אַראָגאַנטע".

טראָץ דער פאַרביטערטקייט פונעם קאַמף, האָב איך נאָך צוטרוי. כ'וויל קיינמאָל נישט קאַפּיטולירן פאַר די שקרים און פאַר דער אומערלעכקייט. ווי באַלד נאָר מיר דערפילן אונדזער פליכט לגבי אונדזערע קינדער און לגבי די מענטשן מיט גוטן ווילן, איז קיין שום אַנדערע וואָג נישט וויכטיק. מיר מוזן זיך שטיצן אויפן גרויסן כּוח, וועלכן ס'גיט אונדז די ענגע פאַרבינדונג פון אונדזערע הערצער און נשמות, כּדי צו געפינען דעם גייסטיקן אָנשפּאַר, וועלכער וועט אונדז דערלויבן אויפצונעמען רואיק דאָס, וואָס עס דערוואַרט אונדז.

מיין ליבע צו דיר וועט נישט האָבן קיין סוף. גענוג צו טראַכטן וועגן דיר, כּדי מיין צעווייטיקט האַרץ זאָל געפינען אַ טרייסט. תּמיד דיינער,

י ו ל י ו ס

19־טער פעברואַר 1953

אַ גוט־מאָרגן, מיין ליבסטע.

דו פעלסט מיר. אַזוי ווי מיר האָבן נאָך אַביסל צייט, מיין איד, אַז מיר דאַרפן פאָרזעצן אונדזערע פלענער פאַר די קינדער און תּיכּף זיך נעמען צו דעם. די פאַרשטייסט, מען האָט געוואַרט פון איין מאָמענט צום אַנדערן אויף דער

* געמיינט בעת דער זעונג מיט די קינדער. (איבערז.)

אַנטשיידונג און אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט איז געווען געוואָנדן אויפן אום־מיטלבאַרן ציל, די פראַגע פון לעבן אָדער טויט. אָבער ווי דו זאָגסט, דאַרפן מיר פאָרזעצן צו לעבן און אויסצואַרבעטן די פּלענער פאַר אונדזערע קינדער און כ'וועל צוזאַמען מיט דיר באַשטיין, מען זאָל גיך און ערנסט שטודירן די דאָזיקע פראַגע.

נאָך א גענויער באַטראַכטונג פון גאַנצן פּראָבלעם, וואָס שייך דער צו־קונפט פון די קינדער וועלן מיר דאַרפן אויסאַרבעטן קאָנקרעטע פּלענער בנוגע זייער געזונט, זייער דערציונג, זייער לעבנס־שטייגער, סביבה אאז״וו. כ'בין איבער־צייגט, אז אויב מיר וועלן האָבן געלאָזט אין גאַנג א פּאָזיטיוון פּלאַן, וועלן מיר זיך דערפילן אַ סך רויִקער, און כ'וועט פאַרלייכטערט ווערן אונדזער גרוי־סער אומרו, באַזונדערס, ווען ס'וועט קומען דער טאָג פון דער אַנטשיידונג.

אונדזערע זיצונגען וועלן פון איצטער אָן זיין פון א באַזונדערער וויכטיקייט מיר גיבן זיך אָפּ א דין־וחשבון, אז אין דער נאָענטסטער צוקונפט וועט די פראַגע צו פאַרזיכערן א נאָרמאַל לעבן פאַר אונדזערע קינדער נאָך זיין א קאָמפּלי־צירטע. און צו דעם זענען מיר נאָך איצט פאַרנומען מיטן יורידישן קאַמף, וואָס איז פון גרויסער וויכטיקייט, און מיט אונדזערע פערזענלעכע שוועריקייטן.

אַנדערע אָנגעקלאָגטע, וועלכע פאַרטיידיקן זיך צוזאַמען, לעבן איינער לעבן אַנדערן און קאָנען רעגלמעסיק דיסקוטירן זייער ענין, האָבן די מעגלעכקייט זיך איינע די אַנדערע צו העלפן. אָבער אזוי ווי דו ביסט א פרוי און מיין פרוי. דערלויבט מען אונדז זיך זען בלויז 2 שעה א וואָך. אלע האָבן דאָ דאָס רעכט אויף 2 באַזוכן א וואָך פון 10 ביז 12 אזייגער און פון 1,30 ביז 3,30, דאָס מאַכט אויס כמעט 8 שעה א וואָך פּלוס צוויי צוויי־שעהדיקע באַזוכן איין מאָל א חודש זונטיק. יאָ, כ'פאַרשטיי די טעכנישע שוועריקייטן, וואָס דאָס וואָלט אַרויסגערופן, אָבער מיין פאַרלאַנג איז אזוי שטאַרק, אז מען וואָלט מיך — כ'מיין עס ערנסט — באַהאַלטן אויך אַריבערפירן אין דער פרויען־אָפּטיילונג.

ווייסטו, מיין טייערע, ס'איז מיר שווער צו פאַרשטיין, אז מיר געפינען זיך נאָך דאָ נאָך אזוי פיל לאַנגע חדשים. ערגעץ־ווו מיט א לאַנגער צייט צוריק האָב איך געפירט א נאָרמאַל לעבן מיט א צויבערנדיקער פרוי און צוויי שיינע קינדער און איצט איז אלץ געענדיקט און מיר וואַרטן אויפן טויט. און פאַרט איז פאַראַן אינעם פאַרלאַנג נאָך אַ קוש פון אַ פרוי און אין דער וואַרעמער אומאַרמונג פון א זון א צוזאָג פון א צוריקקער צום שיינעם לעבן. כ'ווייס עס. אויב מיר וועלן זיין ווידער צוזאַמען, וועלן מיר זיין נאָך פילמאָל גליקלעכער. אָט דער דאָזיקער מענטשלעכער כוח און די אונטערשטיצונג מצד מענטשן פון גאָר דער וועלט, דערמעגלעכן מיר צו קעמפן מיט אזוי פיל עקשנות פאַר זיין.

דיין מאַן

י ו ל י י ב

22-טער פֿעברואַר 1953

טייערער מאַני,

אין היינטיקן יאָרצייט-טאָג פֿון פֿאָטער פֿון אונדזער גרויסן לאַנד, באַקומט דער אידעאַל פֿון אמת זיין וויכטיקסטע באַדייטונג, ווייל ער איז דער הויפּט-עלעמענט פֿון אַלץ, וואָס מיר ווייסן און וואָס מען דערציילט וועגן ערשטן פּרעזידענט פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן.*

כ'מיין, אַז מ'וואָלט געדאַרפֿט באַרירן די אומאָנגענעמע טעמע וועגן אַ געוויסן אַרטיקל פֿון ליאָנס, וואָס איז דעם 20-טן פֿעברואַר 1953 דערשינען אין „ניו-יאָרק פּאָסט“. מ'דאַרף אַ סוף מאַכן צו דעם נידערטרעכטיקן ליגן. איך האָב אייך שוין צוויסן געגעבן וועגן פֿיל אינצידענטן פֿון זעלבן מין. איצט איז אָבער פֿאַראַן אַ נייער ביישפּיל פֿון ליגנערישע געשיכטעס, וואָס מען זויגט אויס פֿון פֿינגער, כּדי אָנצורייצן די עפֿנטלעכקייט קעגן אונדז און אונטערצושטיצן די מאָרד-מאַכינאַציע קעגן אונדזערע לעבנס.

קודם כּל איז דער סעקרעטאַר פֿון ריכטער, וויליאַם קאַראָל נישט געווען אין סינג-סינג און אויב ער איז יאָ געווען, האָט ער אונדז נישט געזען. מיר האָבן קיינמאָל נישט געמאַכט קיין שום דעקלאַראַציע, נישט פֿאַרן סעקרעטאַר און נישט פֿאַר עמעצן אַנדערש, וועגן עפּעס אַ ראַבינער. אפֿשר וואָלט נייטיק געווען צו באַמערקן, אַז ליאָנס איז אַן אינטימער פֿריינד פֿון ריכטער קויפֿמאַן, פֿון פּראָקוראָר און פֿון געוויסע מיטגלידער פֿון פֿ.ב.י. אויב איר זענט צופֿיל פֿאַרנומען מיט אַנדערע ענינים קאָנט איר די באַמערקונגען מיינע איבערגעבן עמעצן פֿון אייערע קאָלעגן.

כ'בין גליקלעך געווען צו לייענען דעם „טיימס“ פֿון לעצטן זונטיק. איך זע, אַז די עפֿנטלעכקייט הייבט אָן זיך צו דערוויסן וועגן איינדרוק, וואָס די אַפֿערע קעגן אונדז האָט געמאַכט אין אייראָפּע. איך בעט אייך, בעט אייער סעקרעטאַר, ער זאָל אונדז צושיקן די מאַטעריאַלן, וואָס דער קאָמיטעט פֿאַרעפֿנטלעכט.

מיר דערבענקען אויף אייך, טייערער פֿריינד, און מיר ווייסן, אַז איר דערפֿילט אַן אַרבעט פֿון וועלכער מיר וועלן זיין שטאָלץ.

יוליוס

פּ. ס. וואַלטער ווינטשיל איז געגאַנגען מיטן זעלבן וועג ווי ליאָנס. ס'איז מעגלעך, אַז די פֿאַרזאַמלונג פֿון די ניו-יאָרקער ראַבינער וויל קאָמענטירן אונדזער פּראָצעס. אָבער אין די אַלע באַמערקונגען איז נישט פֿאַראַן קיין פֿונק אמת.

---

* עס האַנדלט זיך וועגן פּרעזידענט וואַשינגטאָן דעם באַפֿרייער פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון דער ענגלישער הערשאַפֿט און שעפֿער פֿון דער ערשטער דעמאָקראַטישער קאָנסטיטוציע. (איבערז.)

23-טער פעברואַר 1953

טייערער מאַני,

כ'האָב צוערשט געמיינט, אַז דער רכילות-אַרטיקל פון ליאָנס איז געווען אַן איינצל פאַל. איצט בין איך זיכער, אַז דאָס איז דער לעצטער טייל פון דער קאַמפּאַניע, וואָס מען צעפלאַקערט קעגן אונדז. מען געפינט אין איר דעם זעלבן כאַראַקטער פון ליגנס, וואָס האָט אויסגעצייכנט די גאַנצע יורידישע אַקציע און די פּראָפּאַגאַנדע קעגן אונדז.

נאָך ליאָנסן, האָט ווינטשיל אין זיין ראַדיאָ-פּראָגראַם פון זונטיק אָוונט און אין זיין אַרטיקל פון מאָנטיק דערציילט אָט די נייע ליגנס. ס'איז מיר קלאָר, אַז דאָס איז אַ נייער פאַרצווייפלטער פּרוּוו פון אונדזערע שונאים אַנטקעגנצושטעלן אַ דאַמבע קעגן דער וואַקסנדיקער כוואַליע פון מענטשן, וועלכע שטעמפּלען דעם דאָזיקן יוסטיץ-טעות און פאַרלאַנגען אונדזער באַגנעדיקונג. נאַטירלעך פּאַסט עס זיך אַריין* אין דער האַס-קאַמפּאַניע, וועלכע מען פירט איצט, כדי צו פאַרבינדן קאָמוניזם מיט אַנטיסעמיטיזם. צו דעם גיט מען איצט צו די ראָזענבערגס.

מיר גיבן זיי קלעפּ, מאַני, און אָט דאָס דערקלערט זייערע אומזיניקע האַנדלונגען. אַזעלכע אַקטן דריקן אויס זייער מאָראַלישע אַנגסט. כ'וואַרט אויף נייעס וועגן פּאָזיטיווע מעשים.

מיר האָבן באַקומען אַ באמת וווּנדערבאַרן בריוו פון אונדזערע קינדער און כ'בין געווען טיף גערירט, ווען כ'האָב זיך דערוווּסט, אַז אַן איטאַליעניש שטעטל, וווּ כמעט אַלע זענען אַרבעטלאָז, האָט צוגעשיקט פאַר די קינדער אַ פּעקל נאַשוואַרג און אַ קליין שפּיל-קעסטל. דער געדאַנק, וועלכער האָט אינספּירירט די דאָזיקע מתנות, ווייזט גוט די גאַנצע שיינקייט, וואָס איז פאַראַן אין מענטשלעכן האַרצן. די צאָלרייכע דערמוטיקונגס-בריוו און דעקלאַראַציעס, וועלכע קומען פון גאָר דער וועלט, זאָגן עדות וועגן דער אמתער מענטשלעכער ברידערלעכקייט. מיר האָבן, וואָס מען דאַרף, כדי צו געווינען די שלאַכט. דאָס פאָלק האָט תמיד דאָס לעצטע וואָרט.

אייער

יוליוס

24-טער פעברואַר 1953

טייערער מאַני,

איך וואָלט גערן געוואָלט מע זאָל אויספאָרשן אויפן געזונט פון ראָבי און מ'זאָל פאָרויסזען אין דער נאָענסטער צייט אים צו אָפּערירן די האַלדז-מאַנד-

* די ליגנס פון ליאָן און ווינטשיל. (איבערז.)

לען. איך וואָלט, פאַרשטייט זיך, צופרידן געווען, נעמענדיק אין באַטראַכט אַלע צרות וואָס דאָס קינד האָט געהאַט אויסצושטיין, מען זאָל אים קאָנען פאַרמיידן די אָפּעראַציע וואָס קאָן זיך אים אויסדוכטן צו זיין א נייע ווייטיקלעכע איבערלעבונג. היות אָבער, אין זיין פרעקווענץ-ביולעטין פון קינדער-גאָרטן איז פאַרצייכנט א גרויסע צאָל אָפּוועזנהייטן, איז נייטיק, אז מען זאָל לייגן מער אַכט אויף זיין געזונט-צושטאַנד. אויב זיין נערוון-צושטאַנד קאָן אויסהאַלטן די נייטיקע כירורגישע אינטערווענץ און אויב אונדזער פאַמיליע איז מסכים דערויף (נאָר מיט דעם טאָפּלטן באַדינג וועלן מיר געבן אונדזער הסכמה), וועט מען דאַרפן זען ווי אַזוי עס דורכצופירן. מיר האָבן געהאַט אַ סך קרענקונג, זעענדיק, וואָס פאַרא שוועריקייטן אונדזער קינד טרעפט אָן ביים ארויסרעדן א גאַנצן זאַץ. הגם איך בין זיכער, אז אים איז שווער דייטלעך אויסצורעדן אויך צוליב אַנדערע סיבות, איז אָבער אָן ספק, אז א פאַרשטאָפּטע נאָז און א קראַנקער האַלדז פאַרלייכטערן נישט די סיטואַציע. מיר וואָלטן פונדעסטוועגן געוואָלט וויסן, איידער מיר גיבן אונדזער הסכמה, צי די היילונג קאָן פאָרויסגעזען ווערן.

אַלע, וואָס כ'האָב ליב פעלן מיר. די איינזאַמקייט ווערט אומדערטרעגלעך.

עטל

25-טער פעברואַר 1953

טייערער מאַני,

מיר האַלטן פעסט — און דאָס איז א גרונט-פּרינציפּ פון אונדזער לעבנס-פילאָזאָפיע — פון דער גלייכהייט און פון דער פרייהייט פון רעליגיע. דעריבער האָבן אונדז אַזוי אויפגעבראַכט די מאָנסטרועזע שקרים פון ליאָנס און פון ווינטשיל.

אין סינג-סינג זענען מיר, עטל און איך, געווען אָנוועזנד אויף אַלע צערעמאָניעס, וואָס ס'האָט דורכגעפירט דער תפיסה-רב און כ'האָב מיט אים גערעדט יעדעס מאָל, ווען ער איז געקומען אין דער אָפּטיילונג פון די פאַרמישפּטע. מיר האָבן דיסקוטירט וועגן אָט די רכילות. אויך ער (דער רב) איז אויפגעשוידערט איבער דער בייזוויליקייט פון די דאָזיקע קליינקעפּלדיקע זשורנאַליסטן. זינט דעם ווי איך געפין מיך דאָ, האָט אויך דער קאַטוילישער תפיסה-גלח, טאָמאַס זש. דאָנאָוואַן, זיך מיט מיר באַקענט. ער האַלט די בבא-מעשיות פון די צייטונגען פאַר א סקאַנדאַל און ער האָט מיר געזאָגט, אז ס'איז נישטאָ קיין מינדסטער סימן, כ'זאָל האָבן אָנגענומען אַזא האַלטונג. די דאָזיקע ביידע רעליגיעזע פערזענלעכקייטן און די דירעקציע פון דער תפיסה וועלן קאָנען עדות זאָגן, אז כ'האָב

זיך גוט אויפגעפירט אין מיינע באַציונגען מיט אלע מענטשן פון דאַנען, און דער עיקר, אז כ'האָב באַוויזן דורך מיינע רייד און דורך מיינע מעשים, אז כ'בין נישט אַנטי־רעליגיעז, זיי קאָנען באַשטעטיקן, אַז יעדער פאַטריאָטישער, רעליגיעזער צו ראַסיסטישער פאַנאַטיזם, וואָס אינספּירירט פיינטשאַפט קעגן ווע־מען נישט איז, איז מיר להלוטין פרעמד.

טייערער פריינד, דערפאַר, וואָס כ'בין טראָץ מיין אומשולד פאַרמשפּט צום טויט, קרייציקט מען מיך אויף אזא אופן.

אין אַן אַרטיקל פון 25־טן פעבּרואַר דערציילט דער „ניו־יאָרק־טיימס“, אַז מיסטער לעין* האָט געהאַלטן א רעדע, אויף אַ באַנקעט אין ליאָנס־קלוב אין ניו־יאָרק, און האָט געווידמעט דעם גרעסטן טייל פון דער דאָזיקער רעדע דעם ראָזענבערג־ענין.

דער לעצטער זאץ פון דער רעדע איז באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש: „אויב די רוסישע ווילן אָנגרייפן אונדזער לעבן, טאָ לאָמיר צוערשט זיי אוועקנעמען זייער לעבן“. ער האָט אויך דערקלערט, אז ער האָפט דאָס די אמעריקאנער וועלן נישט בלייבן גלייכגילטיק לגבי דער געפאַר פון דער קאָמוניסטישער אריינ־דרינגונג, און אז דער דאָזיקער פּראָצעס וועט זיי שטערן אין דעם. אזוי ארום זעט מען בפירוש מיט וואָסער ציל ער האָט געהאָלפן צוזאמענשטיקעווען א באַ־שולדיקונג קעגן צוויי אומשולדיקע מענטשן: כדי אויסצונוצן דעם פּראָצעס ווי א פּאָליטישן וואָפן קעגן די קעגנער, וואָס די לייט פון דעם מין באַצייכענען אלס קאָמוניסטן.

אגב, האָב איך זיך ווידער אַבאָנירט אויף „ניו־יאָרק טיימס“ אויף 3 חדשים.

כ'גלייב אויפריכטיק, אז דאָס גליקלעכסטע, וואָס האָט אונדז פּאַסירט זינט דעם אָנהייב פון פּראָצעס, איז דאָס, וואָס מיר האָבן אייך באַגעגנט און געפונען אין אייך א טרייען פריינד.

יוליוס

26־טער פעברואַר 1953

מיין טייערסטע עטל,

ס'זענען דאָ מאָמענטן, ווען כ'פיל זיך פול מיט ענערגיע, ארבעט א סך, בין גליקלעך צו קעמפן קעגן דער טיראַניע און בין צופרידן פון זיך. א שמועס מיט דיר, מיט מאַני, מיט די קינדער, צי מיט דער פאמיליע, עטלעכע גוטע

* מוילס דזש. לעין, וויצע־פּראָקוראָר אינעם ראָזענבערג־פּראָצעס. (איבערז.)

נייעם שטאַרקן מיין מוט און האַלטן אונטער מיינע כוחות. אָבער באַלד דערמאָן איך זיך, אַז כ'קאָן דאָך נישט צוריקקומען אהיים, צו דיר און די קינדער. דערמאַלט פיל איך א גרויסע ליידיקייט, א גרויסע פיין און מיין האַרץ טוט מיר וויי.

די ביכער זענען א וואונדערבאַרע דערפרישונג. ס'געלינגט זיי מיך איינגאַנצן צו אַבסאָרבירן. זיי פירן מיך ווייט אוועק פון דאַנען, גיבן מיר אַן אָנגעגעמטע צעשטרייונג, א מאָראַלישע שטאַרקונג און גייסטיקן שטאָף. איך לייען איצט א בוך פון דאַרבעס — די געשיכטע פון טעכנאָלאָגיע און פון דערפינדונגען און זייער איינפלוס אויף דער ציוויליזאַציע. א וויכטיק ווערק, און אינטערעסאַנטע לעקטיר. און ווען איך לייג אוועק דאָס בוך, דוכט זיך מיר, אַז די וועגט קומען זיך ווידער צונויף ארום מיר און די קראַטעס דריקן מיך צוזאַמען. דאָס שטרייכט אונטער דעם שאַרפן קאָנטראַסט צווישן גיכן פּראָגרעס אויפן געביט פון דער טעכניק און דעם אַרכאַאישן און באַרבאַרישן כאַראַקטער פון איצטיקן גייסטיקן און מאָראַלישן לעבן. דער, וואָס איז אומפעיק צו זען, צו פילן און צו פאַרשטיין דעם באַהאַלטענעם זין פון ווערטער, פאָרמען פון דער געזעלשאַפט, קאָן גאָרנישט האָבן פונעם לעבן. ווייל כדי צו באַגרייפן די אמתע שיינקייט פונעם לעבן, דאַרף מען זיך באַטייליקן אינעם פּראָגרעס פון דער מענטשהייט.

מיר דאַרפן זיין צופרידן פאַר אָט דעם כאַראַקטער־שטריך, וואָס מיר ביידע פאַרמאָגן: ביי אונדזער גאַנצער צוגעבונדנקייט צו די קליינע זאַכן, זענען מיר פאָרט פעיק נישט צו פאַרלירן פון אויג דאָס גאַנצע, די פעיקייט קלאָר צו פאַרשטיין די פּערספּעקטיוון און אויפצוהאַלטן א פעסטן גלייכגעוויכט. אָ, טייערע מיינע, דער גייסט און דאָס האַרץ וועלן נישט האָבן קיין באַפרידיקונג, כל־זמן עס וועלן נישט דערפילט זיין די מינימאַלע באַדינגונגען פון אונדזער געמיינזאַם לעבן, פון וועלכן מיר האָבן צוזאַמען געשעפּט דערפרייונג. כ'וויל אַזוי טיילן מיט דיר די פּשוטסטע זאַכן, די סאַמע קלענסטע און נאַטירלעך, מיין גאַנצע ליבע.

די ירושה פון אונדזער העברעישער קולטור האָט געדינט אונדזער פאָלק במשך פון יאָרהונדערטער און מיר האָבן פון איר אויפגעהיט נישט ווייניק לערעם. זי איז א טייל פון אונדזער וועזן, פון אונדזער בלוט און גיט אונדז כוח צו קעמפן פאַר א פרייערן, פרוכטבאַרערן, בעסערן לעבן. דאָס, וואָס מיר זענען, וואָס מיר באַזיצן, קאָן קיינער אונדז נישט אוועקנעמען, אפילו צעשיידנדיק אונדז איינעם פון צווייטן און דראָענדיק אונדז מיט טויט. מיר דוכט זיך, אַז אונדזער לאַסט וואָלט געווען ווייניקער שווער. אויב מיר וואָלטן נישט אַזוי טיף געפילט, אויב מיר וואָלטן נישט געהאַט אַזאַ קלאָרן באַוווסטזיין וועגן דער באַדייטונג פון אונדזער זאַך. און פונדעסטוועגן בין איך זיכער, אַז מיר וואָלטן נישט געוואָלט, ס'זאָל זיין אַנדערש.

אַזוי ווי מיר האָבן עס געטאָן ביז איצט, אַזוי וועלן מיר אויך פאָרזעצן אין דער צוקונפט בייצוטראָגן צום פּראָגרעס טראָץ די שוועריקייטן אויף וועלכע מיר שטויסן זיך אָן. אָט דעריבער באַניצן אונדזערע שונאים די העסלעכסטע מיטלען קעגן אונדז — ווייל זיי קאָנען אונדז נישט צווינגען זיך אונטערצוואַרפן. די גאַנצע ליבע פון מיין האַרץ פאַר דיר. דיין איבערגעגעבענער מאַן,

יוליוס

5־טער מערץ 1953

טייערע מאַני,

דעם 10־טן מערץ איז מיכאַעלס געבוירן־טאָג. ער ווערט אַלט 10 יאָר און מיר האָבן תמיד געפייערט די דאָזיקע טעג, געגעבן ביידע קינדער מתנות און געטאָן אַלץ, כדי זיי זאָלן זיין גליקלעך און צופרידן. באַזונדערס אין איצטיקן מאָמענט פילן מיר, אַז מען מוז מאַכן אַ באַזונדערע אָנשטרענגונג, כדי צו געבן אונדזערע קינדער אַ נייעם באַווייז פון ליבע, פון פאַרשטענדעניש און אויפוועקן צוריק זייער גלויבן אין דער צוקונפט. דערמאָנט די דאָזיקע דאַטע מיין פאַמיליע, אויב זיי זאָלן עס האָבן פאַרגעסן, ווייל כ'וויל, אַז זיי זאָלן עפּעס מאַכן פאַר מאַיקן און ראָבי. אויב מעגלעך גיט זיי אויך אַ וועלכע נישט־איז מתנה אין אונדזער נאָמען. עטל שלאָגט פאָר צו לאָזן פאַרגרעסערן אונדזערס אַ פאָטאָגראַפיע.

כ'וויל אייך זאָגן, ווי שטאַרק כ'בין געווען גערירט פונעם ברידערלעכן און וויברירנדיקן בריוו פון פאָל ווילאַר, דאָס איז אַן אמתער זון פון פראַנצויזישן פאָלק, וואָס האָט אַזוי ליב די פרייהייט... דאָס דערמוטיקט, ווען מען באַקומט אַזעלכע אויסדרוקן פון חברישקייט און פריינדשאַפט פון מיליאָנען מענטשן אין פראַנקרייך. כל־זמן דאָס וועלט־געוויסן וועט מאַניפעסטירן אויף אַזאַ אופן זיין אויפריכטיקייט אין ברידערלעכקייט, וועלן דער שלום און די פרייהייט אויף דער ערד זיין געזיכערט און די ראָזענבערגס וועלן זיין געראַטעוועט.

די וועלט שטייט ערב צאָלרייכע אַנטשיידונגען און עס איז אַזוי געשען, אַז צוויי אומבאַדייטנדיקע לעבנס זענען פאַרבונדן מיט אָט די גרויסע געשעענישן. דער עיקר איז, מיר זאָלן קעמפן אויף דער זייט פונעם פאָלק פאַר אַלץ, וואָס פאַרזיכערט אַ בעסערן און שענערן לעבן און דעם שלום. שטענדיק אייער,

יוליוס

8=טער מערץ 1953

מיין פאַרגעטערטע עטל,

דעם 10=טן מערץ וועט זיין 10 יאָר, ווי דו האָסט געבוירן אונדזער בכור. כ'בין שטאָלץ אויף אונדזער פאַמיליע, טייערע עטל, און טראָץ אַלע שוועריקייטן וואַקסן אונדזערע קינדער אין געהעריקע באַדינגונגען. כ'וויל, מיין געליבטע, דו זאָלסט איינזען, אַז איך ליב דיך מיט מיין גאַנצן וועזן, פאַרשטייט זיך, אַז כ'קאָן נישט זיין גליקלעך, פון דער גרויליקער לאַגע, אין וועלכער מיר געפינען זיך, אָבער כ'בין צופרידן פון אונדזער אומדערשיטערלעכער טרייקייט צו אונדזערע פּרינציפּן און פונעם אומבויגזאַמען קאַמף, וואָס מיר האָבן געפירט, כדי צו באַווייזן אונדזער אומשולד. מיין ליבע צו דיר איז טיף, אומצעברעכבאַר, און אונדזער צעשיידונג איז פאַר מיר א קרייציקונג. ס'איז מיר גענוג צו טראַכטן וועגן אונדזער ליבע, אונדזערע צערטלעכקייטן, אונדזער געמיינזאַם לעבן, וועגן דער ענגער פאַרבינדונג פון אונדזערע הערצער און פון אונדזערע מוחות, וועגן דעם גרויסן בטחון אין דער צוקונפט, כדי צו בלייבן זעלבסט=באַהערשט און נישט צו פאַרלירן דעם צוטרוי.

ביי דער געלעגנהייט דאַרף מען באַמערקן, אַז אונדזערע זין וואַקסן גוט, אַז אונדזערע פריינד טוען אַלץ, וואָס זיי קאָנען, כדי צו פאַרזיכערן זייער נאָרמאַלע אַנטוויקלונג און אויך, אַז די מענטשן, וועלכע מיר האָבן געשאָנקען אונדזער צוטרוי, אונטערשטיצן אונדז און שטעלן זיך איין פאַר אונדז. דאָס באַווייזט די ווירקזאַמקייט פון אונדזערע פּרינציפּן און דעם רעאַלן ווערט פון דער מענטשלעכער ברידערלעכקייט. אַזוי צו לעבן לוינט זיך באמת, סוף כל סוף איז דאָס, דאָס וויכטיקסטע, אַז מען זאָל פאָרזעצן צו קעמפן פאַר דער גערעכטיקייט, דער מענטשלעכער ווירדע, דער פאַרשטענדעניש, דער דעמאָקראַטיע און דעם שלום. אַפילו אין אָט דעם שוידערלעכסטן אָרט, וווּ מיר געפינען זיך, קאָנען מיר ביישטייערן צים פּראָגרעס. טראָץ אַלע שוועריקייטן וועט דער אמת און די גערעכטיקייט אונדז העלפן אין אונדזער קאַמף און ווירקן לטובת דעם אַלגעמיינעם וווּל.

די קריטישע צייטן, וועלכע מיר לעבן איבער, פאַרלאַנגען, אַז מיר זאָלן אויפהאַלטן דעם צוטרוי צו זיך גופא און צו אַנדערע און אַז מיר זאָלן האָבן א קלאָרן בליק אויף דער לאַגע, כדי צו זען גענוי אונדזער פליכט. דו באַמערקסט ווי שטאַרק דער שונא באַמיט זיך צו פאַרבינדן אונדזער פּראָצעס מיט אַלע וויכטיקע פּאָליטישע פּראָבלעמען, וועלכע ער דאַרף לייזן. מיר דאַרפן דערויף ציען די אויפמערקזאַמקייט פון די ברייטסטע קרייזן. אויב כ'וואָלט געדאַרפט רעאַגירן ביי יעדער נייער ווענדונג פון דער קאַמפּאַניע קעגן אונדז, וואָלט איך יעדן טאָג געשריבן גאַנצע פּעק בריוו. כ'האָב דיסקוטירט מיט דיר יעדן איינצלנעם וויכ=

מיקן פאקט און ווען כ׳קאָן נישט שרייבן צו מאַני, גרייט איך צו גאָמיצן פאַר אונדזער קומענדיקער באַראַטונג.

כ׳שיק אַ געבורטס־טאָג־בריוו צו די קינדער. כ׳האָף, אַז דאָס וועט זיי אָנטאָן פאַרגעניגן. ס׳איז שווער זיי צו שרייבן מיט אַט די שווערע געפילן, וואָס באַהערשן מיך. כ׳האָב מיך א פּאָר מאָל אָפּגעשטעלט, און דערמאָנט זיך אין אונדזער לעבן, ווען מיר זענען געווען אין דער היים: די קינדער שפּילן זיך אויפן דיל מיט זייער שפּילצייג און מיר זיצן אויף דער קאַנאַפּע, געניסנדיק פון אָט דער ליבער וואַרעמקייט פון אונדזער משפּחה־קרייז. מיין טייערע, מיר וועלן עס נאָך דערגרייכן. דאָס רעכט איז אויף אונדזער זייט. אונדזער ווילן איז פעסט און אחוץ דעם איז עס דער איינציקער וועג, וואָס פירט אונדז צו גערעכטיקייט און גליק.

די ווייסט, מיין פרוי, כ׳בין משוגע פון בענקשאַפט נאָך דיר און נאָך די קינדער. כ׳קאָן זיך מער נישט דערוואַרטן, ביז כ׳וועל דיך ווידער זען. כ׳קלער אָן אויפהער וועגן דיר און וועגן די קינדער. א גוטע נאַכט, מיין זיס ווייבעלע.

זיי תמיד דיין ליבנדיקער מאַן,

י ו ל י ו ס

12־טער מערץ 1953

מיין טייערע עטל,

אין די בריוו פון מיכאעל און פון מיין שוועסטער פילט זיך אַ שטאַרקער טאָן פון האָפענונג און ס׳איז באמת וווּנדערבאַר צו זען, ווי שטאַרק, מוטיק און באַגייסטערט עס קאָנען זיין מענטשן, וואָס ארבעטן פאַר א גוטער זאַך. די פרוכטבאַרסטע רעזולטאַטן זענען דערגרייכט געוואָרן טאַקע אַדאַנק די אַקציעס, וועלכע האָבן זיך באַזירט אויף א פולקאָמע פאַרשטענדעניש פון דער לאַגע און א קלאָרע קענטעניש פון די צילן, וועלכע מען שטעלט זיך. קודם כל מוז איך זאָגן, אַז מיר זענען גערירט און פילן זיך באַערט דורך דער פריינדלעכקייט, וואָס ס׳האָבן אַרויסגעוויזן צו אונדזערע קינדער און צו מיין פאַמיליע — מענטשן פון גאָר דער וועלט. ס׳איז אויסערגעוויינלעך וויכטיק, אַז וואָס מער מענטשן זאָלן פאַרשטיין, אַז דער שלום און די פרייהייט זענען די עיקרדיקסטע צילן, און אַז זיי זאָלן זיין אויפמערקזאַם צו געשעענישן פון דעם מין, ווי אונדזער פּראָצעס, וועלכער איז אַן אינטעגראַלער טייל פון צענטראַלן פּראָבלעם, פאַר וועלכן די וועלט געפינט זיך. מיר, וואָס קעמפן פאַר אונדזער לעבן, פאַרלאַנגען נישט מער ווי צו האָבן די מעגלעכקייט פאָרצוזעצן די ארבעט פאַר אָט דער גערעכטער זאַך.

הגם כ'האָב זיך אָפּגעהאַלטן צו שרייבן אין די לעצטע וואָכן, במשך פון וועלכע כ'האָב דורכגעטראַכט אַלץ, וואָס כ'האָב געלייענט, קאָן איך זיך נישט איינהאַלטן נישט צו קאָמענטירן אַ לאַגע, וואָס ווערט, לויט מיין מיינונג, כּסדר גערגערלעכער. אין דער ווירקלעכקייט פירט די גאַנצע פּרעסע אַ שאָוויניסטישע קאַמפּאַניע. אָפענע קריגס־העצערישע דעקלאַראַציעס, ציַיטונגס־אַרטיקלען פול מיט טונקעלע אַנטקעגנגעזעצטע גייעסן, דאָס אַלץ האָט געמוזט מבולבל מאַכן דעם עולם. ווייל פאַרן פּשוטן מענטשן פון אַ גאַנץ יאָר מוז זיין זייער שווער ארויסציִען פון אָט דער לעקטור אַ בילד וועגן די פאַקטן, וואָס ער מוז האָבן כּדי צו פאַרשטיין, וואָס עס קומט פאָר און קענען וואָס ער מוז זיך אַנטקעגנשטעלן. מיר דיכט זיך, אַז די אויפגאַבע, וואָס עס דאַרפן דערפילן די פּראָגרעסיווע מענטשן, די אָנפירער, מענער און פרויען מיט גוטן ווילן, איז צוליב דעם אַ נאָך שווערערע אָבער אויך אַ דרינגענדיקע.

אָ, מיין טייערע, כ'פיל זיך אַזוי באַרויבט פון מיינע רעכט, כ'וואָלט געוואָלט קענען אָפּשטעלן אויף דער גאַס אַ פּשוטן מענטש, אַליינס וועלכן, און מיט אים רעדן. ווייל כ'בין זיכער, אַז עס וואָלט אונדז געווען גאָר לייכט זיך צו פאַרשטענדיקן מיט אים וועגן אונדזערע געמיינזאַמע אינטערעסן.

זיכער: כ'האָב געלייענט פיל שיינע פראַזן און געהערט וועגן הויכע פּרינציפּן בעת לאַנגע דיסערטאַציעס. פּוסטע ווערטער זענען דאָס, באַזירט אויף פאַלשע הנחות, וואָס פירן צו רעאַקציע, צו עלנט, צו מלחמה — און דאָס תּמיד אונטערן תּירוץ פון פאַרטיידיקן דעם שלום און די „פרייע וועלט". ס'איז אָבער גענוג צו האָבן אין אויג געוויסע מעשים, וואָס ווייזן, אַז די מענטשן וועלן, טראָץ אַלע שוועריקייטן, פאַרט פאַרהיטן דעם שלום, כּדי אויפריכטיק צו גלייבן, אַז זיי וועלן אונדז העלפן זיך צו ראַטעווען.

דו ווייסט גוט, ווי שטאַרק דו פעלסט מיר און אַז איך ליב דיך פון גאַנצן האַרצן. דיין מאַן,

י ו ל י ו ס

15־טער מערץ 1953

מיין טייערסטע,

דו קאָנסט זיך פאָרשטעלן מיין אימרו בעת דיין פיינלעכן נסיון,* אָבער לויט דעם ווי כ'האָב פאַרשטאַנען, ביסטו אים גוט ביַיגעשטאַנען.

מיר, וואָס האָבן אַ ריין געוויסן און ערלעכע געפילן, מוזן נאָך אריבערטראָגן אַזעלכע פּייניקונגען, כּדי צו פאַרטיידיקן אונדזערע פּרינציפּן. אין איצ־

* געמיינט: די זעונג צווישן עטל און איר מוטער. (איבערז.)

טיקן מאָמענט זענען מיר אויף די פאָדערשטע ליניעס פון אן אַנטשיידנדיקער שלאַכט און כ'בין איבערצייגט, אז מיר וועלן אויך ווייטער געפינען דעם מוט צו בלייבן פעסט, טראָץ דעם שוידערלעכן פּרוזענלעכן דרוק, וואָס מען איבט אויף אונדז. פאַר אַנשטענדיקע מענטשן איז עס שווער צו גלויבן, אַז מען ווענדט אָן לגבי אונדזער גייסט און אונדזער האַרץ אַזעלכע אַנגריף־מיטלען פון באַרבאַרישן טעראָר. דער ציוויליזירטער געדאַנק רעוואָלטירט קעגן אַזעלכע מעטאָדן. די, וואָס זענען נישט בלינד, דאַרפן פאַרשטיין די פּאָליטישע לעקציע, וועלכע ווערט זיי דאָ געגעבן, אז נאָר די אָרגאַניזאַציע פון דער אָפּאָזיציע קעגן די שנאה־העצער קאָן ראַטעווען דעם שלום און די פרייהייט.

אָ, מיין טייערסטע, כ'ליב דיך אַזוי און וויל אַזוי זיין מיט דיר. שטעל דיר פאָר, זיי האָבן נישט געהאַט דעם מוט מיר צו קוקן אין פּנים. דיין פאַמיליע האָט אַפילו נישט פּרובירט מיך צו זען *. זיי דאַרפן אָפּוואַרטן צוגאָבלעכע אינ־סטרוקציעס פון פ.ב.י. אָדער פון פּראָקוראָר, איידער זיי וועלן ריזיקירן מיר פּאַרצוליגן זייערע געמיינע געשעפטן, הגם כ'קאָן נאָך נישט די פּרטים, ווייל איך דיך באַגריסן פאַרן איפן ווי דו האָסט זיך אייפגעפירט.

דו ווייסט, מיין ליבסטע, טראָץ דער וואַקסנדיקער צערודערונג אין דער וועלט־לאַגע פיל איך זיך אייך ווייטער רואיק. ווייל כ'בין פאַראַנקערט אין דער איבערצייגונג, אז דאָס רעכט איז אויף אונדזער זייט און אז מיר פאַרנעמען אַן אָרט אינעם קאַמף. איך ליד אָבער שרעקלעך פון אַ שטייענדיקן אומרו וועגן דיר און וועגן די קינדער. כ'מיין אָבער, אז דאָס איז אַ נאַטירלעכע זאַך. מיר האָבן נישט פאָרויסגעזען קיין אַנדערן באַזוך פון די קינדער. כ'גלייב, אַז מיר וועלן האָבן דאָס רעכט זיי צו זען, ווען מאַני וועט איבערגעבן אונדזער באַגנעדיקונגס־בקשה. טראַכט וועגן דעם און זע זיך איינצואָרדענען, מיר זאָלן האָבן נאָך אַ באַזוך, איידער מיר וועלן זיך דערוויסן וועגן דער אַנטשיידונג פון העכסטן געריכט. כ'פאַרגעטער דיך, עטל, מיין ליבע פרוי, איך דריק דיך שטענדיק צערטלעך צו מיין האַרץ. שטענדיק דיינער,

יוליוס

19־טער מערץ 1953

געליבטע פון מיין האַרץ.

נאָך צוויי טעג און דער קאַפּריז פון אַ יונגמאַן וועט ווערן אַ ליבע. אַלץ קומט צו דער צייט. אָט איז ווידער די שיינע צייט פון יאָר מיט קלאָרע, זוניקע טעג, וואָס מאַכן גיכער קלאַפּן דאָס האַרץ, דערפרישן דעם גייסט און געבן

---

* געמיינט די זעונג צווישן עטל און איר מוטער. (איבערז.)

אַ װוּנדערבאַרע עמפּפינדונג פון יונגטלעכקייט, דערמוטיקנדיק צו נײַע אױפטוען. די קראַפט פון דער יוגנט קומט צום אױסדרוק אין פּראָױסמאַרש.

די װעלט דערקענט איצט דעם אמתן כאַראַקטער פון אונדזער ענין און די עפנטלעכע מיינונג, די סאַמע אַקטיװסטע זאַך אױף דער ערד, אונטערשטיצט אונדז און באַװײַזט, אַז זי האָט פאַרשטאַנען דעם סאַמע װירקזאַמען אופן, װי אַזױ צו קעמפן פאַר שלום און פאַר דער פרײַהייט. נישט נאָר װאָס די דאָזיקע אַרױספאָדערונג קעגן דער יוסטיץ האָט דערמוטיקט דעם קאַמף, נאָר דער באַרבאַרישער גזר פון טויט, אַרױסגעטראָגן קעגן צװײ אומשולדיקע מענטשן צוליב זייערע פּראָגרעסיװע איבערצײַגונגען, האָט באַװיזן דעם אמתן פּרצוף פון אונדזער רעגירונג. די עפנטלעכקייט הייבט אָן צו פאַרשטיין די אמתע באַדײַטונג פון אונדזער פּראָצעס. דעריבער פיל איך זיך דערמוטיקט, און איך װאָלט געװאָלט, אַז מײַן טיפע ליבע, אין האַרמאָניע מיט מײַן מאָראַל, זאָל װי געהעריק קענען קומען צום אױסדרוק. אָן שום ספק האָבן מיר אַ גרױסע באַפרידיקונג צו האָבן אױפגעהאַלטן אונדזער גאַנצער ערלעכקייט און צו האָבן געאַרבעט פאַר אַ גוטער זאַך. אָבער אונדזער פלייש און בלוט, אונדזער גאַנץ װעזן װעט זײַן ערשט דעמלט צופרידן, װען מיר װעלן זיך געפינען בײַדע אין אונדזער היים צוזאַמען מיט אונדזערע קינדער.

איך טראַכט, מײַן טײַערסטע, אַז עס איז באַלד דרײַ יאָר, װי מיר האָבן מער נישט געלעבט צוזאַמען מיט אונדזערע קינדער. װי טײַער איז די דערינערונג װעגן יעדער רגע, װאָס מיר האָבן פאַרבראַכט מיט זײ און מיט װעלכער פרייד האָבן מיר זיך באַטייליקט אין יעדן זייער פאָרשריט. אַ נײַע צייכענונג, אַ שײנע קאָנסטרוקציע, עפּעס אַ כאַראַקטעריסטישער אױפטו. די סימנים פון װאַקסן, זייערע נייגונגען צו מוזיק, אַלע פריידן, זאָרגן, װייטיקן אפילו — דאָס אַלץ צוזאַמען שאַפט די שײנקייט פון פאַמיליע־לעבן. און אָט איז שוין ראָבי באַלד זעקס יאָר אַלט און מיכאָעל — צען יאָר און זײ בײדן און אונדז בײדן האָט מען צוגערויבט די רעכט, װאָס ס׳גיט דאָס געמײנזאַמע בלוט. מיר שטרײטן מיט איבערצײַגונג און מיר זענען פעסט בײַ זיך, װײַל די טיפע צייכנס פון לײדן האָבן אַרײַנגעקריצט אױף אַ נישט מער אָפּװישנדיקן אופן דעם דאָזיקן אמת אין אונדזער לײַב. װען כ׳זע אַ פונק פון פאַרשטענדעניש אין די טיפע בלױע אױגן פון מיכאָעל און דעם װאַרעמען, ליבלעכן שמײכל, װאָס באַלױכט ראָבים פּנים, דעמלט װײס איך, פאַרװאָס אונדז געלונגט אַריבערצוטראָגן די דאָזיקע שרעקלעכע לײדן. מיר דאַכט זיך, אַז אין תוך האָב איך אַ װײַד האַרץ, װײַל תמיד, װען איך טראַכט װעגן דיר און װעגן מײַנע זין, דרינגט מיך דורך אַזאַ געפיל פון ליבע, און הגם איך װײס עס נישט אַרויס, װערט אָבער יעדעס מאָל מײַן האַרץ איבערפולט פון טרערן.

דו ווייסט, אַז כ'האָב אין דער לעצטער צייט געלייענט אַ סך ביכער וועגן נאַטורוויסנשאַפט, פיזיק, וועגן פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און וויסנשאַפטלעכע פּראָבלעמען, און אַזוי ווי כ'ווייס, אַז דער מענטש קאָן דערגיין די סודות פון דער נאַטור און פאַרבעסערן די וועלט, גיב איך מיר אָפּ אַ דין־וחשבון, ווי וויכטיק ס'איז צו קעמפן, כדי דאָס זאָל ווערן אַ ווירקלעכקייט. דאָס איז פאַר מיר דער איינציקער אופן באמת ליב צו האָבן מיינע קינדער. מיין ליבע, זיסע פרוי, ווען איך זע זיך דערווייטערט און אָפּגעשיידט פון דיר דורך דער מאַכט פון טיראַניע, באַמיען זיך מיינע אויגן, מיין שטים, מיין פאַרהאַלטן זיך דיר איבערצוגעבן מיין באַוווּנדערונג, מיין פולשטענדיקע איבערגעגעבנקייט און זיי פאַרזיכערן דיר, אַז כ'וועל דיר שטענדיק בלייבן געטריי, אין אָט דעם טאָג, וואָס קומט מיט זיין פרילינג־הויך, מיט דער האָפענונג, וועלכע וועט פאַרוואַנדלען דאָס גאַנצע יאָר אין יוגנט־צייט פאַר דער פולער אַנטוויקלונג פונעם לעבן, וויל איך דיר זאָגן, אַז איך ליב דיך און אַז איך האָב צוטרוי. דיין יונגער געליבטער,

י ו ל י ו ס

24־טער מאַי 1953

עטל, טייערע מיינע,

דו האָסט זיכער אויך געזען די לעצטע געמיינהייט אין אָט דער ווערטער־שלאַכט, וואָס מען פירט איצט קעגן אונדז. מען דאַרף באַמערקן, אַז ערשט לעצטנס איז דערמאָנט געוואָרן אַ וויכטיקער פאַקט, וואָס ווייזט אויפן שאַרפסטן אופן, דאָס אונדזער פאַראורטיילונג איז דערגרייכט געוואָרן דורך קאָרופּציע. דער פאָרהאַנג פון שווייגן פון דער אַזוי גערופענער „פרייער" פּרעסע באַהאַלט די דאָזיקע וויכטיקע אינפאָרמאַציע פון דער עפנטלעכקייט, וואָס האָט דאָס רעכט צו קענען אַלע פאַקטן פונעם פּראָצעס. כדי צו באַהאַלטן אָט די פאַקטן, באַנוצט דאָס יוסטיץ־מיניסטעריום אַ פּסיכאָלאָגישע טאַקטיק, וואָס זעצט פאַר דאָס אָנשטאָפּן די צייטונגען מיט ליגנס צו פאַרטעמפּן די מוחות. די אָפיציעלע פּערזאָנען אינספּירירן נייע ראַפּאָרטן, וועלכע מען נעמט אויף מיט אָפענע אָרעמס אין די קרייזן, וואָס זענען מסכים מיט אונדזער פאַראורטיילונג.

דאָס איז נישט נאָר אַן איינזייטיקע אינטערפּרעטאַציע פון די פאַקטן, וועלכע איז אומפאַרשעמט און ווייט פון יעדער לאָיאַלקייט. דאָס איז אויך אַ סקאַנדאַליעזע אינטערפּרעטאַציע, ווייל אירע אַרגומענטן זענען אויסשליסלעך ליגנס. זיי ענטפערן קיינמאָל נישט אויף אונדזערע גוט־באַגרינדעטע אַרגומענטן. נאָר אָנשטאָט זיי, רוקן זיי תמיד אַרויס זייערע אַרגומענטן, וועלכע זענען בלויז באַהויפּטונגען אָן שום באַווייזן. דער פאַקט, וואָס די אָפיציעלע פּער־

זענען האָבן זיך אריינגעלאָזט ביים דאָזיקן פּראָצעס אין די סאַמע שטראָפּבאַרע מעטאָדן, באַדראָט ערנסט די באַזע פון דער יוסטיץ אין אַמעריקע און די פרייהייט פונעם גאַנצן פאָלק.

ווי ס׳זאָל נישט זיין, גלייב איך פעסט, אַז ס׳וועט זיי נישט געלינגען צו רעאַליזירן די מאָנסטרעזע פאַרשווערונג, ווייל זי איז באַזירט אויף אַן אומגעהייערן שקר, ווייל מיר זענען פולשטענדיק אומשולדיק. די באַמיונגען, וואָס אַלע ערלעכע מענטשן אין אַלע לענדער מאַכן לטובת אונדז, גיבן אונדז די גייטיקע צייט, כדי אויפצודעקן דעם אמת און נישט צו דערלאָזן צו אַן אומגעהייערער אומגערעכטיקייט. נאָך מער, דער פּראָצעס וועט האָבן ווייטערדיקע פאָלגן און ווי נאָך דאָס פאָלק וועט פאַרשטיין די סיבות און די אויסווירקונגען, וועט עס אַקטיוו אַרבעטן פאַרן שלום און פאַרן אמת, וועלכע זענען אין סכנה. כ׳בין איבערצייגט, אַז די פאַרצווייפלטע טאַטן פון דער אָפּאָזיציע* זענען אַן אויסדרוק פון זייער שוואַכקייט. זיי האָבן מורא, מען זאָל זיך נישט דערוויסן דעם אמת, און, אַז זייערע מיאוסע קונצן זאָלן נישט אַנפּלעקט ווערן פאַר די אויגן פון דער גאַנצער וועלט. די אַנטוויקלונג פון די געשעענישן ביז דעם פרוו אַרויסצושיקן סעדריק בעלפראַזש, שעף־רעדאַקטאָר פון דער פּראָגרעסיווער און אומאָפּהענגיקער צייטונג „געשאָנעל גאַרדיען”, און דאָס נישט אַריינלאָזן אויפן סמך פון מאַק־קאָרען־געזעץ אַ באַקאַנטן ענגלישן פּאַציפיסט אין די פאַראייניקטע־שטאַטן, שטעלן פאָר אַ סעריע אָנגריפן קעגן די דעמאָקראַטישע פרייהייטן פון פאָלק און זענען באמת סימפּטאָמאַטיש פאַרן פאַשיזם, ווען ס׳איז מער נישטאָ קיין פרייהייט פון אויסדרוק, איז אויך נישטאָ קיין פרייהייט פון געוויסן.

כ׳האָב צוטרוי, אַז דאָס אַמעריקאַנער פאָלק וועט נישט דערלאָזן, ס׳זאָל צו דעם דערגיין. אפשר ווייסט שוין עמעצער אין יוסטיץ־מיניסטעריום דעם ענטפער אויף אונדזער בקשה. ווי ס׳זאָל נישט זיין, וועלן מיר אים וויסן קומענדיקן מאָנטיק.

ס׳וועט זיין פאַר מ׳ר אַ גרויסער פאַרגעניגן צו לייענען דיין געדיכט און לויף פון היינטיקער וואָך, ווייל עס ווירקט באמת זייער שטאַרק. זעט אויס, אַז די זאַמלונג פון אונדזערע בריוו וועט אינגיכן אָפּגעדרוקט ווערן. כ׳בין זיכער, אַז דאָס וועט אונדז ברענגען נייע אָנהענגער.

מיינע בעטעס צו באַקומען די אויסגאַבעס פון קאָמיטעט** זענען, דוכט זיך, געבליבן אָן רעזולטאַט. קאָנסטו אויסנוצן דיין ליבנסווערטן איינפלוס און בעטן מאַני, ער זאָל עס מיר צושיקן?

---

* קעגן דער רעוויזיע פון פּראָצעס. (איבערז.)
** פאַרטיידיקונגס־קאָמיטעט פון די ראָזענבערגס. (איבערז.)

טייערסטע, איך שיק דיר מיין גאַנצער ליבע. איך ליב דיך מיטן גאַנצן האַרצן און מיט מיין גאַנצער נשמה.

א ליידנדיקער מענטש, וואָס איז אינגאַנצן משוגע נאָך דיר און וועמען די פעלסט זייער שטאַרק.

יוליוס

27=טער מאי 1953

טייערער מאַני,

איך לייג דאָ ביי אַ בריוו, וואָס יוליוס האָט מיר געשיקט אין טאָג פאַרן גייעם אָפּוואַרפן אונדזער בקשה. כ׳מיין, אַז דער דאָזיקער בריוו אַנאַליזירט מיט אויסערגעוויינלעכער קלאָרקייט די געשעענישן, וועלכע האָבן דערפירט צו דער קאַפּיטולאַציע פון העכסטן געריכט. כ׳האָב נאָך פאַרשידענע אַנדערע בריוו פון אים, וועלכע איך באַהאַלט ביי זיך, כדי דער דאָזיקער בריוו זאָל גיך דורכגיין, די צענזור און איר זאָלט אים תיכף באַקומען.

הייל מאַק=קאַרטי! באַטראַכט בלויז: צוויי אומפאַרשעמטע און אומפאָרזיכטיקע אפּיקורסים האָבן געהאַט די דרייסטקייט צו טראָצן די ליניע פון אויפפירונג, וואָס ס׳האָט געהאַט אָנגעצייכנט אונדזער הייס=געליבטער גאַו=לייטער, כדי נישט אוועקצונעמען ביי צוויי באַשיידענע בירגער דאָס רעכט, וואָס זיי האָבן אויף א פּראָצעס.* ס׳איז קלאָר, אַז דאָס איז אַן אָפענע, שענדלעכע, ציניש, פּאָליטישע פאַרפאָלגונג. דאָס דאַרף אָבער נישט זיין קיין גרונט צו פעסימיזם. אַ געזונטער אויסזען פאַרדעקט אָפט אַן אָרגאַניזם, וואָס האַלט שוין אין פוילן. מען דאַרף נישט האַלטן דאָס באַרימען זיך, דאָס אַרויסשטעלן די כוחות — פאַרן זיג גופא. פאַרקערט: נאָר דאָס אָנווייזן, אז דער דאָזיקער אָנגריף איז בלויז אַן אויסדרוק פון אָנמעכטיקייט, וועט שטערן צו פּאַראַליזירן און אָפּצושטעלן אונדזער פאַרטיידיקונג.

נאָר די שלאַכט פאַרן לעבן, קאָן צוריקשטויסן דעם טויט. אויסדריקן עס אין קלאַסישע ווערטער וועט עס הייסן: ס׳איז נישטאָ פאַרוואָס מורא צו האָבן, אחוץ פאַר דער מורא גופא.

זאָגט די ב...,** אַז אויך זיי דאַרפן גלייבן אינעם דאָזיקן גרויסן אמת, כדי איינצופלאַנצן אין אונדזערע קינדער זייער מוט און אונדזערן. אויב מיר,

* געמיינט די רעוויזיע פון פּראָצעס.
** די ב... האָבן אויפגענומען ביי זיך מיכאָעלן און ראָבי.

די עלטערן, וואָגן נישט זיך צו דערלויבן דעם לוקסוס, צו לאָזן זיך מיטרייסן פון די געפילן, טאָרן זיי עס אויך נישט. נאָך א זאַך, א שווערע אָבער אַן אומבאַדינגט נייטיקע: זיי דאַרפן זיין אונדזער שטים, אונדזער כוח, אונדזער ליבע. קעגן פעלדז פון אַ גרויסער פליכט, וואָס איז איבערגענומען געוואָרן מיט אַזוי פיל שטאָלץ, וועט די שנאה, וועלכע וואָלט אַזוי שטאַרק געוואָלט לאָזן אונ-טערגיין צוויי אומשולדיקע קינדער, זיך אָנטעכטיק צעשלאָגן.

כ'בעט אייך נאָך איין זאַך: טרייסט מיינע קינדער. כ'קאָן זיך נישט העלפן. ס'טוט מיר אַזוי וויי, אַזוי ווי פאַר זיי.

מיין גאַנצע פריינדשאַפט און מיין גאַנצן צוטרוי פאַר אייך.

עטל

31-טער מאַי 1953

עטל, טייערע מיינע,

נעמענדיק די פעדער, פרעג איך זיך, וואָס זאָל מען זאָגן דער היים-געליב-טער, ווען מען שטייט פאַר דער האַרטער ווירקלעכקייט: אין אַכצן טעג אַרום, דעם 14-טן יאָרטאָג פון אונדזער חתונה, וועלן מיר אומגעבראַכט ווערן. דער בינצטערסטער מאָמענט פון אונדזער נסיון דערנענטערט זיך. די שווערע סכנה, וועלכע באַדראָט אונדז, פאַרלאַנגט פון אונדז אָנצווענדן אַלע כוחות, כדי אויס-צומיידן סיי דעם נערוון-קריזיס, סיי די העלדישע פּאָזע. רואיק און זעלבסט-באַהערשט דאַרפן מיר אויפנעמען דעם סאַמע שווערסטן פון אַלע אונדזערע נסיונות. איבעריקנס וועט אַ גרויסער טייל פון אונדזער לאַסט ווידעראַמאָל פאַלן אויף די פלייצעס פון אונדזער טרייען פריינד און ראַטגעבער מאַני. מיר האָבן צו אים אַ בלינדן צוטרוי.

מיין געליבטע, כ'האָב נאָך אַמאָל געפּרוּווט צו אַנאַליזירן אויפן אָביעק-טיווסטן אופן די טעמים, פאַרוואָס די רעגירונג האַנדלט אַזוי. ס'איז דאָ אויף דעם בלויז איין ענטפער: מען פאָלגט דעם ווילן פון עטלעכע משוגעים, וועלכע ווילן מאַכן פון אָט דעם פּראָצעס אַ פּאָליטישע סטראַשידלע; קיין מאָל וועט מען נישט מוחל זיין דער אַמעריקאַנער רעגירונג די דאָזיקע סקאַנדאַליעזע פאַר-לייקענונג פון דער יוסטיץ און דעם דאָזיקן נידערטרעכטיקן גזר קעגן צוויי אומ-שולדיקע מענטשן.

ליבע מיינע, כ'ווייס, אַז אונדזערע קינדער און אונדזער פאַמיליע ליידן אַ סך אין איצטיקן מאָמענט און ס'איז נאַטירלעך, וואָס זייער גורל באַאומרואיקט אונדז. כ'גלייב אָבער, אַז מיר מוזן איצט אויסהיטן אַלע אונדזערע כוחות פאַר זיך גופא. לויט מיין מיינונג איז דאָס דער בעסטער אופן, כדי צו פאַרהיטן די

אונטערטן פון אונדזערע קינדער. מיין מלאך, אין זונטיק־נומער „ניו־יאָרק־טיימס“ איז פארעפנטלעכט אן אויסגעצייכנטער לייט־אַרטיקל וועגן אָנקומענ־דיקן חודש יוני, און וועלבן ס׳ווערט דער עיקר ארויסגעהויבן די שיינקייט פון דער נאַטור, וואָס רינגלט אונדז ארום. דער דאָזיקער חודש איז אונדזערער, ווייל אין חודש יוני זענען מיר געוואָרן מאַן און פרוי און האָבן געפונען די אומ־ענדלעכע פרייד פון א דורכאַפטער און לעבנספולער ליבע. טייערע פרוי, נאָ־בעלע פרוי, ביזן סוף וועל איך זיין דיר איבערגעגעבן מיטן גוף און מיט דער נשמה. מיין גאַנצע ליבע אויף וועלכער כ׳בין נאָר פעיק געהערט דיר.

י ו ל י ו ס

# א שמועס צווישן עטל און יוליוס ראָזענבערג מיט דעם דירעקטאָר פון די אַמעריקאַנער תפיסות

די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט געשיקט צו עטל און יוליוס ראָזענבערג א ספּעציעלן שליח, דעם דירעקטאָר פון די אַמעריקאַנער תפיסות, דזשיימס בענעט, ער זאָל זיי „איבערצייגן" צו שטעלן זיך אין דינסט פון דער פּאָליציי.

אָט איז אַ טייל פון דאָזיקן דיאַלאָג אין דער טויטן־קאַמער פון סינג־סינג.

נאָכן אויסהערן די „פּאָרשלאַגן" האָט יוליוס ראָזענבערג דערקלערט:

— איך קען אייך בלויז איבערחזרן, אז מיר זענען אומשולדיק... זינט צוויי יאָר האָט מיין פאַמיליע פיל געליטן... מיינע קינדער האָבן איבערגעטראָגן אַ שרעקלעכע מאָראַלישע גסיסה... און איר קומט אונדז רעדן וועגן „מיטאַרבעטן" מיט דער רעגירונג. מיסטער בענעט, מיר האָבן ליב אונדזער לאַנד. דאָס איז אונדזער פאָטערלאַנד, דאָס פאָטערלאַנד פון אונדזערע קינדער.

מיר ווילן נישט, אז דער נאָמען פון די פאראייניקטע שטאַטן זאָל באַשמוצט ווערן. טריי דער גערעכטיקייט, וואָלט איר אונדז געדאַרפט לאָזן לעבן, כדי מיר זאָלן באַווייזן אונדזער אומשולד.

ב ע נ ע ט : — ניין, איר וועט נישט האָבן קיין נייעם פּראָצעס. בלויז די מיטאַרבעט מיט דער רעגירונג קען זיין א באַזיס פאר ענדערן די שטראָף... הערט, יוליוס, איר לייקנט נישט, אַז איר ווייסט עפּעס וועגן דעם שפּיאָנאַזש?

י ו ל י ו ס ר אָ ז ע נ ב ע ר ג : — איך לייקן דאָס קאַטעגאָריש. האָט איר געלייענט דעם פּראָטאָקאָל פון פּראָצעס, הער?

ב ע נ ע ט : — ניין, איך האָב אים נישט געלייענט.

י ו ל י ו ס ר אָ ז ע נ ב ע ר ג : — איר וואָלט געדאַרפט אים לייענען, כדי צו קאָנען די פאַקטן...

ב ע נ ע ט : — יאָ, איך האָב געלייענט א באַריכט אין א צייטונג...

י ו ל י ו ס ר אָ ז ע נ ב ע ר ג : — וואָס ווילט איר זאָל איך טאָן? איך זאָל זאָגן, אז איך בין שולדיק? איר וועט זיין צופרידן בלויז דאַן, ווען איך וועל

זאָגן זאַכן, וואָס איר ווילט איך זאָל זאָגן. אָבער איך וועל נישט זאָגן קיין ליגן. פאַרוואָס גייט איר נישט צו דייוויד גרינגלאַס, כּדי צו פאַרלאַנגען פון אים, ער זאָל „צוזאַמענאַרבעטן“, זאָגנדיק דעם אמת וועגן דער דאָזיקער פּאָליצייאישער מאַכינאַציע? איר גופא, מיסטער בענעט, ווייסט אויסגעצייכנט, אַז דער פּראָקוראָר האָט דערלויבט גרינגלאַסן צו זאָגן ליגן. איר ווייסט, אַז דער פּראָקוראָר האָט באַווירקט שניידערן צו זאָגן ליגן. איר ווייסט, אַז די רעגירונג האָט געשטערט דער פאַמיליע פון מיין פרוי צו מאַכן דעקלאַראַציעס, וואָס וואָלטן געקענט אונדז ריינוואַשן. איר ווייסט, אַז דער פּראָקוראָר האָט באַהאַלטן פאַרן טריבונאַל פאַקטן, וואָס וואָלטן געקענט אונדז ריינוואַשן. קורץ, איר ווייסט, אַז קעגן אונדז איז נישט פאָרגעקומען קיין לעגאַלער פּראָצעס און אַז אַלץ איז געווען אַ פּאָליצייאישע מאַכינאַציע. און איצט ווילט איר, אַז מיר זאָלן דערקלערן, דאָס דער גרויסער ליגן איז געווען דער אמת. דאָס וועלן מיר קיינמאָל נישט טאָן... דאָס איינציקע מיטל אָנצווענדן לגבי אונדז די גערעכטיקייט איז צו דערלויבן אונדז צו באַווייזן אונדזער אומשולד פאַר אַ טריבונאַל.

בענעט: — ניין, איר וועט נישט געמשפּט ווערן אויפסניי. איר קענט זיך ראַטעווען בלויז דורך העלפן דער רעגירונג.

יוליוס ראָזענבערג: — עס איז אוממעגלעך איר זאָלט נישט ווייסן, וואָס די פעלקער וועלן טראַכטן וועגן דאָזיקן „מסחר“, וועלכן די רעגירונג שלאָגט פאָר צוויי אומשולדיקע: „דער ליגן אָדער דער טויט“.

בענעט: — יוליוס, דער גאַנצער טומל, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אַרום דעם ענין, האָט גאָרנישט צו טאָן מיטן פּראָבלעם. עס בלייבט אייך בלויז איין אויסוועג: העלפן דער רעגירונג.

דערויף האָט עטל ראָזענבערג צוגעגעבן:

„הער בענעט, מיר האָבן אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען די כּוונות פון דער רעגירונג. אָבער אָט איז אונדזער ענטפער: מיר וועלן זיך נישט לאָזן אָפּשרעקן דורך דער דראָונג צו ווערן עלעקטריזירט: מיר וועלן נישט דערמוטיקן די אָנווענדונג פון אַנטידעמאָקראַטישע, פּאָליצייאישע מעטאָדן דורך איינגיין אויף אַ פאַראַכטונגספול, העסלעכן, נידעריקן מסחר אָנשטאָט דער גערעכטיקייט, וואָס קומט אונדז. אַזעלכע מעטאָדן זענען פולשטענדיק אין גייסט פון די מעטאָדן פון היטלער-דייטשלאַנד...

מיר חזרן נאָכאַמאָל איבער, אַז מיר זענען אומשולדיק און מיר וועלן זיך נישט ענדערן“.

# עטל ראָזענבערג
# צו א האָלענדישער מוטער*

פאַר פרוי וואַן-האַארען,

פון סינג-סינג קיין האָלאַנד — צווישן זיי ביידן ליגט אַ ריזיקער מהלך. פון וואַסער, פון מענטשן. אַ האַלבע וועלט פון אומברחמנותדיקן האָרעווען און אַרבעטן, פון בלוט-פאַרגיסן און פאַרשקלאַפונג צעשיידט אונדז. אָבער נישט פאַראַן אַזאַ מהלך, וואָס דאָס מענטשלעכע האַרץ זאָל נישט קאָנען איבער-שפּאַנען; נישטאָ אַזאַ שאַרפער ווייטיק, וועמען דער אויסגעשריי פון א ניי לעבן זאַל נישט קאָנען שענקען קיין נייעם מוט, נייע האָפענונג.

גוטע מוטער פון עטל-יוליאַ, איר זייט אונדז טייער, און אייער געזיכט קאָן מען לייענען צערטלעכקייט און שמאָלץ. א פּראַכט אויף דעם צו קוקן, ווען איר האַלט אין די אָרעמס אַרומגענומען אייער קינד מיט דער אַנט-שלאָסענער קראַפט פון אַן אמתער פרוי. איר זייט א מוטער אַזוי ווי זי איז תמיד: פשוט, מילד, אָן שום צירונג אויסער דעם חן פון ליבע און געפילן — נעדולדיק, אומבאַזיגבאַר און פרוכטבאַר, ווי די פרוכטבאַרע ערד אַליין.

גוטע און גרויסמוטיקע שוועסטער, מעג איך עס מיט אייך טיילן, אַט דאָס קינד פון מיין ביטערן גורל אָבער נישט פון מיין לייב, דאָס קינד וואָס האָט פון ליבשאַפט וועגן באַקומען אָט דעם נאָמען?

שריי — נאָר אומדערשראָקן, עטל-יוליאַ, דיינע ברידערלעך רופן דיך צו מיט געניבל און שפּאַרן זיך אַרום דיר אָנצורירן דיין בלומען-פנימל. שריי, נאָר מוטיק, — קליין, פלינק, האָלענדיש מיידעלע — און וועק אויף די פאַרשלאָפענע, אויף יענער זייט אַטלאַנטישן אָקעאַן.

דער מאָרד-לוסטיקער ים קלאַפּט פול מיט סכנות אין אַלע ברעגן.

---

* דעם 6-טן יוני 1953, האָט דער האָלענדישער קאָמיטעט פאַר פאַרטיידיקן די ראָזענבערגס באַקומען אָט דעם בריוו פון עטל ראָזענבערג — א געדיכט אין פּראָזע — צו א האָלענדישער מוטער אין ראָטערדאַם, וואָס האָט איר ניי-געבוירן קינד א נאָמען געגעבן עטל-יוליאַ און וועגן דעם מודיע געווען עטלען.

# עטל צו אירע קינדער*

מיינע זייער טייערע, טייערינקע,

מען רופט עס אָן „זיך האַלטן“ און ס'איז זייער שווער. — דאָס ליגט נישט אונטער קיין שום ספק. אָבער מיר טאָרן דאָך זיך נישט לאָזן פאַרשעמען פון א חברה הינדעלעך (וועלכע זעצן פאָר זייער באַשעפטיקונג, נישט אונטערגעבנדיק זיך דער פּאַניק, הגם עס איז דאָ עפּעס וואָס שרעקט זיי). נישט אמת? איך האָב שפּעטער באַדויערט, וואָס איך האָב זיך נישט דערמאָנט אינעם „ביישפּיל פון די הינדעלעך“, וועגן וועלכע איר האָט דערמאָנט אין אייער לעצטן בריוו, ווייל דאָס וואָלט אייך אביסל געטרייסט אין מאָמענט, ווען מיר האָבן זיך צעשיידט.

איר האָט אפשר געקלערט, אז אויך איך האָב נישט געהאַט קיין חשק צו וויינען, ווען מיר האָבן זיך צעקושט ביים געזעגענען זיך אויף ווידערזען? איר האָט אפשר געקלערט, אַז איך בין געווען צו אַלטעגלעך, בעת אייערע געשעדיקטע געפילן האָבן פאַרלאַנגט אן אַנדער ענטפער?

מיינע טייערינקע, דאָס וואָלט מיר געווען אזוי לייכט, שוין צו לייכט, און איך האָב געמוזט באמת גובר זיין דעם שטאַרקן ווילן, נישט צו וויינען צוזאַמען מיט אייך. ווי איך זאָג עס אייך, וואָלט עס געווען צו לייכט פאַר מיר, אָבער דאָס וואָלט קיינעם נישט גענוצט. איך האָב דעריבער אויפגענומען די שווערקייט אָנשטאָט זי אויסצומיידן, ווייל איך האָב אייך ליב מער ווי זיך אליין און ווייל איך ווייס, אז איר נייטיקט זיך אין מיין ליבע מער ווי איך נייטיק זיך אין דער דערלייכטערונג, וואָס קומט פון טרערן.

אָנשטאָט צו וויינען האַב איך זיך באַמיט, אויף ווי ווייט איך האָב געקענט, אייך צו באַרואיקן, במשך פון די רגעס, וואָס זענען אונדז געבליבן, און איך האָב

* דעם בריוו האָט עטל ראָזענבערג געשיקט צו אירע קינדער דעם 17־טן יוני, אַ טאָג נאָך זייער באַזוך — דעם לעצטן וויזיט — אין דער תפיסה סינג־סינג.



אייך צוגעזאָגט צו שרייבן... „איין זאַך וואָלט איך וועלן איר זאָלט וויסן, די קושן צווישן דעם טאַטן און מיר עקזיסטירן, הגם אין איצטיקן מאָמענט קאָנען מיר זיי נישט אויסטוישן.

און הגם עס וואָלט ליב געווען זיך אונטערצוגעבן די געפילן, טוט מען עס אָבער בלויז אין דער מאָס, אייף וויפל עלטערן זענען אימשטאַנד זיך איבער־צוגעבן קעגנזייטיק און איבערצוגעבן זייערע קינדער דעם נייטיקן כוח און מוט, כדי גובר צו זיין די שוועריקייטן און „אויסצוהאַלטן", אויב נייטיק, — בלויז אין דער דאָזיקער מאָס האָט מען זיך באמת ליב.

איך וויס, מיינע ליבע, אַז אַזאַ מין אויפקלערונג קאָן נישט פאַרטרעטן דאָס, וואָס האָט אייך געפעלט און דאָס, צו וואָס מיר האָפן זיך אומצוקערן, אָבער נישט נאָר דאָס איז איצט דער מיין מיינער. איך וויל אייך קודם כל זאָגן, אַז מיר דאַרפן זיך באַמיען צו בלייבן רואיק און אָן פּאַניק, כדי מיר זאָלן אַמבעסטן זיך קאָנען העלפן איינע די אנדערע דורכצומאַכן דעם דאָזיקן נסיון.

גאָכן טאַטנס באַזוך פון היינט אינדערפרי וועל איך ווייטער שרייבן. דער־ווייל שיק איך אייך איבער דעם דאָזיקן נישט פאַרענדיקטן בריוו.

מיין טיפסטע ליבע און מיינע קושן אייך.

די מאַמע

# לעצטע באַגעזעגנונג־ווענדונג פון עטל און יוליוס צום פּרעזידענט אײַזענהאַוער

מיר, יוליוס ראָזענבערג און עטל ראָזענבערג, מאַן און פרוי, זענען איצט פאַרשפּאַרט אין טויטן־הויז פון דער תּפיסה סינג־סינג, אין דערוואַרטונג פון דער עקזעקוציע אויף דער עלעקטרישער שטול דעם 18־טן יוני, אינעם 14־טן יאָרטאָג פון אונדזער חתונה. מיר מאַכן צו אײַך די דאָזיקע ווענדונג, כּדי איר זאָלט זיך באַנוצן מיט אײַער העכסטער מאַכט, אויסצומײַדן „אַ פאַרברעכן, וואָס איז ערגער ווי אַ מאָרד" — אונדזער אומגערעכטן טויט.

מיר האָבן זיך שוין איינמאָל געוואָנדן צו אײַך. מיר האָבן דערקלערט, אַז דער אורטייל, וואָס איז קעגן אונדז אַרויסגעטראָגן געוואָרן איז קעגן דעם אמת און די זינען פון דער ציוויליזירטער מענטשהייט.

מיר האָבן געזאָגט דעם אמת: מיר זענען אומשולדיק.

ווידעראַמאָל פּראָקלאַמירן מיר פײַערלעך אונדזער אומשולד.

אויב מיר וועלן שטאַרבן, וועט אַמעריקע זײַן שולדיק פאַר דעם דאָזיקן פאַרברעכן. אויב מיר וועלן שטאַרבן, וועט די חרפּה פון אונדזער טויט שעמען די איצטיקע גענעראַציע און ליגן אַ שטעמפּל אויף דער געשיכטע, ביז מאָמענט ווען די קומענדיקע אַמעריקאַנער וועלן איבערנעמען אונדזער ירושה פון אמת, פון יושר און גלײַכהייט לגבי דעם געזעץ. אונדזער פּראָצעס האָט געשאַפן נײַע יורידישע פּרעצעדענסן אין דאָזיקן לאַנד, שענדלעכע פּרעצעדענסן, אומיושרדיקע, אומענטשלעכע, וועלכע אָנערקענען נישט פאַר מענטשלעכן לעבן אַפילו נישט די שוץ פון וועלכע עס געניסט דאָס רעכט פון אייגנטום.

די העכסטע געריכטלעכע אינסטאַנץ פון די פאַראייניקטע שטאַטן, דער העכסטער טריבונאַל, טראָגנדיק אין זײַנע זאַלן, באַדעקטע מיט ווײַסן מאַרמאָר, האָט נאָר וואָס אונדז אָפּגעזאָגט אָפּצולייגן די עקזעקוציע און אין אָנבליק פונעם אַזוי נאָענטן טויט — אונדז פאַרמאַכט זײַנע טירן, אָפּזאָגנדיק זיך צו באַטראַכטן די עיקר־פראַגן, וואָס דערגייען ביזן תּוך פון די באַשולדיקונגען און פונעם אור־

טייל, וואָס טרעפט אונדז. און דאָך — און דאָס איז אַ געשעעניש, וואָס האָט נישט קיין גלייכן אין דער געשיכטע פון אונדזערע טריבונאַלן, האָבן פיר ריכטער — פיר פון צווישן די אָנגעזעענסטע מיטגלידער פון דעם דאָזיקן טריבונאַל זיך ארויסגעזאָגט אונדז צו לאָזן לעבן, אַמווייניקסטנס אין משך פון דער צייט, וואָס איז נייטיק, כדי מיר זאָלן האָבן אַ מעגלעכקייט צו באַווייזן אונדזער אומשולד: די דאָזיקע מעגלעכקייט, פאַר וועלכער מיר האָבן זיך געשלאָגן, איז אונדז איצט אָפּגעזאָגט געוואָרן.

אָנשטאָט צו געבן אַזאַ מעגלעכקייט, פייניקן אונדז אונדזערע באַשולדיקער, אָנבאָטנדיק, פּנים אל פּנים מיטן טויט, דאָס לעבן פאַרן פריוון זיך מודה צו זיין, אַז מיר זענען שולדיק. קורץ פאַר דער דאַטע פון דער עקזעקוציע — גלייך ווי זיי וואָלטן געוואָלט שפּילן ביזן סוף אויף דער מורא פאַרן טויט און דער ליבע צום לעבן — איז זייער הויכער שליח געקומען צו אונדז מאַכן דעם דאָזיקן אומרייניגעם פאָרשלאַג. מיר וואַרפן אָפּ דעם דאָזיקן שענדלעכן מסחר און דאָס אפשר אין מאָמענט, ווען מיר לעבן די לעצטע געציילטע טעג פון אונדזער יונג לעבן. מיר ווילן נישט איינגיין צו באַשמוצן אונדזערע נעמען מיטן פאַלשן עדות זאָגן, כדי זיך צו ראַטעווען: הער פּרעזידענט, מאַכט נישט אומווירדיק אַמעריקע, שטעלנדיק אַלס באַדינג פאַר אונדזער רעכט צו בלייבן לעבן, אַז מיר זאָלן אָנערקענען אַ פאַרברעכן, וואָס מיר זענען נישט באַגאַנגען.

איר קענט נישט וועלן גלייבן אונדז, אָבער די שאַנדע פון אונדזער אורטייל האָט שוין טיף אריינגעדרונגען אינעם באַוווסטזיין פון די פאַרנונפטיקע מענטשן. די ריכטער בלעק און דוגלאַס (און, אָן צווייפל, אויך פראַנקפורטער, אויך אַ מיטגליד פון העכסטן געריכט פון די פאַראייניקטע שטאַטן) האָבן באַקאַנט געמאַכט, אַז זיי זענען נישט געניגט איבערצולאָזן דער געשיכטע זיך אַרויסצוזאָגן וועגן דער ריכטיקייט פון די טויט-אורטיילן, וואָס זענען דערגרייכט געוואָרן דורך אַ פּראָקוראָר, „וואָס זיין האַנדלונג האָט — ווי דאָס האָט דערקלערט דאָס אַפּעלאַציע-געריכט — נישט געקענט צו שטרענג געאורטיילט ווערן“, און וועלכע איז געווען „פולשטענדיק טאַדלהאַפט“ און אויף אַזוי ווייט פיל מיט שאָדן פאַר אונדז, אַז אַ רעוויזיע פון פּראָצעס וואָלט געדאַרפט צוגעשטימט ווערן.

איר קענט נישט גלייבן אונדז, ווייל די אַקטן פון אונדזער פּראָצעס אַנטהאַלטן אן אורטייל, וואָס אָנערקענט אונדזער שולד. און דאָך, האָבן מיר, אויפן סמך פון דאָזיקן דאָקומענט גופא, באַווייזן אונדזער אומשולד. דעם דאָזיקן דאָקומענט, וועלכער אַנטהאַלט, לויט דער רעגירונג די גאַנצע קראַפט פון איר טעזע, האָבן מיר געלאָזט אָפּדרוקן אין פולן טעקסט אין טויזנטער עקזעמפּלאַרן; ער האָט איבערצייגט אַנצאָליקע מענטשן אין אונדזער אומשולד און האָט דערוועקט ביי נאָך אַ גרעסערער צאָל מענער אין פרויען אַ טיפן צווייפל אין דער גערעכטיקייט פון אורטייל.

די וועלט גלייבט נישט אין אונדזער שולד; די דאָזיקע מיינונג איז רעזימירט אין דער שטאַרק דורכגעטראַכטער קאָנקלוזיע פֿון דאָקטאָר האַראָלד יירעי, אונדזער גרעסטן אַטאָמישן פיזיקער, וועמענס וויסנשאַפֿטלעך ווערק שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ גרויסן ביישטייער צו אונדזער נאַציאָנאַלער פֿאַרטיידיקונג.

„דער פֿאַל פֿון די ראָזענבערגס — האָט ער דערקלערט — איז אַ פֿאַקט אין פּנים דער לאָגיק און דער גערעכטיקייט... ער שטיצט זיך אויף אַן עדות זאָגן, וואָס איז באַשיינפּערלעך פֿאַלש“.

איר קענט נישט וועלן אונדז גלייבן, אָבער די עטלעכע קורצע חדשים, וואָס זענען פֿאַריבער זינט אונדזער לעצטער אַפּעלאַציע צו אייך, האָבן באַשטעטיקט אונדזער פֿאָרויסזאָגונג: די צייט און די געוויסנס וועלן אין זייער אומפֿאַרמיידלעכער אַנטוויקלונג אַרויסברענגען אונדזער אומשולד.

דאָקומענטן, וואָס זענען לעצטנס אויפֿגעדעקט געוואָרן, באַווייזן אויף אַן איבערצייגנדיקן אופֿן — אַן אופֿן, וואָס איז נישט ווייניקער איבערצייגנדיק, ווי דאָס וואָלט געווען דאָס צוריקציען זיך מצד גרינגלאַסן — דעם הויפּטעדות פֿון דער פּראָקוראַטור, וואָס געפֿינט זיך אין תּפֿיסה אונטער דער פּראָטעקציע פֿון דער רעגירונג, און וועמענס פֿרוי איז אינגאַנצן פֿריי, אָבער אונטער דער פּערמאַנענטער דראָונג פֿון אַ מעגלעכער באַשולדיקונג פֿאַר אַ גרויסן פֿאַרברעכן אין וועלכן זי האָט זיך מודה געווען — די דאָזיקע דאָקומענטן באַווייזן, אַז די גאַנצע אַפֿערע, וואָס איז קעגן אונדז פֿאַבריצירט געוואָרן שטיצט זיך אויף אַ פּיראַמידע פֿון ליגנס. די דאָזיקע נייע באַווייזן וואָלטן מינדעסטנס געדאַרפֿט אייך איבערצייגן, אַז דער ספֿק איבער אונדזער שולד איז געוואָרן אַזוי גרויס, אַז דאָס געוויסן פֿאַרלאַנגט מיר זאָלן לעבן.

מיר האָבן פֿאָרגעשטעלט די טריבונאַלן באַווייזן וועגן גרינגלאַסעס „נייגונג צו היסטעריע“, באַשטעטיקט דורך זיין פֿרוי גופֿא, וועלכע שטעלט פֿעסט — קעגנדיק אים זינט דעם עלטער פֿון 10 יאָר — „אַז ער דערציילט זאַכן, אַפֿילו ווען זיי זענען נישט אמת“.

מיר האָבן צוגעשטעלט דאָקומענטאַלע באַווייזן, פֿון וועלכע עס דרינגט אַרויס, אַז דוד גרינגלאַס, אַ געפֿאַנגענער דורך זיינע אייגענע פֿאַרברעכנס, איז פֿול מיט היסטערישער מורא פֿאַר זיין לעבן און פֿאַרן לעבן פֿון זיין פֿרוי רות, האָט נאָכגעפֿאָלגט זיין אַלטע געוווינהייט פֿון ליגן זאָגן, ווערנדיק אויסגענוצט דורך זיין פֿרוי — אַ כיטרער מענטש, וואָס איז פּונקט אַזוי שולדיק ווי איר מאַן — כּדי צו פֿאַבריצירן אַ מאָנסטרועזע געשיכטע, וואָס האָט אונדז דערפֿירט, אונדז, וועלכע זענען פֿון זעלבן לייב און פֿון זעלבן בלוט, אויפֿן לאַנגן און שרעקלעכן וועג פֿון טויט.

מיר האָבן צונויפֿגעשטעלט דאָקומענטן וואָס באַווייזן, אַז דוד גרינגלאַס האָט אויסגעפֿירט אַ גנבֿה פֿון אוראַניום אין לאָס אַלאַמאָס, אַן אינטערנעמונג, אין וועלכער מיר זענען, לויט אַלעמענס מיינונג, קיינמאָל נישט געווען פֿאַרמישט. דעם דאָזיקן פֿאַקט האָט ער און זיין פֿרוי פֿאַרבאַהאַלטן פֿאַרן פּראָצעס; אַזוי אַרום האָבן זיי געזוכט אויפֿצוהאַלטן די לעגענדע, אַז זיי זענען נישט מער ווי פּיאָנען אין אונדזערע הענט, און צו פֿאַרבאַהאַלטן די פּערזענלעכע סיבות, וואָס האָבן זיי געשטויסן צו שליסן אַ מסחר מיט דער רעגירונג, ווערנדיק אירע „מיטאַרבעטער", כּדי אונדז צו באַשולדיקן און זיך אַליין צו ראַטעווען.

און ווײַטער: ווער קאָן זאָגן, וועלכעס איז דאָס ריכטיקע פֿאַרברעכן, וואָס גרינגלאַס איז באַגאַנגען, כּדי ער זאָל אָננעמען דעם שווערלעכסטן באַשלוס צו שיקן זיין אייגענע שוועסטער צום טויט! מיר האָבן באַוויזן, אַז ער האָט אָנערקענט, אַז בעת זיין אַרעסט האָט ער געזאָגט ליגן וועגן די „שפּיאָנאַזש"-מאַטעריאַלן, וואָס ער זאָל האָבן איבערגעגעבן גאָלדן.

זיין עדות-דערקלערונג אויפֿן פּראָצעס איז געוואָרן אויסגעטראַכט שפּעטער. זי איז אַרויסגעדרונגען פֿון זיין חיהשן ווילן זיך אַליין צו ראַטעווען און צו ראַטעווען זיין פֿרוי, די מוטער פֿון זייַנע קינדער. דאָס דרינגט אַרויס פֿון די נייע באַווייזן, וואָס מיר האָבן צונויפֿגעשטעלט, און פֿון וועלכע עס איז צו זען, אַז אין אָנהייב האָט ער נישט באַשולדיקט קיין איינעם פֿון אונדז ביידן, און ער האָט נישט געזאָגט, אַז „דאָס דאָזיקע פֿאַרברעכן איז ערגער ווי אַ מאָרד", און אַז עס האַנדלט זיך אין דער גנבֿה פֿונעם סוד פֿון דער אַטאָמישער באָמבע.

מיר האָבן צונויפֿגעשטעלט אַ זאַכלעכן באַווייז, וואָס די באַשולדיקונג האָט קיינמאָל נישט פֿאָרגעשטעלט אויפֿן פּראָצעס פֿון וועלכן עס דרינגט אַרויס, אַז די גרינגלאַסעס און די רעגירונג האָבן צוזאַמענגעאַרבעט אויף צו פֿאַבריצירן די פֿאַלשע באַשולדיקונג, לויט וועלכער מיר האָבן געהאַט אין אונדזער וווינונג אַ טיש פֿון אַ גרויסן ווערט, וועלכער איז כּלומרשט ספּעציעל געווען אויסגעשטאַט, כּדי צו מאַכן מיקראָ-פֿילמען, און וועלכן מיר זאָלן האָבן באַקומען פֿון די „רוסן". דאָס דאָזיקע מעבל-שטיק געניצט צו צעקלאַפּן די עדות-דערקלערונגען פֿון גרינגלאַסן. דער דאָזיקער טיש, וואָס איז גאַנץ ווייט פֿון צו זיין „ספּעציעל אויסגעשטאַט", האָבן מיר, ווי מיר האָבן עס באַוויזן אויפֿן פּראָצעס, געקויפֿט אין די גרויסע מאַגאַזינען „מעסיס" פֿאַר אַן ערך פֿון 21 דאָלאַר.

מיר האָבן צונויפֿגעשטעלט דאָקומענטן, וועלכע באַווייזן די אומגלייבלעכקייט און אומוואַרשיינלעכקייט פֿון גרינגלאַסעס עדות זאָגן קעגן אונדז.

בעת מיר געפֿינען זיך אין אָנבליק פֿון טויט, האָט די רעגירונג צוגערשט פֿאָרגעשלאָגן, אַז קיין איינער פֿון די גרינגלאַסעס זאָל נישט ווערן באַשולדיקט אינעם פֿאַרברעכן.

די אומפאַרשעמטקייט פונעם „מסחר“ איז געווען קלאָר. דער פאָרשלאַג האָט געענדערט זיין פאָרם, אָבער נישט זיין אינהאַלט. די אינסצעניזאַציע איז געווען אַזאַ: רות, זיין פרוי, וועט ווערן באַפרייט, און דוד, הגם ער איז געווען באַצייכנט אַלס באַשולדיקטער, וועט נישט באַקומען קיין שטראָף. שפעטער, ערשט נאָכדעם, ווי אונזער אַדוואָקאַט האָט אויסגעדריקט פאַרן טריבונאַל זיינע פאַרדאַכטן איבערן עקלהאַפטן האַנדל וואָס ווערט געפירט, האָט די רעגירונג, כדי צו ראַטעווען איר פרעסטיזש, פאָרגעשלאָגן, אַז דוד גרינגלאַס זאָל באַקומען א תפיסה־שטראָף אויף א צייט. דער דאָזיקער נידערטרעכטיקער „מסחר“ איז, ווי מיר זעען, אַדורכגעפירט געוואָרן: רות איז פריי, דוד וועט קירצלעך באַפרייט ווערן; מיר אָבער געפינען זיך אין טויטן־הויז.

מיר האָבן זיך געווענדעט צו די טריבונאַלן אָפּצוּוואַרפן דעם סקאַנדאַליעזן אורטייל, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן דורך שווינדל און אויסגעפירט געוואָרן מיט דער הילף פון ליגנס.

אונזער רעכט צושטעלן באַווייזן, אָפן, פאַר דער העלער שיין, איז נישט אָפּגעהיט געוואָרן. מען שטערט אונדז צו לאָזן אויפדעקן דעם שווינדל און דעם ליגן. מען האָט אונדז פאַרווערט אויסצונוצן אַלע מעגלעכקייטן פון לעגאַלע אַפּעלאַציעס. מען האָט אונדז געגעבן בלויז דעם אַפּאַראַט פון דער יוסטיץ, אָבער נישט די עצם גערעכטיקייט.

אונזער טויט, איז צוגעאיילט געוואָרן מיט דער בכיוונדיקער פאַרבלענדונג, פון די, וואָס ווילן נישט זען די מאַכינאַציע — צי וועט אָבער אַזאַ טויט ראַטעווען די אַמעריקאַנער יוסטיץ, ווען די געשיכטע וועט צוריק אויפדעקן די ספקות, וועלכע מען קען נישט גענוג פאַרהוילן?

די קעגנוואַרט שפיגלט אָפּ די צוקונפט. נאָך קיינמאָל, ווי ביז איצט, זענען די מענטשן פון אַלע נאַציעס און פון אַלע שיכטן, נישט געווען אַזוי טיף דערשיטערט פון אונזער נאָענטן גורל. דער אומענטשלעכער טויט־אורטייל קעגן אונדז האָט שטאַרק אויפגעטרייסלט דאָס געוויסן פון דער וועלט.

אויב איר ווילט נישט הערן אונזער שטים, טאָ הערט די שטים פון דער וועלט.

הערט דעם פראַנצויזישן קאַרדינאַל, וואָס „ווינטשט ליידנשאַפטלעך“, אַז אונזערע לעבנס זאָלן געשוינט ווערן אין נאָמען „פון רחמנות און פון פרידן“. הערט דעם רוף פון 3,000 פון אונזערע פּראָטעסטאַנטישע פּאַסטאָרן, וואָס בעטן אייך אין נאָמען פון גאָט. הערט די רבנים פון פראַנקרייך, „אין נאָמען פון אונזער געמיינזאַמען אידעאַל פון גערעכטיקייט און פון גרויסמוטיקייט“.

הערט די שטים פון באַרימטע מענטשן און פון פּשוטע מענטשן: פון איינשטיינען מיט א לעגענדאַרן נאָמען, ביז צו די אַרבעטנדיקע אין די לאַבאָראַ־

טאָריעס פון מאַנטשעסטער; פון די סטודענטן, וועלכע קעמפן אין גרענאָבל, ביז די פּראָפעסאָרן פון אָקספאָרד; פון די באַרימטע רעזשיסאָרן פון רוים ביז די אַרטיסטן פון לאָנדאָן; פון די ליעזשער קוילן-גרעבער ביז די ביינוול-קלויבער אין אינדיע; פון די איטאַליענישע פּויערים ביז די פּראָפעסאָרן פון ישראל; פון פראַנסואַ מאָריאַק, דעם נאָבל-פּרייזטרעגער, ביז די זשורנאַליסטן פון מעקסיקע; פון די ראָטערדאַמער סטעוואָ-דאַקטילאָס ביז די טראַנספּאָרט-אַרבעטער פון ענגלאַנד; פון די אַרבעטער פון דער אויטאָמאָביל-אינדוסטריע אין דעטראָיט ביז צו די פּאַריזער מעטאַל-אַרבעטער; פון מאַרטען אַנדערסען-נעקסאָ אין דענעמאַרק, ביז סיקעיראָס אין מעקסיקע; פון אַננאַ זעגערס אין דייטשלאַנד ביז דזשאָרזש דיוהאַמעל אין פראַנקרייך, פון אויסטראַליע ביז אַרגענטינע; פון אורוגוויי ביז שוועדן; פון קובאַ ביז קאַנאַדע און ניי-זעלאַנד.

לייענט די טאָגעס פּעטיציעס, בריוו, פּאָסט-קאַרטלעך, וואָס הויפן זיך אָן איף אייער ביוראָ, און וועלכע ווערן אויך געשיקט דורך אָרנטלעכע און ערלעכע מענטשן פון אונדזער לאַנד. זיי האָבן דעפּילירט פאַר אייער טיר מאַסנווייז, ווי נאָך קיינמאָל נישט. זיי האָבן ברידער און שוועסטער אין לאָנדאָן, אין פּאַריז, אין מעלבורן, אין בוענאָס-איירעס, אין אָטאַוואַ, אין רוים. זיי פאָדערן ביי אייך, נישט צו מאַכן פון אונדזערע צוויי קינדער קיין יתומים. זיי בעטן אייך אין נאָמען פון וועלט-געוויסן, פון ברידערלעכקייט, פון מענטשלעכקייט און פון פרידן צו לאָזן אונדז ביים לעבן.

הערט די שטים פון די גרויסע פּערזענלעכקייטן און פּשוטע מענטשן, פאַרן וויל און פאַר דער רעטונג פון אמעריקע.

הערט זיך צו נישט בלויז צו אונדזערע באַשולדיקער פון יוסטיץ-מיניס- טעריום, וואָס דאָס געזעץ מאַכט פון זיי אייערע ראַטגעבער ביים דורכפירן אייער רעכט פון באַגנעדיקונג. צי איז דען נישט זייער שטעלונג באַשטימט פון זייער אינטערעס אויסצופירן א שטרייטבאַרן אורטייל? דער פאַקט, וואָס זיי האָבן נישט דערלאָזט עס זאָלן דערגרייכן צו אייך די איבערצייגנדיקסטע אַפּעלן לטובת אונדז, וואַרפט דען נישט אַ ספק אויף דער ערלעכקייט פון זייערע עצות?

לאָמיר זיך דערמאָנען דזשאָן דע סטראָגומבורג, דעם ענגלישן גלח פונעם בוך „די הייליקע זשאַן“ פון בערנאַרד שאָו. ער, וועלכער איז געווען איינער פון די בלוטדורשטיקסטע ריכטער, איינער פון די פאַרביסנסטע אויף צו פאָדערן, אַז זשאַן זאָל פאַרברענט ווערן, איז שיעור נישט משוגע געוואָרן פון געוויסנביסן און פאַרצווייפלונג, ווען ער איז צוריקגעקומען פון „רומפּולן“ ספּעקטאַקל.

„איר ווייסט נישט; איר האָט נישט געזען; עס איז אַזוי לייכט צו רעדן ווען מען האָט נישט געזען; איר פאַרשיכורט זיך מיט די ווערטער; איר פאַרמשפּט זיך צום אייביקן פייער, ווייל עס זעט אויס רומפּול צוגיסן אייל אויפן ברע-

נעגדיקן גיהנום פון אייער אייגענעם צאָרן; אָבער ווען איר געפינט זיך פּנים אל פּנים מיט דער אָפּגעטויטער זאַך, ווען איר דערזעט, וואָס איר האָט אָפּגעטאָן, ווען דאָס גיט א בלענד אין אייערע אויגן, און א זעץ אין אייערע נאָזלעכער, ווען דאָס גיט א ריס אייער האַרץ — דעמלט, דעמלט — אָ, גאָט, נעמט אוועק פון מיר דאָס דאָזיקע בילד, אָ, קריסטוס! באַפרייט מיך פונעם פייער, וואָס ברענט מיך... זי האָט פון פייער אַרויס, צו אייך געשריגן: יעזוס! יעזוס! יעזוס! זי איז אין אייער שווים און איך — איך בין אין גיהנום אויף אייביק".

מיר בעטן אייך, הער פּרעזידענט, ציוויליזירטער שעף פון א ציוויליזירטער נאַציע, צו משפּטן אונדזער רוף מיט פאַרנונפט און מענטשלעכקייט און פאַרגעסט נישט — מיר זענען א טאַטע און א מאַמע.

# געזעגענונגס־בריוו פון עטל צו אירע קינדער

19־טער יוני, 1953

זייער טייערע מאַני,

דער פאָלגנדיקער בריוו דאַרף איבערגעגעבן ווערן מיינע קינדער.

מיינע טייערסטע, ליבסטע, מיינע פאַרגעטערטע קינדערלעך,

הײַנט פרי האָט מען נאָך געקאָנט גלייבן, אַז נאָך אַלעמען וועלן מיר נאָך קאָנען אַמאָל זיין צוזאַמען. איצט, ווען דאָס איז מער נישט מעגלעך, ווינטש איך אַזוי, אַז איר זאָלט וויסן אַלץ, וואָס איך האָב דערפאַרן. לײַדער קאָן איך בלויז שרייבן עטלעכע פשוטע ווערטער. דאָס איבעריקע, וואָס איך וואָלט אייך געוואָלט זאָגן, דאַרף עס אייער לעבן אייך אויסלערנען, אַזוי ווי מיין לעבן האָט עס מיך אויסגעלערנט.

איך פאַרשטיי, אַז צוערשט וועט איר ביטער וויינען איבער אונדז, אָבער איר וועט נישט זיין די איינציקע, וואָס וועלן אונדז באַוויינען. דאָס איז אונדזער טרייסט, און ער דאַרף אויך ווערן אייערער.

סוף כל סוף דאַרפט איר זיך איבערצייגן, אַז דאָס לעבן איז ווערט געלעבט צו ווערן. זייט געטרייסט פונעם געדאַנק, אַז אינעם דאָזיקן מאָמענט אַפילו, ווען אינדזער סוף דערנענטערט זיך מיט יעדער מינוט, איז אונדזער גלויבן אינעם ווערט פון לעבן אַזאַ פעלזן־שטאַרקער, וואָס איז בכוח צו טריומפירן איבערן תלין.

אייער לעבן דאַרף אייך אויסלערנען, אַז דאָס גוטס קאָן נישט אויף אן אמת זיך אַנטוויקלען צווישן דעם שלעכטס, אַז די פרייהייט און אַלע זאַכן, וואָס מאַכן דאָס לעבן באמת ווערט געלעבט צו זיין, דאַרף אָפטמאָל טייער באַצאָלט ווערן.

געפינט אַלזאָ אַ טרייסט אינעם וויסן, אַז מיר זענען געווען רואיק און האָבן פאַרשטאַנען אויפן טיפסטן אופן, אַז די ציוויליזאַציע האָט נאָך נישט דערגרייכט דעם אַנטוויקלונגס־פונקט, אויף וועלכן עס וועט מער נישט נייטיק זיין מקריב צו זיין דאָס לעבן, כדי צו ראַטעווען דאָס לעבן גופא; און אַז מיר האָבן געפינען אונדזער נחמה אין דער זיכערקייט, דאָס אַנדערע נאָך אונדזער קרבן וועלן קאָנען זיין פאַרזיים.

מיר וואָלטן געוואָלט האָבן די אומגעהויערע פרייד און באפרידיקונג צו לעבן מיט אייך ביזן סוף פון אונדזערע טעג. אייער פאָטער, זעלבער איז מיט מיר אין אָט די לעצטע שעהן, וואָס זענען אזוי ווייכטיק, שיקט אייך זיין הארץ און די גאַנצע ליבע, וואָס ער טראָגט אין זיך פאַר זיינע טייערע זין. געדענקט תמיד, אַז מיר זענען געווען אומשולדיק און האָבן נישט געקאָנט פאַראַטן אונדזער געוויסן.

מיר דריקן אייך צו זיך און קושן אייך מיט אלע אונדזערע כוחות.

מיט אונדזער גאַנצער ליבע, דער טאַטע און די מאַמע

יוליוס, עטל.

פּ. ס. צו מאַני: איך בעט אייך איבערצוגעבן אונדזערע קינדער, אלס צייכן פון אומפאַרגענגלעכער ליבע, די עשרת-הדברות, דעם רעליגיעזן מעדאַליאָן מיטן קייטל און מיין קדושה-רינגל.

# לעצטער בריוו פון עטל ראָזענבערג

דעם 19־טן מאי, עטלעכע שעה פאר דער עקזעקוציע האָט עטל ראָזענבערג אָפּגעשיקט פאָלגנדיקן בריוו צום פארטיידיקער אַדוואָקאַט בלאָך.

טייערער מאַני,

כ'שיק מיין גאנץ הארץ צו אַלע, וואָס האָבן מיך ליב. כ'בין נישט אליין און איך שטאַרב „מיט ווירדע און מיט כבוד", ווייסנדיק, אז מיין מאַן און איך וועלן רעהאַבילימירט ווערן דורך דער געשיכטע. איר וועט טאָן דאָס, וואָס מען דאַרף, כדי אונדזערע נעמען זאָלן בלייבן קלאָרע און זאָלן נישט באַשמוצט ווערן דורך די שקרים. איר וועט עס טאָן אזוי, ווי איר האָט עס געטאָן ביי אונדזער לעבן מיט אזא פולשטענדיקער איבערגעגעבנקייט.

איר האָט געטאָן אַלץ, וואָס איז געווען מעגלעך. מיר זענען די ערשטע קרבנות פון אמעריקאַנער פאשיזם.

מיט מיין גאַנצער ליבע

עטל

# די צוואה פֿון עטל און יוליוס ראָזענבערג

18טער יוני 1953

טייערע מאַני,

כ'האָב פֿאַרפֿאַסט מיין צוואה אַזוי, אַז ס'זאָל נישט קאָנען זיין קיין שום באַוואָרעניש בנוגע מיין ווינטש, אַז איר זאָלט זיך פֿאַרנעמען מיט אַלע אונדזערע ענינים און איבערנעמען די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר די קינדער, אַזוי ווי איר האָט עס געטאָן ביז איצט. עטל איז מיט מיר פֿולשטענדיק מסכים וועגן דעם און באַשטעטיקט עס אייגנהענטיק.

אונדזערע קינדער זענען דאָס שוואַרצאַפּל פֿון אונדזער אויג, אונדזער שטאָלץ און אונדזער סאַמע טייערסט פֿאַרמעגן. ליבט זיי פֿון גאַנצן האַרצן און באַשיצט זיי תמיד, כדי זיי זאָלן אויסוואַקסן געזונטע און נאָרמאַלע מענטשן. כ'ווייס גוט, אַז איר וועט עס טאָן, אָבער אַלס פֿאָטער, וואָס איז שטאָלץ אויף זיינע קינדער, נוץ איך אויס מיינע רעכט, ווענדנדיק זיך מיט דער דאָזיקער ביטע צו אייך, צו אייך, מיין סאַמע טייערסטער פֿריינד און איבערגעגעבענער ברודער. כ'האָב שטאַרק ליב מיינע זין.

כ'בין נישט זייער געשטימט צו געזעגענען אייך, ווייל איך גלויב, אַז גוטע ווערק לעבן אייביק, אָבער כ'קאָן זאָגן, אַז: כ'האָב נאָך קיינמאָל נישט אַזוי ליב געהאַט דאָס לעבן ווי איצט, ווייל כ'האָב געזען, ווי שיין ס'קאָן זיין די צוקונפֿט. און ווייל כ'האָב דאָס געפֿיל, אַז אין אַ שוואַכער מאָס האָבן מיר צו דעם בייגעטראָגן, גלייב איך, אַז אונדזער קרבן וועט נישט זיין קיין אומזיסטער פֿאַר מיינע קינדער און מיליאָנען אַנדערע קינדער.

עס פֿעלן מיר ווערטער, ווען איך פּרוּוו איבערצוגעבן די גאָבלקייט און די גרויסקייט פֿון מיין לעבנס־באַגלייטערין, פֿון מיין ליבער, טייערער פֿרוי. אונדזער

---

* דאָס איז דער לעצטער בריוו פֿון יוליוס ראָזענבערג צום פּאַרטייזדיקער עמאַנועל בלאָך, געשריבן דעם 18טן יוני. צו דער דאָזיקער צוואה האָבן ביידע מאַרטירער צוגעשריבן אין אָוונט דעם 19טן יוני, איידער זיי זענען אַוועק צום טויט, עטלעכע שורות אַלס זייער לעצט וואָרט צו דער וועלט.

ליבע איז א גרויסע ליבע און אונדזער פאראייניקונג א וווּנדערבאַרע פאראיי־ניקונג, וואָס האָט געמאַכט מיין לעבן פול און רייך.

מיין אלטע, קראַנקע מוטער איז געווען פאר מיר א קוואל פון גרויסער נחמה און מיר האָבן תמיד געפילט איינער פארן אנדערן ליבע און צוגעבונדנקייט. אין אירע אָנשטרענגונגען לטובת אונדז האָט זי ארויסגעוויזן אמתע קרבנות־גרייטקייט. מיינע שוועסטער און מיין ברודער האָבן אונדז פון אָנהייב אָן אונ־טערגעשטיצט, זיי זענען געווען הונדערטפּראָצענטיק ביי אונדזער זייט און האָבן געאַרבעט לטובת אונדז. כ'קאָן באמת זאָגן, אז מיין פאמיליע האָט אונדז גע־האָלפן אין די צייטן פון אונדזער גרויסן נסיון.

וואָס שייך אייך, מאַני, באַטראַכטן מיר אייך נישט נאָר ווי אַ מישפּחה־מיטגליד. איר זייט אונדזער פריינד, אן אויסערגעוויינלעכער פריינד. די פאַר־בינדונגען פון ברידערלעכקייט און ליבע צווישן אונדז זענען געוואָרן אויסגע־שמידט אינעם קאַמף פארן לעבן און פאר אלץ, וואָס דאָס לעבן שטעלט פאָר און דאָס גיט אונדז גרויסע כוחות. זייט שטאַרק און פארטרעט אונדז, טייערער, טייערער פריינד. מיר ווינטשן אייך א לאַנג לעבן, כדי פאָרצוזעצן אייער פרוכט־באַרע אַרבעט אין געזונט און אין גליק, ווייל איר זייט אָן שום ספק אַ הער־לעכער מענטש, א טייערער פריינט און אן אויפריכטיקער פארטיידיקער פונעם פאָלק. איך גריס אייך און איך נעם אייך ארום פון מיין גאַנצן הארצן, מיט מיין גאַנצער פריינדשאַפט.

לאָזט זיי קיינמאָל נישט אָנגרייפן דעם אמת וועגן אונדזער אומשולד.

פאר שלום, פאר ברויט, און פאר רויזן. מיט פשוטער ווירדע, קוקן מיר דעם תלין אין פנים, מיט מוט, צוטרוי און קלאָרזעעוודיקייט, נישט פארלירנדיק קיין מאָל דעם גלויבן.

ווי תמיד

י ו ל י ו ס

פּ. ס. אלע מיינע פערזענלעכע זאכן געפינען זיך אין 3 קאַרטאָן־קעסטלעך, וועלכע איר קאָנט אָפּנעמען ביים דירעקטאָר פון תפיסה.

מיט מיין גאַנצער פריינדשאַפט,

י ו ל י ו ס

19־טער יוני

עטל וויל, מען זאָל וויסן, אז מיר זענען די ערשטע קרבנות פון אמעריקאַנער

פאַשיזם.

עטל און יוליוס

19־טער יוני 1953

# אינהאַלט:


| | זייט |
|---|---|
| פאָרוואָרט | 5 |
| אויב מיר וועלן שטאַרבן (ליד) | 29 |
| זיי וועלן אונדז באַפרייען (ליד) | 30 |
| קאַפּיטל I | 31 |
| קאַפּיטל II | 41 |
| קאַפּיטל III | 52 |
| קאַפּיטל IV | 67 |
| קאַפּיטל V | 77 |
| קאַפּיטל VI | 98 |
| קאַפּיטל VII | 114 |
| קאַפּיטל VIII | 128 |
| קאַפּיטל IX | 141 |
| קאַפּיטל X | 150 |
| אַ שמועס צווישן עטל און יוליוס ראָזענבערג מיט דעם די־רעקטאָר פון די אַמעריקאַנער תפיסות | 193 |
| עטל ראָזענבערג צו אַ האָלענדישער מוטער | 195 |
| עטל צו אירע קינדער | 196 |
| לעצטע באַגנעדיקונגס־ווענדונג פון עטל און יוליוס צום פּרע־זידענט אייזענהאַוער | 198 |
| געזעגענונגס־בריוו פון עטל צו אירע קינדער | 205 |
| לעצטער בריוו פון עטל ראָזענבערג | 207 |
| די צוואה פון עטל און יוליוס ראָזענבערג | 208 |